STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11077

# DI KLASNKAMFN IN FRANKRAYKH

Karl Marx

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

321. 91 : 33 (44)

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

קארל מארקס.

# דער קלאסנקאמף אין פראנקרייך

## פון 1848-טן ביז 1850-טן יאר

מיט א האקדאָמע פון פרידריך ענגעלס.

יידיש: ל. גאָלדבערג.

פארלאג: „פוט פראָסוועשטעניע"
ביים פאָלקאָמבילד פון או. ס. ר. ר.

(צענטראלע יידישע בילדונגס-ביוראָ)

כארקאָוו, 1923.

PRINTED in U.S.S.R.

# האקדמע.

אין דער פאַרגעלייגטער אַרבעט האָט מאַרקס געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו צו באַנוצן זיך מיט דעם מאַטעריאַ׳יסטישן מעטאָד אַף צו דערקלערן די מאדערנע געשיכטע. אינם קאָמוניסטישן מאַניפעסט ווערט די דאָזיקע טעאָריע באַנוצט אין אַ׳געמיינע שטריכן בענויגייע צו דער גאַנצער נייסטער געשיכטע אין איר גאַנצן פאַרנעם; אין אונדזערע אַרטיקלען אין דער „נײַער ריינישער צײַטונג“ האָבן מאַרקס און איך טאָמיד זיך באַנוצט מיט אים בײַם אויסטײַטשן די טאָג-טעגליכע געשעהענישן. די דאָזיקע אַרבעט אָבער איז געווידמעט דער אויספאַרשונג פון אַ לאַנגיאָריקן פעריאָד, וואָס האָט אין זײַן אינעווייניקסטן, אורזאַכלאַכן צוזאַמענבונד געהאַט אַ קריטישע און טיפּישע באַדײַטונג פאַר גאַנץ אייראָפּע און דאָס האָט, פונם מעכאַבערס שטאַנדפונקט, באַטײַט: דערקלערן די פּאָליטישע געשעהענישן אין סאַכהאקל גענומען דורך עקאָנאָמישע סיבעס.

בײַם באַהאַנדלען די לויפנדע טאָג-געשעהענישן איז ניטאָ קיין מעגליכקײַט זיך צו דערקלײַבן ביז צו זייער ל ע צ ט ע ר, עקאָנאָמישער סיבע. אַפּי׳ע אין אונדזער צײַט, ניט קוקנדיק אַף דער רײַכער ספּעציעלער ליטעראַטור, איז אַפּילע אין איינגלאַנד אוממעגליך פון טאָג צו טאָג נאָכצופאָרשן אַלע ענדערונגען אין די פּראָדוקציאָנס-אויפאַנים, דעם גאַנצן גאַנג פון דער אינדוסטריע און האַנדל אַפן וועלט-מאַרק, אַזוי אַז אין יעטווידער מאָמענט זאָל פאַר אונדז אויפשטיין אַן איינהײַטליך בילד פון די קאָמפּליצירטע, איינער מיטן אַנדערן איבערגעפּ׳אָכטענע און אייביק זיך ענדערנדיקע פאַקטאָרן. דערצו נאָך ווירקן געוויינטלאַך די הויפּט-פאַקטאָרן פונם עקאָנאָמישן לעבן אַ לאַנגע צײַט איז דער שטיל, איידער זיי רײַסן זיך מיט אַ פּלוצלינגער קראַפט אַרויס אין דרויסן. די צײַט-גענאָסן זײַנען קיינמאָל ניט אימשטאַנד מיט אַמאָל קלאָר צו פאַרשטיין די עקאָנאָמישע געשיכטע פונם געגעבענעם פעריאָד; מעגליך ווערט עס ערשט דערנאָך, ווען עס ווערט שוין צוזאַמענגעקליבן און דערלערנט דער נויטיקער מאַטעריאַל. אַ נויטיקער הילפסמיטל דערצו איז די סטאַטיסטיק, און זי פאַרשפּעטיקט דאָך שטענדיק. בײַם באַשרײַבן די לויפנדע געשיכטע קומט אָפּטמאָל אויס צו רעכענען אָט דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר פאַר אַ באַשטענדיקן, צו רעכענען די עקאָנאָמישע לאַגע, וואָס איז געווען בײַם אָנהויב פונם געגעבענעם פעריאָד, פאַר אומפאַרענדערליך אין משך פונם גאַנצן פעריאָד, אָדער נעמען אין באַטראַכט בלויז די עקאָנאָמישע ענדערונגען, וועלכע פליסן אַרויס פון קלאָר-באַוואוסטע געשעהענישן און ליגן אַלזאָ אַף דער פלאַך. אַ דאַנק דעם אַלעמען קומט דעם מאַטעריאַליסטישן מעטאָד אָפּטמאָל אויס זיך צו באַגרע-

ניצן דערמיט, וואָס ער פירט אונטער די פּאָליטישע קאָנפליקטן אונטערן אינטערעסן-קאַמף צווישן די געגעבענע, דורך דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג שוין צום לעבן ארויסגערופענע, געזעלשאַפטליכע קלאַסן אָדער פראַקציעס פון די דאָזיקע קלאַסן, און מיט דער „כאַראַקטעריסטיק פון איינצלנע פּאַרטייען, אַלס מער אָדער ווייניקער ריכטיקע פּאָליטישע אויסדריקערס פון די דאָזיקע קלאַסן און פראַקציעס.

פאַרשטייט זיך, אַז אָט די אומפאַרמיידליכע איגנאָרירן פון די ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער לאַגע, וועלכע קומען איינצייטיק פאָר, מוז ווערן אַ מאָקער פון טאָעסן. אַ פליסיגע באַשרייבונג פון דער טאָג-געשיכטע אנטהאַלט אין זיך אָבער אומפאַרמיידליך, מיט אַלע אירע טנאָאים, קוואַלן פון טאָעסן; דאָך האַלט עס קיינעם ניט אָפּ פון צו שרייבן די טאָג-געשיכטע.

ווען מאַרקס האָט פאָרגענומען די דאָזיקע אַרבעט, איז דער אָנגעוויזענער מאָקער פון טאָעסן געווען נאָך אומפאַרמיידליכער. אין דער רעוואָלוציאָנערער צייט פון 1848—49 יאָר, איז שוין אַבסאָליוט נישט געוואָרן קיין שום מעגליכקייט נאָכצושפּירן נאָך די איינצייטיק פאָרקומענדיקע עקאָנאָמישע ענדערונגען, און נאָך מער באַקומען פאַר אַ פאָרשטעלונג וועגן זייער אַלגעמיינער טענדענץ. דאָס זעלביקע איז אויך שייך צו די ערשטע גאָלעס-כאַדאָשים אין לאָנדאָן, אין האַרבסט און ווינטער 1849—50 יאָר. און מאַרקס האָט זיין אַרבעט אָנגעהויבן גראָד אין דער צייט. דאָך, נישט קוקנדיק אָף די נישט-גינציקע אומשטאַנדן, האָט מאַרקס, אַ דאַנק זיין גענויער באַקאַנטשאַפט מיטן עקאָנאָמישן מאַצעוו פון פראַנקרייך ביז דער פעוורואַ׳ער רעוואָלוציע און מיט איר פּאָליטישער געשיכטע נאָך דער רעוואָלוציע, באַשריבן די געשעענישן פון יענער צייט מיט אַזאַ פאַרשטאַנד פאַר זייער אינערליכן צוזאַמענבונד, וועלכן מיר געפינען נישט בײַ קיין איינעם אַפילו פון די לעצטע לויט דער צייט שרייבערס, און וועלכער האָט גלענצענדיק אויסגעהאַלטן אַ דאָפּלטע רעוויזיע, וואָס מאַרקס אַליין האָט דערנאָך דורכגעמאַכט.

פון פרילינג 1850 יאָר אָן האָט מאַרקס ווידער באַקומען די מעגליכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען; ער האָט זיך גענומען שטודירן די עקאָנאָמישע געשיכטע פון די לעצטע צען יאָר—דאָס איז געווען די ערשטע רעוויזיע פון דער פאָרגעלייגטער אַרבעט. די פאַקטן האָבן פולקאָם באַשטעטיקט די האַלב-אַפריאָרישע אויספירן, וועלכע ער האָט פריער געמאַכט פונם נישט גענוגנדיקן מאַטעריאַל. די אויספירן זיינען געווען פאָלגנדע: די גרונט-סיבע פון דער פעוורואַ׳ער און מאַרט-רעוואָלוציעס איז געווען דער קריזיס אינעם וועלט-האַנדל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1847 יאָר; פונם מיטן פון 1848 יאָר הויבט זיך ביסלעכווייז אָן אן אויפבליהונגס-פעריאָד פון דער אינדוסטריע און אין 1849 און 1850 יאָרן דערגרייכט ער ביז צו זיין העכסטע מאַדרייגע, און דאָס האָט געדינט פאַר אַ באַזע פאַר דער אויפסנײַ באַפעסטיקטער אייראָפּייאישער רעאַקציע: דאָס האָט געהאַט אַ באַשליסנדע באַטײַטונג. אין די ערשטע דריי אַרטיקלען (וואָס זיינען דערשינען אינעם יאַנוואַר-, פעוורואַלער און מאַרט-נומערן פון דער „נייער ריינישער צייטונג“,

פאליטיש=עקאנאמישע איבערזיכט, האמבורג 1850 יאר,) באמערקט זיך נאך די דערוואַרטונג פון א נייעם און שנעלן אויפשוואונג פון דער רעוואלוציאנערער ענערגיע; אבער אין דער פאליטישער איבערזיכט אינם לעצטן טאפלטן נומער (מאי=אקטיאבער 1850 יאר), וואס איז געשריבן געווארן דורך מארקסן און מיר, זאגן מיר זיך איינמאל פאר אלע מאל אפ פון די דאזיקע אילוזיעס: „א נייע רעוואלוציע קאן קומען ערשט נאך א נייעם קריזיס, אבער זי איז פונקט אזוי אומפארמיידליך, ווי דער דאזיקער קריזיס“. דאס איז געווען די איינציקע וויכטיקסטע אויסבעסערונג, וואס איז נויטיק געווען אין מארקס ארבעט. אין דער דערקלערונג פון די געשעענישן וואס איז געגעבן געווארן אין די ערשטע דריי ארטיקלען, אין דעם סיבעס-צוזאמענבונד, וואס איז אין זיי פעסטגעשטעלט געווארן, איז נישט אויסגעקומען צו מאכן אבסאלוט קיינע ענדערונגען, ווי עס באווייזט דאס ארייַנשטעלן אין דעם דאזיקן איבערזיכט דעם העמשאך פון דער דערציילונג פון 10 מארט ביזן הארבסט פון 1850 יאר. דעריבער האב איך דעם דאזיקן העמשאך איינגעשלאסן אלס פערטן ארטיקל אין דער דאזיקער נייער אויפלאגע.

די צווייטע רעוויזיע איז געווען נאך א שטרייגערע. נאך דער מלוכע=איבערקערעניש פון 2=טן דעקאבער 1851 יאר האט מארקס ווידער באארבעט די געשיכטע פון פראנקרייך פון פעווראל 1848 יאר אן ביז דער דאזיקער געשעעניש, וואס פארשליסט אף א צייט דעם רעוואלוציאנערן פעריאד („דער 18 ברימער פון לואי באנאפארט“). אין דער דאזיקער בראשור באטראכט מארקס ווידער, האגאם ווייניקער אויספירליך, דעם פעריאד, וועלכער איז באשריבן אין דער פארגעלייגטער ארבעט. נישט קוקנדיק דערויף, וואס אט די צווייטע ארבעט האט מארקס געשריבן אין א יאר ארום נאך דער ערשטער, נישט קוקנדיק דערויף, וואס פאר דער צייט איז פארגעקומען א באשליסנדע געשעעניש, וואס באשיינט מיט א נייער ליכט די פארגאנגענע צייט, איז דעם מעכאבער דאך אויסגעקומען צו ענדערן בלויז זייער ווייניק אין פארגלייך מיט דער פריערדיקער ארבעט.

דאס דאזיקע ווערק איז באזונדערס וויכטיק אויך דערמיט, וואס אין אים ווערט צום ערשטן מאל קורץ און בולעט פארמולירט די פאדערונג פון עקאנאמישער איבערבויאונג, וועלכע פאראייניקט די ארבעטער=פארטייען פון אלע לענדער: די פארגעזעלשאפטליכונג (סאציאליזאציע) פון די פראדוקציאנס=מיטלען. אינם צווייטן קאפיטל זאגט דער מעכאבער וועגן דעם „רעכט אף ארבעט“, אט דער „ערשטער, אומבאהאלפענער פארמול פון די רעוואלוציאנערע פאדערונגען פונם פראלעטאריאט“: „דער פועל-יוצע פונם רעכט אף ארבעט איז אבער די מאכט איבערן קאפיטאל, און מאכט איבערן קאפיטאל באטייט עקספראפריאירן די פראדוקציאנס-מיטלען, אונטערווארפן זיי דעם פאראייניקטן ארבעטער-קלאס; דאס הייסט, אלזא, פארניכטן די לוין-ארבעט און דעם קאפיטאל אין זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען“. דא ווערט אלזא,—צום ערשטן מאל,—פארמולירט די גרונט=האנאכע, וועלכע שיידט שארף אפ דעם מאדערנעם ארבעטער=סאציאליזם ווי—פונם פעאדאלישן, בורזשואזן, קלייןבירגערליכן א. א. וו.

סאציאליזם אין אלע פארשייענע זייערע פארמען, אזוי אויך פון דער אומקלארער פאדערונג פון פארגעזעלשאפטליכן דעם פארמעגן מיצאד דעם אוטאפישן און סטיכייאישן ארבעטער=קאמוניזם. שפעטער האט מארקס פארברייטערט די דאזיקע פארמול, ארייַנשטעלנדיק אין איר אויך די צואייגענונג פון די אויסטויש=מיטלען; אבער די דאזיקע פאדערונג, וואס פליסט אגעוו נאטירליך ארויס פונם קאמוניסטישן מאניפעסט, איז בלויז א צוגאב צו דער הויפט=האנאכע. אין איינגלאנד האבן זיך נישט לאנג געפונען כאכאמים, וועלכע האבן דערצו נאך צוגעגעבן די פארגעזעלשאפטליכונג (סאציאליזאציע) פון די „פארטיילונגס=מיטלען". עס איז א ספק, צי די דאזיקע הערן וועלן אימשטאנד זייַן צו זאגן, וואס אייגנטליך פארשטייען זיי אונטערן נאמען—עקאנאמישע פארטיילונגס=מיטלען—אזוינס, וואס זאל זיך אונטערשיידן פון די פראדוקציאנס=און אויסטויש-מיטלען; דאס קאָנען עפשער זייַן בלויז פאליטישע פארטיילונגס-מיטלען: צינזן, שטיצע פאר ארעמע לייַט, ארייַנשליסנדיק אהער אויך די געשאנקען פאר סאקסענוואלדן (ביסמארקן) און אנדערע געשאנקען. אבער, ערשטנס, געהערן אט די אלע פארטיילונגס-מיטלען שוין איצט אויך דער גאנצער געזעלשאפט דער מלוכע אדער געמיינדע, און, צווייטנס, ווילן מיר טאקע, אז זיי זאלן פארניכטעט ווערן.

* * *

וועז עס האט אויסגעבראכן די פעווראלער רעוואלוציע, האבן זיך אלע אונדזערע פארשטעלונגען וועגן די באדינגונגען און דעם גאנג פון רעוואלוציאנערע באוועגונגען באזירט אף דער פריהערדיקער היסטארישער דערפארונג, באזונדערס אף דער דערפארונג פון פראנקרייַך. פון 1789 יאר אן איז דאך פראנקרייַך געווען די טאן=געבערן פון דער גאנצער אייראפייאישער געשיכטע, און איצט האט דער סיגנאל צו דער רעוואלוציאנערער איבערקערעניש ווידער געשטאמט פון פראנקרייַך. דעריבער זייַנען אונדזערע פארשטעלונגען וועגן דער „סאציאלער" רעוואלוציע, וואס איז דערקלערט געווארן אין פאריזש אין פעווראל 1848 יאר, דער רעוואלוציע פון פראלעטאריאט, שטארק באפארבט געווארן דורך די ערינערונגען וועגן די רעוואלוציעס פון 1789—1830 יארן, וואס האבן געדינט פאר מוסטערן. דאס איז זע"בסטפארשטענדליך, און דאס איז געווען אומפארמייַדליך. ווען אבער גלייַך נאך פאריזש איז אויפגעשטאנען ווין, מילאן און בערלין, ווען גאנץ אייראפע ביז צו דער רוסישער גרעניץ, איז ארייַנגעצויגן געווארן אינם רעוואלוציאנערן שטראם, ווען, אין יוני 1848 יאר, איז אין פאריזש פארגעקומען די ערשטע גרויסע שלאכט צווישן דער בורזשואזיע און דעם פראלעטאריאט, א שלאכט פאר דער הערשאפט, ווען איר קלאסן=ניצאכן גופע האט אזוי אויפגעטרייסלט די בורזשואזיע פון אלע לענדער, אז זי האט זיך אומעטום צוריק אווארף געטאן אין די ארעמס פון דער נאר וואס אראפגעווארפענער מאנארכיסטישער און פעאדאלער רעאק-

ציע,—בא אזוינע אומשטאנדן האט פאר אונדז נישט געקאנט זיין קיין שום ספּעק, אז עס איז געקומען די צייט פונם גרויסן, אנטשיידענעם קאמף, אז דער דאזיקער קאמף וועט בילדן איין גאנצן, לאנגדויערנדיקן, שינואים=פולן רעוואלוציאנערן פעריאד, אבער ענדיקן קאן ער זיך בלויז דורך אן אנטשלאסענעם ניצאכן פונם פראלעטאריאט.

נאך די מאפּאלעס פון 1849 יאר זיינען מיר לאכלוטן נישט מאסקים געוועזן מיט די אילוזיעס פון דער וואולגארער דעמאקראטיע, וועלכע האט זיך גרופּירט ארום די קינפטיקע צייטווייליקע רעגירונגען in partibus. די דאזיקע דעמאקראטיע האט אויסגערעכנט אפן גיכן ניצאכן פונם „פאלק" איבער זיינע „אונטערדריקערס", וואס האט איינמאל פאר אלע מאל געדאוּפט באשליסן די זאך; מיר אבער האבן געמיינט, אז נאכן באזייטיקן די „אונטערדריקערס", וועט אויפפלאמען א לאנגער קאמף צווישן די פארשיידענע עלעמענטן, וואס ליגן באהאלטן אינם „פאלק" גופע. די וואולגארע דעמאקראטיע האט דערווארט נישט היינט=מארגן א נייעם אויפרייס; מיר האבן שוין אין הארבסט פון 1850 יאר דערקלערט, אז, לעכאל האפאכעס, די ערשטע טייל פונם רעוואלוציאנערן פעריאד איז פארענדיקט, און אז עס איז נישטא אף וואס צו האפן, ביז עס וועט נישט אנקומען קיין נייער עקאנאמישער וועלט=קריזיס. אונדז האבן דערפאר ארייננגעווארפן אין כיירעם, ווי פאררעטערס פון דער רעוואלוציע, די זעלביקע לייט, וועלכע האבן דערנאך, קימאט אלע אן אויסנאם, שאלעם געמאכט מיט ביסמארקן,— אף וויפל ביסמארק האט איינגעפונען, אז זיי זיינען עס ווערט.

אבער די געשיכטע האט אויך אונדז אפּגענארט, און אונדזער דעמאלסדיקער קוק האט זיך ארויסגעוויזן פאר אן אילוזיע. די געשיכטע איז אוועק נאך ווייטער. זי האט נישט נאר ארויסבאוויזן אונדזער דעמאלסדיקן טאעס, נאר זי האט אויך אינגאנצן אומגעענדערט די באדינגונגען, בא וועלכע דעם פראלעטאריאט קומט אויס צו קעמפן. די קאמף=פארמען, וועלכע האבן זיך פראקטיקירט אין 1848 יאר, זיינען איצט אין אלע הינזיכטן פארעלטערט געווארן. אף דעם דאזיקן פונקט לוינט זיך אפּצושטעלן געניער.

אלע רעוואלוציעס זיינען ביז אהער באשטאנען דערין, וואס איין קלאס האט געמוזט אפּטרעטן די הערשאפט א צווייטן; דערביי האט דער הערשנדיקער קלאס געבילדעט אן אומבאטייטנדיקע מינדערהייט, אין פארגלייך מיט דער פאלקס-מאסע, וואס איז אים אונטערגעווארפן געווען. אזוי איז ארא‍פּגעווארפן געווארן איין רעגירנדע מינדערהייט, און אף איר ארט האט אן אנדער מינדערהייט פארכאפּט דעם רודער פון דער מאכט, און האט אומגעענדערט די מלוכע=איינריכטונגען לויט אירע אינטערעסן. די עקאנאמישע אנטוויקלונג האט יעדעס מאל פייהיק געמאכט צום הערשן און גערופן דערצו א נייע מינדערהייט, און גראד דערפאר,—און נאר דערפאר—האט די רעגירטע מערהייט אדער אנטייל גענומען אין דער רעוואלוציע צום גונסטן פון דער דאזיקער מינדערהייט, אדער אלנפאלס, רואיק זיך איר אונטערגעווארפן. אויב מע זאל אפּזען אן א זייט דעם קאנקרעטן אינהאלט פון די אלע רעוואלוציעס, וועט זייער

אַ געמיינע פאָרם בלייבן דאָס, וואָס זיי אַלע זײַנען געווען רעוואָלוציעס פון אַ מינדערהייט. אפילו דעמאָלסט, ווען אין זיי האָט אַנטייל גענומען די מער-הייט, איז דאָס פאָרגעקומען באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק—בלויז אין די אינטערעסן פון דער אָדער יענער מינדערהייט, דערביי האָט דער דאָזיקער אַנטייל פון דער מערהייט, אָדער אפילו בלויז איר פּאַסיוויקייט, קלוימערשט געמאַכט די מינדערהייט פאַר דער פאָרשטייערן פונם גאַנצן פאָלק.

נאָכן ערשטן גרויסן ערפאָלג פלעגט צווישן דער זיגרייכער מינדערהייט געוויינליך פאָרקומען אַ שפּאַלטונג: איין טייל האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, און דער אַנדערער האָט געוואָלט גיין ווייטער, האָט געשטעלט נייע פאָדערונגען, וועלכע זײַנען לעכאַל האָפּאָכעס טיילווייס צוגעפּאַסט געווען צו די ווירקליכע אָדער אילוזאָרע אינטערעסן פון דער פאָלקס-מאַסע. אין איינציגע פאַלן פלעגן אָט די דאָזיקע ראַדיקאַלע פאָדערונגען פאַרווירקליכט ווערן אין דער עמעסן, אָפטמאָל אָבער בלויז אויף אַ קורצער צייט; די מעסיקע פּאַרטיי פלעגט ווידער נעמען די איבערהאַנט, די פרוכטן פון די לעצטע ניצחונות פלעגן פאַרניכטעט ווערן אינגאַנצן אָדער טיילווייס. די באַזיגטע האָבן דעמאָלס געשריען וועגן פאַרראַט, אָדער באַשולדיקט אין זייער מאַפּאָלע צופעליקייטן. אין דער עמעסן אָבער איז די זאַך מערסטנטיילס געווען אַזוי: די רעזולטאַטן פונם ערשטן ניצחון פלעגן פאַרטעסטיקט ווערן ערשט דורכן צווייטן ניצחון, דעם ניצחון פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, און נאָך דעם פלעגן די ראַדיקאַלן און זייערע ניצחונות ווידער פאַרשוואונדן ווערן פון דער סצענע.

די דאָזיקע שטריכן באַמערקן זיך אין אַלע רעוואָלוציעס פון דער נייער צייט, אָנהויבנדיק פון דער גרויסער איינגלישער רעוואָלוציע פון 17-טן יאָר-הונדערט, און זיי האָבן אויסגעזען צו זײַן אייגן פאַרבונדן מיט יעדווידער רעוואָלוציאָנערן קאַמף. עס האָט אויסגעזען, אַז מע קען זיי באַנוצן אויך בעוויגייע צום באַפרייאונגס-קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָך מער, ווייל אין 1848 יאָר האָט מען אויף די פינגער געקאָנט איבערציילן די מענטשן, וועלכע האָבן כאָטש וויפ, ניט איז פאַרשטאַנען, פון וועלכע באַדינגונגען עס קען פאָרקומען די באַפרייאונג פונם פּראָלעטאַריאַט. אפילו אין פּאַריז, און שוין נאָכן ניצחון האָט די אַרבעטער-מאַסע ניט געהאַט פאַר זיך קיין שום באַשטימטן פּלאַן פון מעשים. און דאָך האָט די באַוועגונג עקזיסטירט, אינסטינקטיוו, אַליין פון זיך, ניט צו דערשטיקן. אָט די לאַגע האָט געצוואונגען צו גלויבן אינעם אומפאַרמיידליכן ניצחון פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָגאַם זי וועט פאָרקומען אונטער דער אָנפירונג פון דער מינדערהייט, וועט זי דאָך זײַן אין די ווירקליכסטע אינטערעסן פון דער מערהייט. אויב אין אַלע מער אָדער ווייניקער לאַנגדויערנדיקע רעוואָלוציאָנערע פעריאָדן האָבן זיך די ברייטע פאָלקס-מאַסן אַזוי לייכט אונטערגעגעבן בלויז די פאַרפירעשע האוטאַכעס פון דער פאָרגעשטריטענער מינדערהייט, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי זײַן ווייניקער צוטריטליך פאַר אידייען, וועלכע זײַנען די פינקטליכסטע אָפּשפיגלונג פון זייער עקאָנאָמישע לאַגע, וועלכע זײַנען בלויז דער קלאָרער, באַוואוסטזיניקער אויסדרוק

פון זייערע אייגענע, נאך נישט באגריפענע, נאָר בלויז אומקלאר דערפילטע באַדערפענישן? עמעס, אַז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון די מאסן פלעגט טאמיד—און מערסטנטיילס זעער גיך—פאַרביטן ווערן דורך א מידקייט, אָדער אַפילו דורך אַ רעאַקציאָנערער שטימונג, ווי נאָר עס פלעגן פאַרשווינדן ווערן די אילוזיעס און עס פלעגט קומען די אנטוישונג. דאָ גייט דאך אָבער ניט וועגן צוזאָגן, נאר וועגן באַפרידיקן די בלוטיקסטע אינטערעסן פון אַ גוואלטיקער מערהייט. עמעס, די מערהייט איז נאָך ווייט געווען פון קלאָרן באַגרייפן אירע אייגענע אינטערעסן, אָבער זייער פראַקטישע באַפרידיקונג, די בולעטע ווירקליכקייט האבן דאך זעער גיך געדארפט עפענען זיי די אויגען, אָבער ווען די בורזשואַזע רעפובליק, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דער „סאָציאַלער" רעוואָ-לוציע פון 1848=טן יאָר איז אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג—ווי דאס ווערט באַוויזן אינעם דריטן אַרטיקל פון מאַרקסן—דערגאנגען דערצו, אַז אין פרילינג פון 1850 יאָר האט זיך די גאַנצע פאָליטישע מאַכט קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער גרויס=בורזשואַזיע, וואָס האט נאָך דערצו געוואלט צוריק אויפשטעלן די מאָנאַרכיע; ווען—פון דער אַנדערער זייט—האָבן זיך אַלע איבעריקע געזעלשאַפטליכע קלאַסן, דאס פויערטום און דאס קליינבירגערטום, גרופירט ארום פראָלעטאַריאַט, אַזוי אז נאָכן אלגעמיינעם ניצחון האט דער באַשליסנדיקער פאַקטאר געזאלט ווערן דער אנגעלערנטער און דערפארענער פראָלעטאַריאַט און ניט זיי,—איז דען מעגליך געווען דעמאלס צו צווייפלען, אַז די רעוואָלוציע פון דער מינדערהייט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רעוואָ-לוציע פון דער מערהייט?

די געשיכטע האט ניט באַרעכטיקט אונדזערע דערוואַרטונגען און די דערוואַרטונגען פון אלע די, וואָס זיינען געווען מיט אונדז פון איין מיינונג. זי האט באַוויזן, אַז די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונם קאָנטינענט איז ווייט ניט רייף געוואָרן אַף צו באַזייטיקן די קאַפיטאַליסטישע פראָדוקציע. פון 1848=טן יאָר אָן האט דער גאַנצער קאָנטינענט איבערגעלעבט אַן עקאָנאָמישע רעוואָלוציע: אין פראַנקרייך, עסטרייך, אונגאַרן, פוילן האט די גרויס-אינדוסטריע ערשט פון דעמאלסט אָן ווירקליך באַקומען בירגער-רעכט, און דייטשלאַנד איז געוואָרן אַ ריין=אינדוסטריעל לאַנד, און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַפן באָדן פון קאַפיטאַליזם. הייסט עס, אַז אין 1848-טן יאר האט נאך דער קאַפיטאַליזם פאַרמאָגט אַ גרויסע פייהיקייט זיך צו אַנטוויקלען. אָבער גראד די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האט אומעטום מיטגעהאָלפן קלאר צו מאַכן די קלאַסן=פארהעלטנישן, האט באַזייטיקט א סאַך איבערגאַנגס=מאַדרייגעס, וואָס זיינען בירושה איבערגעגאַנגען פונם מאַנופאַק-טורן-פעריאָד, אין מיזרח-אייראָפע—נאך פון דער צעכן-אָרדענונג, האט באַשאַפן אַן עכטע בורזשואזיע און אַן עכט, גרויס=אינדוסטריעלן פראָלעטאַריאַט און האט זיי אַרויסגערוקט אַפן פאָדערגרונט פונם געזעלשאַפטליכן לעבן. אין 1848-טן יאָר פירן די דאָזיקע קלאַסן א קאַמף אין איינגלאַנד, און אַפן קאָנטי-נענט בלויז אין פאַריז און עפעס נאך אין עטליכע אינדוסטריעלע צענטערן. פון דעמאלס אָן האט דער קאַמף אַרומגעכאַפט גאַנץ אייראָפע און האט דער-גרייכט צו אַזאַ אינטענסיווקייט, וואס מע האט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן

אין 1848-טן יאר. דעמאלס האבן עקזיסטירט אַ סאַך סעקטן מיט זייערע נעפּלהאַפטע טעאָריעס און רפואות, איצט האבן אלע אנגענומען איינע, ביז דורכזיכטיקייט קלאָרע, טעאָריע פון מאַרקסן, וועלכע פאָרמולירט שאַרף די לעצטע צילן פון קאַמף. דעמאלס האבן מיר געהאט צו טאן מיט אומבאַהאלפענע, ניט אַנטוויקלטע מאסן, וועלכע זיינען אריבערגעגאנגען פון ענטוזיאזם צו ייאוש, וועלכע זיינען פאראייניקט געווען בלויז דורך אַ געפיל פון אַלגעמיינע ליידן, און צעוואָרפן געווען איבער פארשיידענע געגנטן און נאַציאָנאַליטעטן; איצט האבן מיר פאר זיך איין גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אַרמיי פון סאציאליסטן, און זי שטרעבט אָן אויפהאַלט פאָרויס, מיט יעדן טאג וואַקסט איר צאל-קראַפט. עס פאַרפעסטיקט זיך איר אָרגאַניזאַציע, איר דיסציפּלין, איר באַוואוסטזיין און זיכערקייט אינם ניצחון. אויב אַפילו אַט די מעכטיקע אַרמיי פונם פּראָלעטאַריאַט האט נאך אלץ ניט דערגרייכט צו איר ציל, אויב זי איז נאך ווייט ניט אימשטאַנד זיך צו דערשלאָגן מיט איין אַנטשלאָסענעם קלאַפּ, נאָר זי מוז דורך שווערן קאַמף אָפּנעמען באַם סוינע איין פּאָזיציע נאך דער אַנדערער,— איז דערפון אומפאַרמיידליך געדרונגען, אז אין 1848-טן יאר איז אוממעגליך געווען זיך צו דערשלאָגן צו אַ סאָציאַלער איבערבויאונג מיט דער הילף פון פּאַשעטן פאַרכאַפּן די מאַכט.

די בורזשואַזיע, צעשפּאַלטן אַף צוויי דינאַסטיש-מאָנאַרכיסטישע לאַגערן, אָבער צוזאַמען דערמיט זוכנדיק רו און זיכערקייט פאַר אירע געלט-געשעפטן,— זייט באַ זייט מיט איר דער באַזיגטער, אָבער נאך אלץ פאָרכטבאַרער פּראָלעטאַריאַט, אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך אלץ מער און מער דאָס קליינבירגערטום און דאָס פּויערטום,— דער שטענדיק דראָהענדער גוואַלט-אויפרייס, וועלכער האט דאָך ניט געהאט קיין שום שאַנסן ענדגילטיק די פראַגע צו לייזן: עס איז אוממעגליך געווען צוצוטראַכטן אַ מער גינציקערע לאַגע פאַר דער מלוכה-איבערקערעניש פונם דריטן, פּסעוודאָ-דעמאָקראַטישן פּרעטענדענט, לואי באָנאַפּאַרט. מיט דער הילף פון דער אַרמיי האט ער דעם 2-טן דעקאַבר 1851-טן יאר געמאַכט אַ סאָף צו אַט דער אַנגעשטרענגטער לאַגע און האט געגעבן אייראָפּע אַן אינערליכן שאָלעם, כדי צו באַגליקן זי דערפאַר מיט אַ נייער ערע פון מלחמות. דער פּעריאָד פון רעוואָלוציעס פון אונטן איז געווען פאַרענדיקט; אנשטאט אים איז געקומען אַ פּעריאָד פון רעוואָלוציעס פון אויבן.

די אימפּעריאַליסטישע רעאַקציע פון 1851-טן יאר איז געווען אַ נייער באַווייז אַף דער ניט רייפקייט פון די פּראָלעטאַרישע שטרעבונגען פון יענער צייט. זי האט אָבער אויך געשאַפן באַדינגונגען פאַר זייער ערפאָלגרייכן וואוקס. דער אינווייניקסטער שאָלעם האט מיטגעהאָלפן דעם גלענצנדיקן אויפשוואונג פון דער אינדוסטריע; די נויטווענדיקייט מיט וואָס ניט איז צו באַשעפטיקן די אַרמיי און אָנווענדן די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען אַף יענער זייט פון די לאַנד-גרענעצן האט אַרויסגערופן די מלחמות, אין וועלכע באָנאַפּאַרט האט, צודעקנדיק זיך מיטן „נאַציאָנאַלן-פּרינציפּ“, זיך באַמיהט אַרויסצורייסן פאַר פראַנקרייך טעריטאָריאַלע עראָבערונגען. נאָכטוענדיק אים האט זיך ביסמאַרק

אויך גענומען פאר אזא פאליטיק פאר פרייסן: ער האט געמאכט זיין מלוכע-איבערקערעניש, זיין רעוואלוציע פון אויבן אין 1866=טן יאר ניט נאר קעגן דעם דייטשישן פארבאנד און קעגן עסטרייך, נאר אויך קעגן דעם פרייסישן פארלאמענט, וואס איז מיט אים אריינגעטראטן אין א קאנפליקט. אייראפע האט זיך אבער ארויסגעוויזן פאר צו קליין פאר צוויי באנאפארטן, און די איראניע פון דער געשיכטע האט באשלאסן, אז ביסמארק זאל ארפווארפן באנאפארטן, און דער פרייסישער קעניג ווילהעלם זאל שוין פאר איינס, צוזאמען מיט דער ארומגעשניטענער דייטשישער אימפעריע, צוריק אויפשטעלן די פראנצויזישע רעפובליק. אין אלגעמיינעם רעזולטאט אבער, האבן זיך אין אייראפע אלע גרויסע נאציעס, אכוץ פוילן, דערשלאגן צו זעלבשטענדיקייט און אינעווייניקסטער פאראייניקונג. עמעס, דאס איז פארגעקומען אין פארהעלטניסמעסיק באשיידענע ראמען, דאך אבער אף אזויפיל ברייט, אז דער אנטוויקלונגס-פראצעס פונם ארבעטער-קלאס האט מער ניט באגעגנט קיין וויכטיקע שטערונגען אין די נאציאנאלע פארפלאנטערנישן. די קאברנים פון דער רעוואלוציע פון 1848=טן יאר זיינען געווארן אירע צוואוואַ-אויספירערס; זיי האבן אויסגעפירט איר לעצטן געבאט. און צוזאמען מיט זיי האט זיך שוין פורכטבאר אויפגעהויבן דער יורש פון 1848=טן יאר, דער פראלעטאריאט, ארגאניזירט אינם א י נ ט ע ר נ א צ י א נ א ל.

נאך דער מילכאמע פון 1870—1871=טן יארן גייט באנאפארט אראפ פון דער סצענע; ביסמארק האט אויך אויסגעפירט זיין מיסיע, און ער קאן זיך צוריק אראפלאזן ביז צו דער ראליע פון א פרייסישן יונקער. די פארפולקאמונג פון דעם דאזיקן פעריאד איז די פאריזשער קאמונע. דער פאררעטערישער פרואוו פון טיערן אוועקצוגאנווענען בא דער פאריזשער נאציאנאלער גווארדיע אירע הארמאטן רופט ארויס א זיגרייכן אויפשטאנד. דערביי האט זיך ווידער ארויסגעוויזן, אז אין פאריזש איז איצט מעגליך נאר א פראלעטארישע רעוואלוציע. די מאכט איז אליין פון זיך, אן שום קריג, אריבער אין די הענט פונם ארבעטער=קלאס. אבער צוזאמען דערמיט האט דער גוירל פון דער קאמונע ווידער דערוויזן, אז עס איז נאך ניט געקומען די צייט פאר דער הערשאפט פונם ארבעטער-קלאס; ניט קוקנדיק אף די צוואנציק יאר, וואס זיינען פארגאנגען נאך דעם פעריאד, מיט וועלכן מיר פארנעמען זיך דא, איז פראנקרייך ניט געקומען צו הילף דעם אויפגעשטאנענעם פאריזש, זי איז געבליבן א צושויערן דערפון, ווי פאריזש איז אויסגעגאנגען מיט בלוט אונטער מאקמאגאנס קוילן; פון דער צווייטער זייט האט די קאמונע געפאטערט אירע קויכעס אינם נוצלאזן סיכסוך צווישן די צוויי פארטייען, וואס האבן זי צעשפאלטן: די בלאנקיסטן (די מערהייט) און די פרודאניסטן (די מינדערהייט), וועלכע האבן ביידע ניט געוואוסט, וואס צו טאן. דער אומזיסטער ניצאכן פון 1871=טן יאר האט זיך ארויסגעוויזן פאר פונקט אזוי פרוכטלאז, ווי דאס פארכאפן די מאכט אין 1848=טן יאר.

אינדזערע סאנים זיינען זיכער געווען, אז צוזאמען מיט דער פאריזשער קאמונע איז באגראבן געווארן אויך דער קעמפנדיקער פראלעטאריאט. זיי

האבן זיך טויע געווען. גוואַד פון דער קאמונע און פון דער פראנצויזיש=
פרייסישער מילכאמע הויבט זיך אן דער פעריאָד פון זיין שטארקסטן וואוקס.
דאס איינפירן אַלגעמיינע מיליטער=פליכט, וואס האט פארכאַפּט די גאנצע
באַפעלקערונג, וואס איז פייהיק צו טראגן געווער, און וואס האט דערפירט
די גרויס פון די אַרמייען ביז צו מיליאנען, דאס נייע געווער, נייע קוילן און
אויפרייס=מאטעריאַלן, וואס באַזיצן א קראַפט, ביז דאַן א אומדערהערטע,—דאס
אַלץ האט אריינגעבראַכט אַ גרונט=איבערקערעניש אינם גאַנצן קריגס-איניען.
די דאזיקע איבערקערעניש האט מיט אַמאל געמאַכט אַ סאף צו די באָנאפּאַר=
טיסטישע מילכאָמעס און האט פארזיכערט די פרידליכע אנטוויקלונג פון דער
אינדוסטריע, ווייל איצט איז מעגליך געווארן נאר אַן אַלגעמיינע וועלט-מיל=
כאמע מיט איר אומדערהערטער גרויזאַמקייט און גאנץ אומפאַראויסגעזעהענעם
אויסגאַנג. פון דער צווייטער זייט, האט זי דערפירט ביז צו שרעקליכער הויך
די שטייערן, אַ דאנק דעם, וואס די קריגס-הויצאעס וואַקסן אין אַ געאָמעטרישער
פּראגרעסיע, און האט אַף אַזאַ אויפן געשטויסן די אַרעמסטע קלאַסן פון דער
באַפעלקערונג אין די אַרעמס פונם סאציאַליזם. די פאַראייניקונג פון עלזאַס
און לאטאַרינגען צו דייטשלאַנד, אַט די נאָענטסטע סיבע פון דער ווילדער
קאנקורענץ אין די קריגס=הויצאעס, האט געקאנט פונאנדערצינדן די שאוויי-
ניסטישע ליידנשאַפטן פון דער דייטשער און פראַנצויזישער בורזשואַזיע, אָבער
די אַרבעטער פוןביידע לענדער האט זי נאר פארבונדן מיט אַ נייעם בונד.
דער יארצייט פון דער פאַריזשער קאמונע איז געווארן דער ערשטער אינטער-
נאַציאנאלער יאנטעוו פונם פּראלעטאַריאַט.

ווי מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט, האָבן די יאָרן 1870—1871 און די
מאַפּאָלע פון דער קאָמונע אַף אַ צייט אַריבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט פון
דער אייראָפּייאישער אַרבעטער=באַוועגונג פון פראַנקרייך קיין דייטשלאַנד.
פראַנקרייך האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט האָבן גאַנצע יאָרן קדיי אויפצולעבן
פון דער בלוט=פאַרגיסונג אין מאַי 1871 יאָר. אין דייטשלאַנד, מיט איר וואָס
ווייטער, אַלץ שנעלערן וואוקס פון דער אינדוסטריע,—וואָס איז דערצו נאָך
קינסטליך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן איבערפליסיקן רעגן פון פראַנצויזישע
מיליאַרדן,—האָט זיך די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַנטוויקלט נאָך שנעלער און
פעסטער. די דייטשישע אַרבעטער האָבן זעער גוט אויסגענוצט דאָס אַלגעמיינע
וואַלרעכט, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין 1866 יאָר, און אַ דאַנק דעם טרעט
דער וואונדערבארער וואוקס פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פאַרטיי אַרויס
אין אומבאַשרייבאַרע ציפערן, וואָס רייסן אַלעמען אויף די אויגן. אין 1871
יאָר—102.000 סאָציאַל=דעמאָקראַטישע שטימען, אין 1874 יאָר—352.000, אין
1877 יאָר—493.000. דער געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן איז געווען אַ מין
אָפיציעלע אָנערקענונג פון אונדזערע ערפאָלגן. אַף אַ צייט איז די פאַרטיי גע-
ווען צעבראָכן, די צאָל שטימען איז געפאַלן אין 1881 יאָר ביז 312.000;
אָבער זי האָט גיך באַהערשט די שטערונג, און אונטערן דרוק פון די אויס-
נאָם=געזעצן, אָן אַ פרעסע, אָן אַן אויסערליכער אָרגאַניזאַציע, אָן רעכט פון
פאַרזאַמלונגען און פאַראיינען, האָט זיך אָנגעהויבן דער פעריאָד פון איר באַ=

זונדערס שנעלן וואוקס: אין 1884 יאָר—550.000 שטימען, אין 1887 יאָר—763.000, אין 1890 יאָר—1.427.000. דאָ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די הענט פון דער מלוכע. דער געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, די צאָל סאָציאַליסטישע שטימען איז אין 1893 יאָר דערגאַנגען ביז 1.787.000—העכער אַ פערטל פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען. די רעגירונג און די הערשענדיקע קלאַסן האָבן אויסגעשעפּט אַלע זייערע מיטלען—אומזיסט, אָן ציל, אָן ערפאָלג.

די דייטשישע אַרבעטער האָבן געשאַפן די שטאַרקסטע, די דיסציפּלינירטסטע, מיט דער גרעסטער שנעלקייט וואַקסנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיי האָבן באַוויזן, וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט דער הילף פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, און דערמיט האָבן זיי געגעבן די כאַווירים אין אַלע לענדער אַ נייע געווער אין קאַמף, איינס פון די שטאַרקסטע.

דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט האָט שוין לאַנג עקזיסטירט אין פראַנקרייך, אָבער דאָרט איז עס קאָמפּראָמעטירט געוואָרן דורך די מיסברויכונגען פון דער באָנאַפּאַרטיסטישער רעגירונג. נאָך דער קאָמונע איז אין פראַנקרייך נישט געווען קיין אַרבעטער-פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך מיט אים קאָנען באַנוצן. אין שפּאַניען האָט, זינט דאָרט איז איינגעפירט געוואָרן אַ רעפּובליק, אויך עקזיסטירט אַלגעמיינע וואַלרעכט, אָבער די ערנסטע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען האָבן זיך דאָרט גערנער אָפּגעהאַלטן פון אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן,—דאָס איז געווען זייערער אַן אַלטער קלאַל. אין דער שווייץ האָבן די רעזולטאַטן פון די וואַלן אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט ווינציקער פון אַלץ געקאָנט ווירקן אויפמונטערנדיק אויף דער אַרבעטער-פּאַרטיי. אין די ראָמאַנישע לענדער זיינען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער געוואוינט געווען צו זעען אינם וואַלרעכט אַ שפּיצל, וואָס איז איינגעאָרדנט דורך דער רעגירונג אויף אָפּצונאַרן דאָס פאָלק. אין דייטשלאַנד איז געווען אַנדערש. שוין דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט פּראָקלאַמירט די ערעאָבערונג פונם אַלגעמיינעם וואַלרעכט דורך דער דעמאָקראַטיע פאַר איינער פון די ערשטע וויכטיקסטע אויפגאַבן פונם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט; לאַסאַל האָט ווידער אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג. און אַז, ווען ביסמאַרק איז געצוואונגען געווען איינצופירן אַלגעמיינע וואַלרעכט, כדי דורך דעם אייגענעם מיטל צו פּאַראַליזירן די פאָלקסמאַסן אין זיינע פּלענער, האָבן זיך אונדזערע אַרבעטער גלייך ערנסט באַצויגן צו דעם דאָזיקן רעכט און געשיקט אויגוסט בעבעלן אינם ערשטן גרינדונגס-רייכסטאַג. פון דעמאָלסט אָן האָבן זיי זיך באַנוצט מיט דעם רעכט אַזוי, אַז עס האָט זיי געבראַכט הונדערט מאָל גרעסערע פרוכטן, און זייער טעטיקייט האָט געקאָנט דינען אַלס אַ מוסטער פאַר די אַרבעטער פון אַלע לענדער. לויטן אויסדרוק פון דער פּראָגראַם פון די פראַנצויזישע מאַרקסיסטן, האָבן זיי, „דאָס וואַלרעכט פון אַ מיטל אויף אָפּצונאַרן די מאַסע, ווי דאָס איז געווען ביז איצט, פאַרוואַנדלט אין אַ באַפרייאונגס-געווער". ווען אפילו דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט וואָלט אונדז קיין זאַך מער נישט געגעבן, נאָר די מעגליכקייט יעדע דריי יאָר צו מאַכן דעם כעשבן פון אונדזערע קויכעס; אַכוץ

דעם אויסגעצייכנטן מיטל פון פראָפּאגאנדע, ווי עס איז די רעגולערע קאָנסטאטירונג פונם אומערוואַרטעט שנעלן וואוקס פון אונדזערע שטימען, וואָס פלאנצט איין אין די אַרבעטער אַלץ מער זיכערקייט אין אונדזער ניצחון און אין אונדזערע סאָנים אַלץ מער שרעק; אויסער זיי געבויע יעדיעס וועגן אונדזער אייגענער קראפט און וועגן דער קראפט פון די פיינטליכע פארטייען, יעדיעס, וועלכע דינען אלס דער בעסטער מאסשטאב אף צו רעגולירן אונדזערע מייסים, אף צו פארהיטן פון איבעריקער פאכדאָנעס אָדער פריצייטיקער דרייסטקייט—אויב דאָס אלץ וואָלט געווען דער איינציקער נוצן, וועלכן עס ברייגנט אונדז דאָס וואלרעכט, וואָלט עס דעמאָלסט שוין אויך געווען זעער און זעער א סאך. אָבער עס גיט אונדז א סאך מער. די וואל=אגיטאציע גיט די בעסטע מעגליכקייט צו קומען אין בארירונג מיט די שיכטן פון דער פאלקס-מאסע, וועלכע זיינען אונדז נאָך פרעמד: זי רופט אלע פארטייען צו א פאָלקס-געריכט, אף וועלכן מיר זיינען די באשולדיקער, און זי צווינגט זיי זיך צו פארטיידיקן פאר אונדז; דערצו נאָך האָט זי אונדז געעפנט דעם צוטריט צו דער פארלא-מענט=טריבונע, און פון דער טריבונע קאנען מיר זיך ווענדן צו אונדזערע קעגנער און צו דער מאסע מיט א סאך א גרעסערן אויטאָריטעט און א סאך א גרעסערער פרייהייט, ווי אין דער פרעסע און אף פארזאמלונגען. וואָס פאר א נוצן האָט געבראכט דער רעגירונג און דער בורזשואזיע דער געזעץ קעגן די סאָציא?יסטן, ווען די וואל-אגיטאציע און די רעדעס פון אונדזערע דעפוטאטן אין רייכסטאג האָבן טאָמיד פאראליזירט זיין ווירקונג?

אָבער דאָס דאָזיקע ערפאָלגרייכע באנוצן זיך מיטן אלגעמיינעם וואלרעכט האָט ארויסגערופן צום לעבן א גאנץ נייע פאָרם פון קאמף פונם פראָלעטאריאט, וועלכע האָט אינגיכן באקומען איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די מלוכע=איינריכטונגען, אין וועלכע עס איז אָרגאניזירט די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, קאָנען געבן דעם ארבעטערקלאס א נייע געווער קעגן זיי אליין. אונדזער פארטיי האָט אנטייל גענומען אין די וואלן אין די לאנדטאגן, שטאָט=פארוואלטונגען, אינדוסטריעלע געריכטן, אויסקעמפנדיק בא דער בורזשואזיע יעדע פאָזיציע אומעטום, וואו עס האט נאָר געשטימט א גענוגנדע טייל פונם פראָלעטאריאט. אלס רעזולטאט האט דער לעגאלער קאמף פון דער ארבעטער-פארטיי אָנגעהויבן ארויסרופן בא דער רעגירונג מער שרעק, ווי דער אומלעגאלער; אירע וואל=ערפאלגן זיינען געוואָרן פאר איר שרעקליכער, ווי אן אויפשטאנד.

די מייסע איז, וואָס אפן געביט פון אויפשטאנד האָבן זיך די קאמף-באדינגונגען אין טאָך געענדערט. דער אויפשטאנד פון אלטן מין, דער גאסן-קאמף מיט באריקאדן, וועלכער האט ביזן 1848 יאר אומעטום באשלאסן דעם אויסגאנג פון דער רעוואלוציע, איז איצט אין א באטייטנדיקער מאס פאר-עלטערט געוואָרן.

לאמיר זיך נישט שאפן קיין אילוזיעס: א ניצאכן פון אינסורגענטן איבער מיליטער אינם גאסן-קאמף, א ניצאכן, וואס זאל אפגעהאלטן ווערן מיט דער קראפט פון געווער, ווי אין א מילכאמע צווישן צוויי ארמייען, איז זעער

א זעלטענע זאך. די אינסורגענטן אליין האבן אויך נישט אויסגערעכנט אף אזא ניצאכן. זייער ציל איז געווען אריַינצוברענגען א צעמישונג אין די רייען פון די סאלדאטן דורך מאראַלישער ווירקונג; און דאס איז דאך באוואוסט, אז בא א רעגולערער מילכאָמע, אפן שלאכט-פעלד ווערט אט דאס לעצטע צונישט, אדער אלנפאלס איז עס מעגליך גאר אין א קליינער מאס. ווען די אינסורגענטן גיט זיך איַין אף אזא אויפן צו ווירקן אפן מיליטער, זאגט זיך עס אפ צו דינען, אדער זיַינע אנפירער פארלירן דעם קאפ. און דער אויפשטאנד האלט אפ א ניצאכן. גיט זיך עס נישט איַין,—קאן דעמאלסט די אינסורגענטן גיטש העלפן אפילע אויב זיי זיַינען מערער לויט דער צאל; די איבערגעוויכט פארבליַיבט שטענדיק אף דער זיַיט פונם מיליטער, וואס איז אי בעסער באוואפנט, אי בעסער אויסמושטרירט, אי פעסטער דיסציפלינירט, און פירט זיַין אקציע לויט אן איינהיַיטליכן צוועקמעסיקן פלאן. אפן געביט פון ריינער קאמף-טאקטיק קאנען זיך די אינסורגענטן פירן לויט אלע קלאלים פון דער קריגס-קונסט עפשער נאר באם בויען און פארטיידיקן אן איינצעלנע באריקאדע. שוין באם פארטיידיקן א שטאט-קריַיז, שוין ניט ריידנדיק וועגן א גאנץ גרויסער שטאט, איז נויטיק קעגנזיַיטיקע שטיצע, באנוצן זיך מיט רעזערוון, א געמיינזאמע און פאראייניקטע אקציע פון איינצלנע גרופן; פאר אינסורגענטן איז עס מעגליך בלויז אין דער קלענסטער מאס, און אפטמאל איז עס גאר אוממעגליך. קאנצענטרירן די קויכעס אף איין וויכטיקסטן פונקט איז, פארשטייט זיך, אויך אוממעגליך. דעריבער איז דא דער פרעוואלירנדער אויפן פון קאמף—פאסיווע באשיצונג; אין אן אנגריף קאנען די אינסורגענטן איבערגיין בלויז אין זעלטענע, אויסנאם-פאלן, דערבײַ גייען זיי אלנפאלס נישט וויַיטער פון איינצלנע אָנפאלן און פלאנגען-אטאקעס; געוויינליך באנוגענען זיי זיך מיט פארנעמען די פאזיציעס, וועלכע ווערן פארלאזן דורכן אפטרעטנדיקן מיליטער. דערבײַ האט דאס מיליטער הארמאטן און געניטע, מיט אלע נויטיקע אינסטרומענטן באזארגטע, סאפיארן; די אינסורגענטן ווידער האבן נישט געוויינליך נישט דאס און נישט יענץ. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס אפילע די העלדישסטע שלאכטן אף די באריקאדן—אין יונ 1848 יאר אין פאריזש, אין אקטיאבער 1848 יאר—אין ווין, אין מאי 1849 יאר אין דרעזדען—האבן זיך געענדיקט מיט דער מאפאלע פון די אינסורגענטן, אויב נאר די מיליטער-פירער, נישט אפגעהאלטן פון קיין שום פאליטישע מאמענטן, האבן זיך געפירט לויט ריין-מיליטערישע קלאלים, און די סאלדאטן האבן זיך ניט געברידערט מיטן פאלק.

די גרויסע צאל ערפאָלגן פון די אינסורגענטן ביז 1848 יאר לאזט זיך דערקלערן מיט זעער פיל פארשידנארטיקע סיבעס. אין יונ 1830 יאר און אין פעווראל 1848 יאר אין פאריזש, ווי אויך אינם גרעסטן טייל גאסן-אויפשטאנדן אין שפאניען, איז צווישן די אינסורגענטן געשטאנען דער בירגערליכער לאנדווער, וועלכער איז אדער דירעקט אריבערגעגאנגען אף דער זיַיט פונם אויפשטאנד, אדער מיט זיַין וואקלענדיקער, ניט אנטשלאסענער אויפפירונג האט ער אריַינגעטראגן א צעמישונג אינם מיליטער; אכוץ דעם האט ער

באזארגט די אינסורגענטן מיט געווער. דארט, וואו דער בירגערליכער לאנדווער איז פעסט און אנטשלאסן ארויסגעטראטן קעגן דעם אויפשטאנד, ווי דאס איז געווען אין יוני 1848 יאר אין פאריזש, האט זיך דער אויפשטאנד שטענדיק געענדיקט מיט א מאפּלע. דער ניצאכן פונם פאלק אין בערלין אין 1848 יאר ווערט דערקלערט דורך פאלגנדיקע סיבעס: ערשטנס, זײַנען באנאכט און צום פרימארגן דעם 19 מארט צו הילף די אינסורגענטן צוגעקומען אין א באטײַטנדיקער צאל פרישע קויכעס; צווייטנס, זײַנען די סאלדאטן געווען מיד און הונגעריק, און ענדליך, האט די מיליטער-אנפירונג געארבעט שוואך און ניט אנטשלאסן. בא אלע אויפשטאנדן איז דער ניצאכן אנגעקומען די אינסורגענטן נאר דערפאר, ווײַ, די סאלדאטן האבן זיך אפגעזאגט צו פאלגן, ווײַל בא דער מיליטער-אנפירונג האט נישט געסטאיעט קיין אנטשלאסנקײַט אדער זי האט געהאט געבונדענע הענט.

אלזא, אפילע אין דער קלאסישער צײַט פון גאסן-קאמף האט די באריקאדע געווירקט מער מאראליש, ווי מאטעריעל. זי איז געווען א מיטל אף ארײַנצוברענגען א צעמישונג אינעם מיליטער. האט זיך איר אײַנגעגעבן זיך אײַנצוהאלטן ביז אט די ציל איז דערגרייכט געווארן, איז דער ניצאכן געווען אירער; האט זיך עס נישט אײַנגעגעבן—האט זיך דער קאמף געענדיקט מיט א מאפּלע.

אגעוו, שוין אין 1849 יאר זײַנען די שאנסן פונם אויפשטאנד געווען זייער שלעכטע: די בורזשואזיע האט זיך אומעטום געשטעלט אף דער זײַט פון דער רעגירונג. די „געבילדעטע און אייגנטימער“ האבן באגריסט און מעכאבעד געווען די סאלדאטן, וואס זײַנען געגאנגען קעגן די אינסורגענטן. די באריקאדע האט פארלארן איר קישעף-קראפט: אין אירע פארטיידיקער האבן שוין די סאָלדאַטן גישט געזעען קיין „פאָלק“—דאָס זײַנען פאר זיי געווען בונטארעס, ראָצכים, גאזלאָנים, דאָס ערגסטע פון דער געזעלשאפט! מיט דער צײַט האָבן זיך די אפיצערן אויסגעלערנט די טאקטיק פון גאסן-קאמף; זיי זײַנען שוין נישט געגאנגען גלײַך און אָן א צודעק קעגן דעם אימפּראָוויזירטן ברוסטווער, נאָר זיי זײַנען ארומגעגאנגען די באריקאדע דורך גערטנער, הויפן און הײַזער. בא א געוויסער פייהיקײַט האָט זיך זיי עס אײַנגעגעבן אין נײַן פאלן פון צען.

אָבער פון דעמאָלס אָן זײַנען פאָרגעקומען נאָך אַנדערע, גרעסערע ענדערונגען, און אַלץ צום גונסטן פונם מיליטער. דער וואוקס פון די אַרמייען האָט ווײַט געלאָזן אונטער זיך דעם וואוקס פון די גרויסע שטעט. פון 1848 יאָר אָן איז נישט פּאַריזש און נישט בערלין נישט גרעסער געוואָרן אין פיר מאָל, בעשאַס ווען זייערע גאַרניזאָנען האָבן זיך פאַרגרעסערט נאָך מער, ווי אין פיר מאָל. אַ דאַנק די אײַזנבאַנען, קאָנען די גאַרניזאָנען פאַרטאָפּלט ווערן אין 24 שאָ, און אין מעשאַך פון 48 שאָ קאָנען זיי דערפירט ווערן ביז דער גרויס פון קאָלאָסאַלע אַרמייען. די באַוואָפענונג פון אָט דער קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסענער קריגס-קראַפט איז געוואָרן אָן אַן עראַך געפערליכער: אין 1848 יאָר האָבן די סאָלדאַטן געשאָסן פון גלאַטע שלאָג-ביקסן, וואָס לאָדן זיך אָן

פון פאָרנט, איצט זײַנען זיי באַוואָפנט מיט קליין-קאַליבערדיקע מאַגאַזין-ביקסן, וואָס ווערן אָנגעלאָדן פון אונטן, און אַט די ביקסן שיסן אין פיר מאָל ווײַטער, און צען מאָל זיכערער און אין צען מאָל גיכער, ווי די אַלטע. די אַלטע האַרמאַטן-ציִקן אין קאַרטעטש פון דער אַרטילעריע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ פאַרהעלטניסמעסיק שוואַכע קראַפט, זײַנען איצט פאַרביטן געוואָרן דורך אויפרײַס-גראַנאַטן, וואָס איינע פון זיי איז גענוג אַף צו צוקלאַפּן אַף פיצלאַך די בעסטע באַריקאַדע. אנשטאָט דעם רודל איז איצט בײַם סאַפיאָר פאַראַן די דינאַמיט קויל.

פאַרקערט, אַף דער זײַט פון די אינסורגענטן האָבן זיך אַלע באַדינגונגען פאַרערגערט. עס איז שווער, עס זאָל איצט קאָנען זײַן אַזאַ אויפשטאַנד, וואָס אים זאָלן מיטפילן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אינם קלאַסן-קאַמף איז שווער, אַז אַלע מיטעלע שיכטן זאָלן אַריבערגיין אינגאַנצן אַף דער זײַט פונם פראָלעטאַריאַט, געבנדיק אים, אַף אַזאַ אויפן, אַ פעסטע איבערוויכט איבער דער פאַרטיי פון דער רעאַקציע, וואָס גרופירט זיך אַרום דער בורזשואַזיע. דאָס „פאָלק" וועט אַלזאָ זײַן צעשפאָלטן אַף פאַרטייען, און דעריבער פאַרשווינדט איין מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגס-קראַפט, וואָס האָט אַזוי פיל אויסגעטאָן אין 1848 יאָר. עמעס, אַף דער זײַט פון די אינסורגענטן וועט איצט אויסקומען מערער אויסגעדינטע סאָלדאַטן, אָבער דערמיט אַליין וועט שווערער זײַן זיי צו באַוואָפענען. יעגערישע און אַמאַטאָרישע ביקסן פון די געווער-קראָמען קאָנען זיך ווײַט נישט פאַרגלײַכן מיט די מאַגאַזין-ביקסן בײַ די סאָלדאַטן און שלאָגן אַ סאַך ערגער פון זיי אפילע אַף אַ נאָענטער שטרעקע; כוץ דעם, דאַרף מען זיך רעכענען דערמיט, וואָס די פאָליציי קאָן זיי לײַכט מאַכן פאַר אומשעדליך,—זי דאַרף נישט מער, נאָר באַצײַטנס אַראָפדרייען אַ וועלכע נישט איז שלאָס-טייל. ביזן 1848 יאָר האָט מען אַליין געקאָנט פון פולווער און בליי צוגרײַטן די נויטיקע צאָל קוילן, איצט האָט זיך יעדער טיפ ביקס זײַנע באַזונדערע קוילן. און די אַלע קוילן האָבן איין אַלגעמיינעם שטריך: זיי זײַנען אַ קאָמפּליצירטער פראָדוקט פון דער גרויס-אינדוסטריע. און באַשאַפן זיי עקספּראָמט קען מען נישט. אַזוי, אַז דער גרעסטער טייל ביקסן זײַנען אומנוצליך, קאָל זמאַן עס איז נישטאָ די ספּעציעל פאַר זיי צוגעפאַסטע קוילן. אין ענדליך, די גלײַכע, ברייטע און לאַנגע גאַסן אין די נײַ-אויסגעבויטע נאָכן 1848 יאָר קוואַרטאַלן. פון די גרויסע שטעט זײַנען פונקט ווי צוגעטראַכט פאַר דער אַרבעט פון די נײַע האַרמאַטן און ביקסן; נאַר אַ משוגענער וועט אויסקלײַבן אַף צו בויען באַריקאַדן די נײַע אַרבעטער-קוואַרטאַלן אַף דער צאָפנדיקער אָדער מיזרעך-זײַט פון בערלין.

פאַרשטייט שוין ערשט דער לעזער, פאַרוואָס די הערשנדיקע קלאַסן ווילן אונדז אום וואָס פאַר אַ פרײַז עס זאָל, נישט זײַן ארויסרופן אַף אַ גאַסן-קאַמף, אונטער ביקסן-שאָסן און שווערדן-קלעפּ? פאַרוואָס זיי באַשולדיקן אונדז איצט אין פאַכדאָנעס דערפאַר, וואָס מיר גייען נישט פאַשעט אַף די באַריקאַדן, וואו אונדז דערוואַרט אַ זיכערע מאַפּאָלע? פאַרוואָס זיי בעטן זיך בײַ אונדז מיט טרערן, אַז מיר זאָלן שוין ענדליך אַ שפּיל טאָן די ראָליע פון האַרמאַטן-פלייש?

ווי די געבעטן, אַזוי די אַרויסרופן פון אַט די הערן זיינען אומזיסטע. מיר זיינען נישט אַזוי נאַריש. ווער וועט עס איצט פאָדערן פונם סוינע, ער זאָל זיך אויסשטעלן פאַר דער שלאַכט אין איין ליניע, לויטן אלטן פריצ׳ס (פרידריך דעם 2-טנס) מוסטער, אָדער זאָל אויסשטעלן קאָלאָנעסווייס גאַנצע דיוויזיעס, ווי בײַ וואגראַם און וואטערלאָאָ, דערצו נאָך מיט קיזלשטיין=ביקסן אין די הענט? דאָס טוען טאַקע אונדזערע איבערגעשפּיצטע קעגנערס. עס האבן זיך געענדערט די באַדינגונגען פון צווישן-פעלקערישע מילכאָמעס, אָבער נישט אין קיין קלענערער מאָס האבן זיך געענדערט אויך די באַדינגונגען פון קלאַסן-קאַמף. עס איז אַריבער די צייט פון פלוצלונגע אָנצינדונגען, רעוואָלוציעס, וואס ווערן דורכגעפירט דורך אַ באַוואוסטזיניקער מינדערהייט בעראָש פון אומבאַוואוסטזיניקע מאַסן. די פולע איבערבויאונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג האָט בעדייע דעם אקטיוון אָנטייל פון דער מאַסע, איר באוואוסטזיניקע באַציאונג צו דעם, פאַרוואָס זי קעמפט און וואָס זי זאָל פאָדערן. דאָס לערנט אונדז די געשיכטע פון די לעצטע 50 יאָר. קדיי אָבער די מאַסע זאָל ווייסן, וואָס זי האָט צו טאָן, איז נויטיק א לאַנגע, אַקשאָנעסדיקע אַרבעט; אונדזער פאַרטיי האָט גענומען אַף זיך די אַרבעט, און אירע ערפאָלגן רופן ארויס אַ ייאוש בײַ אונדזערע קעגנער.

אויך אין די ראָמאנישע לענדער הויבן די אַרבעטער אָן אַלץ קריטישער זיך צו באַציהען צו די אַלטע קאַמף-מעטאָדן. דער ביישפּיל פון די דייטשישע אַרבעטער, זייער אויסנוצן דאָס וואַלרעכט אַף צו ערָאָבערן פאַר זיך אַלע צוטריט, יכע פאָזיציעס, האָט אומעטום געפונען נאָכטוערס. אפילע אין פראַנקרייך, וואו איין רעוואָלוציע איז געגאַנגען נאָך דער אנדערער אין משך פון הונדערט יאָר, וואו יעדע פאַרטיי האָט זיך געהאַט אירע פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן, האָט זיך אלזאָ אָנגעפּראַקטיקירט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וואו די באַדינגונגען האָבן זיך ביכלאַל צונויפגעלייגט אַ סאך גינציקערע פאַר א גאַסן=אויפשטאַנד, ווי אין דייטשלאַנד,—אויך אין פראַנקרייך קומען די סאָציאַליסטן אלץ מער און מער צו דער איבערצייגונג, אַז אַן דעם מיטיגעפין פון די ברייטע פאלקסמאַסן,—און אין פראַנקרייך באטייט עס—פונם פויערטום, איז אוממעגליך אויסצורעכענען אַף אַן ערפאלג. אַלס די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער פאַרטיי איז דאָ אויך אַנערקענט געוואָרן די אַנגזאַמע פראָפּאגאַנדיסטישע אַרבעט און פארלאמענטארישע טעטיקייט. דער ערפאלג האט נישט געלאזן אַף זיך וואַרטן. עס איז געוואונען געווארן א גאנצע ריי שטאט=פארוואלטונגען; אינם פארלאמענט זיינען פאראן 40 סאציאליסטן, און זיי האבן שוין צווישן אנדערע, אראפגעוואורפן דריי מיניסטעריומס און איין פרעזידענט פון דער רעפּובליק. אין בעלגיען האבן זיך די ארבעטער פאראיארן דערשלאגן וואלרעכט און גלייך פונם ערשטן מאל האבן זיי געזיגט אין א פערט-טייל פון אלע וואלקרייזן. אין דער שווייץ, אין איטאליען, דענעמארק, אפילע אין באלגאריען און רומעניען האבן די סאָציאליסטן זייערע פארשטייערס אינם פארלאמענט. אין עסטרייך האבן די ארבעטער נישט קיין צוטריט אין רייכס=ראט, אבער אלע פארטייען ווייסן, אז לאנג אזוי דויערן קען נישט. מיר וועלן אריין אין רייכסראט—דאס איז אויסער יעדן ספק; די פראגע איז נאר, דורך וועלכע טירן.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז אונדזערע כאוויירים אין אויסלאנד זאגן זיך נישט אפּ פון זייער רעכט אף א רעוואָלוציע. דאס רעכט אף א רעוואָליוציע איז דאָך דאָס איינציקע בעעמעס „היסטארישע רעכט"; אף אים און נאר אף אים זיינען געבויט אלע נייסטע מלוכעס מיט אונדזער מעקלענבורג בעטויכאם; אין מעקלענבורג האט זיך די פריצישע רעוואָלוציע אין 1755 יאר פארענדיקט דורך אַ „יערושע-אפּמאך", וואס האט ביז אף הייַנטיקן טאג פארפעסטיקט די הערשאפט פון די פעאדאלן. דאס רעכט אף רעוואָלוציע האט זיך אזוי טיף אייַנגעווארצלט אינם אלגעמיינעם באוואוסטזייַן, אז אפילע דער פרייַסישער גענעראל באגוס-לאווסקי איז זיך סוימעך אף אים. אויסשליסליך פון אט דעם פאלקס-רעכט דרינגט ער ארויס דאס רעכט פון זיין קייזער אף א מלוכע-איבערקערעניש.

אַגעוו, וואס עס זאל נישט זייַן אין אנדערע לענדער, נאר אין דייַטשלאנד פארנעמט די סאציאל-דעמאקראטיע א באזונדערע לאגע, וועלכע שטעלט פאר איר ספּעציעלע אויפגאבן, לעכאל האפּאכעס, פאר דער נאענסטער צוקונפט. אירע צוויי מיליאן וויילערס, צו וועלכע מע דארף נאך צוגעבן די פרויען און יונגע לייַט, וואס האבן ניט שטימרעכט, בילדן די גרעסטע און קאמפּאקטסטע מאסע, דעם הויפּט-קערן פון דער אינטערנאציאנאלער ארמיי פונם פּראלעטא-ריאט. שוין איצט באזיצט די סאציאל-דעמאקראטיע אין דער פערזאן פון דער דאזיקער מאסע מער פון א פערטל פון אלע דערלאנגטע שטימען. די צאל שטימען וואקסט, ווי עס באווייַזן די צוגאב-וואלן אין רייכסטאג, די וואלן אין די לאנדסטאגן, אין די מוניציפּאליטעטן און אינדוסטריעלע געריכטן. דער דאזיקער וואוקס קומט פאר פון זיך אליין, באשטענדיק אָן אפּהאלט, און צו דער זעלביקער צייַט רוהיק, ווי א נאטירליכער פּראצעס. אלע מיטלען פון דער רעגירונג האבן זיך ארויסגעוויזן פאר קראפטלאז קעגן אים. מיר קאנען שוין איצט אויסרעכענען אף 2 מיט א האלבן מיליאן וויילערס. אויב דאס וועט ווייַטער אזוי דויערן, וועם צום סאף יארהונדערט אין אונדזערע רייען שטיין דער גרעסטער טייל פון די מיטעלע קלאסן פון דער געזעלשאפט פונם קליין-בירגערטום און קליין-פּויערטום, און מיר וועלן ווערן א באשליסנדיקע קראפט אין לאַנד, אקעגן וועלכער עס וועלן ווילנדיק, נישט ווילנדיק זיך מוזן אונטער-בויגן אַלע איבעריקע קויכעס. מיטהעלפן אט דעם אומאויפהערליכן וואוקס פון דער פּאַרטיי, ביז זי וועט גישט איבערוואַקסן די קויכעס פון דער הערשנדיקער מלוכע-סיסטעם—דאָס איז אונדזער הויפּט-אויפגאַבע. אָפּשטעלן אים קאָן נאָר אַ גרויסער צוזאַמענשטויס מיטן מיליטער, אַ בלוט-פארגיסונג אַזאַ, ווי די פּאַרי-זשער אין 1871 יאָר; זי קאָן אַפילע פּאַרקלענערן אף אַ צייַט די קאַמף-קרעפטן פון דער פּאַרטיי. סאָף קאָל סאָף וואָלט זיך די פּאַרטיי אַן אייצע געגעבן אויך דערמיט; עס איז אוממעגליך אראָפּצומעקן פון דער וועלט אַ מיליאָניקע פּאַרטיי, דערויף וועלן נישט סטאַיען אַלע ביקסן פון אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס וואלט אָבער פּאַרהאַלטן דעם נאָרמאַלן אַנטוויקלונגס-גאַנג, עס וואָלט אָפּגעצויגן דעם אנטגילטיקן ניצאָכן און וואלט געקאָסט מער שווערע קאָרבאָנעס.

די איראָניע פון דער געשיכטע טרייַבט אמאָל בייזן שפּאַס. מיר „רעוואָ-לוציאָנערן", „אויפטרייסלערס פון די יעסוידעס", גייען זיכערער צו אונדזער

ציל מיט געזעצליכע וועגן, ווי מיט אומגעזעצליכע, און די פּאַרטיי פון אָרדנונג, ווי עס רופן זיך אונדזערע סאָנים, ווערט געטויט דורך איר אייגן קינד—דעם געזעצליכן באָדן. פּאַרצווייפלט כאַזערן זיי איבער נאָך אדילאָן בּאַראָ: La lègalitè nous tue (די געזעצליכקייט האַרגעט אונדז אַוועק), און מיר—מיר געווינען אָף דער געזעצליכקייט פעסטע מוסקלען און רויטע באָקן, און זעען אויס, ווי דאָס לעבן אַליין. און אויב מיר וועלן זיך נישט לאָזן—צו אונדזערע סאָנימס פארגעניגן—אומזיניק פאַרפירן אָפן וועג פון גאַסן-קאַמף, וועט סאָף קאָל סאָף דער רעאקציע נישט פאַרבלייבן קיין זאַך, נאָר אַליין שטערן אָט די פאר איר געפערליכע געזעצליכקייט.

דערווייל וואָס ווען, פאַרפאַסן אונדזערע סאָנים נייע געזעצן קעגן די „צעשטערנדע פּאַרטייען”. אַ וואונדערלאַכע זאַך! אָט די היינטיקע פאנאטישע קעגנערס פון די „צעשטערונגס-טענדענצן” זיינען דען נעכטן אַליין נישט געווען קיין צעשטערערס? ווער האָט אַרויסגערופן דעם בירגער-קריג אין 1866 יאר? ווער האט דורכגעטריבן דעם האַנאָווערער קעניג, דעם העסענער קירפירשט און דער נאסויער הערצאָג פון זייערע געזעצליכע, געיאַרשנטע גיטער, ווער האָט פארכאפּט זייער ערד? אט די זעלביקע צעשטערערס פונם דייטשישן פאַרבאנד, די רויבערס פון דריי קרוינען באַקלאגן זיך אָף די „צעשטערונגס-פּאַרטייען”! Quis tulerit Gracchos de seditione querentes (*) ווער קאָן עס דערלאָזן, אַז ביסמאַרקס אנהייגער זאלן זידלען די איבעריקערענישן?

נאָר זאלן זיי זיך דורכפירן זייערע געזעץ-פּראָיעקטן קעגן איבעריקערענישן, זאלן זיי דעם גאנצן געזעצן-קאָדעקס פארוואנדלען אין גומע. די דאזיקע מיטלען קאָנען אונדז קיין שאָדן נישט ברייגען. דערצו דארפן אונדזערע סאנים זוכן גאַנץ אנדערע וועגן. קעגן דער סאציאל-דעמאקראטישער איבערקערעניש, וועלכע האט זיך איצט אַזוי גלענצנד אַנטוויקלט גראָד אָפן געזעצליכן באדן, קאנען זיי זיך שטיצן נאר אָף אן אייגענער איבערקערעניש, וואס איז אוממעגליך, אויב דערביי זאל נישט געשטערט ווערן די געזעצליכקייט. דער פּרייסישער ביוראקראט רעסלער און דער פּרייסישער גענעראַל באגוסלאַווסקי זעען די איינציקע רעטונג אינם אויוועך זיין די קאנסטיטוציע, אין דיקטאטור, אין אומקערן זיך צום אַבסאָלוטיזם,—אט דאס איז דער איינציקער מיטל, מיט וועלכן זיי וואלטן זיך נאך עפשער געקאנט אָן אייצע געבן מיט די ארבעטער, וואס לאזן זיך טאַקע נישט אריינציהען אין א גאסן-קאַמף. אלזא, פאר דער ארבעט מיינע הערן! געגוג זאל שוין זיין צו ריידן!

פאַרגעסט אָבער ניט, אַז די דייטשישע אימפעריע איז אַ פּראָדוקט פון אַן אָפּמאַך, פונקט ווי אלע קליינע דייטשישע מלוכעס און בּיכלאַל אַלע נייסטע מלוכעס. די דייטשע אימפעריע איז געבויט ערשטנס אָף אן אָפּמאַך צווישן די מלאָכים און דאס פאלק. אויב איין צאַד איז אויוועך דעם אָפּמאַך, ווערט דערמיט אַליין דער גאַנצער אָפּמאַך באָטל, און דער צווייטער צאד ווערט פריי פון זיינע היסכאַיוועסן.

*) ווער קאָן עס דערלויבן, אז די גראקכן זאָלן רעדן וועגן איבערקערענישן? (געגויער וועגן די ברידער גראקכן זע נאָכן טעקסט).

ס'וועט גיך ווערן—פונקט 1600 יאָר, ווי אין דער רוימעשער מלוכע איז אויך טעטיק געווען אַ געפערליכע צעשטערנדע פּאַרטיי. זי האט ארונטערגעריסן די עמונע און אלע יעסוידעס פון דער מלוכע; זי האט פּאשעט געלייקנט, דערין אַז דעם קייזערס ווילן איז דער העכסטער געזעץ, זי האט ניט אַנערקענט קייַן פאָטערלאַנד, איז געווען אינטערנאַציאָנאַל. זי האט זיך פארשפּרייט אין אַלע טייכן פון דער מלוכע, פון גאליען ביז אַזיע, און איבער אירע גרעניצן. אַ לאַנגע צייַט האט זי געפירט אַ אונטערערדישן קאַמף, אָבער ווען אירע קויכעס זייַנען גרעסער געווארן, האט זי אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אָפן. די דאָזיקע צעשטערונגס-פּאַרטיי, וואָס איז באַקאנט אונטערן נאָמען „קריסטן", האט אויך געהאט אַ סאך אנהייגערס צווישן מיליטער; גאַנצע לעגיאָנען זייַנען באַשטאַנען פון קריסטן. ווען מע פלעגט זיי שיקן בייַזיין צוליב פּאראד אַף געצנדינערישע פייַערונגען, פלעגן די דאָזיקע סאלדאטן-רעוואָלוציאָנערן אלס פּראָטעסט אַנטון אַף זייערע שלעמען ספּעציעלע צייכנס—צלאָמים. אומזיסט פלעגן זייערע אפיצערן זיך באַנוצן מיט געוויינטליכע קאַזאַרמע-באַשטראָפונגען. דער קייסער דיאָקלעטיאן האט באַשלאָסן זיך נעמען דערצו ענערגיש, קאָל-זמאַן עס איז נאך ניט געווען שפּעט; ער האט ניט געקאָנט רוהיק צוקוקן, ווי באַ אים אינם מיליטער ווערט ארונטערגעריסן די אָרדנונג, געהאָרכזאַמקייַט און דיסציפּלין. ער האט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ קעגן די דעמאָלסדיקע סאָציאַליסטן—די קריסטן. פאַרזאַמלונגען פון די געזעצן-שטערערס זייַנען פארבאָטן געוואָרן; די דירעס, וואו זיי פלעגן זיך צוזאַמענקלייַבן, זייַנען פאַרמאכט אָדער צעשטערט געוואָרן, עס זייַנען פאַרבאָטן געוואָרן די קריסטליכע צייכנס, די צלאָמים, א. א. וו., פּונקט ווי איצט אין זאקסן די רויטע פאַרב. באַ די קריסטן איז אָפּגענומען געוואָרן דאס רעכט צו פארנעמען מלוכע-שטעלעס—אַזש ביז דער שטעלע פון אַ געפרייטער. אַזוי ווי דעמאלס זייַנען נאָך ניט געווען אַזוינע געהארכזאַמע ריכטערס, ווי עס האט אין זינען אין אונזער צייַט ה' קעלערס געזעצפּראיעקט, איז די קריסטן פּשוט פּאשעט פאַרווערט געוואָרן צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט אַף אַ געריכטליכן אויפן. אָבער אַפילו אָט דער אויסנאם-געזעץ האט לאַכלוטן ניט געהאָלפן. די קריסטן האבן אים מיט שפּאט אַראָפּגעריסן פון די ווענט; נאך מער, מע זאָגט, אַז זיי האבן אונטערגעצונדן דעם קייזערליכן פּאַלאַץ אין ניקאמעדיען. דעמאָלסט האט ז'ך דיאָקלעטיאן נויקעם געווען דורך דער שרעקליכער רדיפע אַף די קריסטן אין 303-טן יאר פון אונדזער יאָר-ציילונג. די דאזיקע רדיפע איז געווען די לעצטע אין איר ארט. זי האט דערגרייכט איר ציל: אין זיבעצן יאָר אַרום איז די מערהייַט פון דער אַרמיי באַשטאַנען פון קריסטן און דער אנדערער זעלבסטהערשער פון דער רוימישער מלוכע נאך דיאָלעקטיאנען—קאנסטאנטין, וועמען די קירכן-דינער האבן אַ נאמען געגעבן „גרויסער", האט דערקלערט דאָס קריסטנטום פאַר דער אָפיציעלער עמונע פון דער מלוכע.

פר. ענגעלס.

לאנדאן, 6-טן מארט, 1895 יאר.

I.

# פֿון פעוורואַל ביז יוני 1848-טן יאָר.

(פֿון ערשטן נומער).

---

אַכוץ קליינע אויסנאַמען טראָגט יעדער באַטייטנדיקער טייל פֿון דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1848 ביז 1849 יאָר דאָס קעפּל: מאַפּאַלע פֿון דער רעוואָלוציע!

אָבער אין די דאָזיקע מאַפּאַלעס איז באַזיגט געוואָרן ניט נאָר די רעוואָלוציע. עס זײַנען באַזיגט געוואָרן אַלע רעשטן פֿון דער פאַר-רעוואָלוציאָנערער צײַט, די רעזולטאַטן פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטנישן, וואָס זײַנען נאָך ניט פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן אין בולטע קלאַסן-סטירעס,—פּערזאָנען, אילוזיעס, אָנשויאונגען, פּראָיעקטן, פֿון וועלכע די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי איז ניט פֿרײַ געווען ביז דער פעוורואַלער רעוואָלוציע, פֿון וועלכע עס האָט זי געקאָנט באַפֿרײַען ניט דער פעוורואַלער ניצחון, נאָר אַ גאַנצע ריי מאַפּאַלעס.

מיט איין וואָרט, די רעוואָלוציע האָט דורכגעלייגט פאַר זיך אַ וועג נישט דורך אירע דירעקטע טראַגיקאָמישע ערובערונגען, נאָר פאַרקערט, שאַפֿנדיק אַ פעסטע, מעכטיקע קאָנטער-רעוואָלוציע; נאָר אינם קאַמף מיט דעם קעגנער איז די צעשטערונגס-פּאַרטיי אויסגעוואַקסן אין אַ ווירקליכער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

מיר וועלן זיך באַמיהען דאָס צו דערווײַזן.

---

# די יוני־מאַפּאַלע פון 1848־טן יאָר.

נאָך דער יולי־רעוואָלוציע האָט דער ליבעראַלער באַנקיר לאַפיט, באַגלייטנדיק זײַן מעכוטן דעם הערצאָג פון אָרלעאַן אין זײַן טריאומפאַלן גאַנג צום האָטעל דער ווי (Hôtel de Ville), זיך אויסגעדריקט: „פון איצט אָן הויבט זיך אָן די מלוכה פון די באַנקירן“. לאַפיט האָט אַרויסגעגעבן דעם סאָד פון דער רעוואָלוציע.

אין לואי־פיליפס צײַטן האָט געהערשט ניט די גאַנצע פראַנצויזישע בורזשואַזיע, נאָר איין שיכט אירער: די באַנקירן, די בערזן־און אײַזנבאַן־קעניגן, די אייגנטימער פון קוילן־און אייזנגריבער, די וואַלד־באַזיצערס און אַ טייל פון די גרויסע ערדבאַזיצערס, וואָס איז מיט זיי פאַראייניקט—די אַזוי גערופענע פינאַנסיעלע אַריסטאָקראַטיע. זי איז געזעסן אויפן טראָן, זי האָט דיקטירט אין פּאַרלאַמענט די געזעצן, זי האָט פונאַנדער געטיילט די מלוכה־שטעלעס, אָנהויבנדיק פון מיניסטאַרישע פּאָרטפעלן און ענדיקנדיק מיט די טאַבאַק־ביוראָען.

די אייגנטלעכע אינדוסטריעלע בורזשואַזיע איז געווען אַ טייל פון דער אָפּאָזיציע, ד. ה. אין פּאַרלאַמענט איז זי געווען פאַרגעשטעלט דורך אַ מינדערהייט. נאָך די אין בלוט דערשטיקטע אויפשטאַנדן פון 1832—1834 און 1839־טן יאָרן, האָט זי געמיינט, אַז איר הערשאַפט איבערן אַרבעטער־קלאַס איז פאַרפעסטיקט, און דערפאַר איז נאָך אומדערטרעגלעכער געווען פאַר איר די זעלבסט־הערשאַפט פון דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז וואָס ווײַטער, אַלץ אומפאַרשעמטער אַרויסגעטראָטן; און אַלץ אַנטשלאָסענער איז געוואָרן איר אָפּאָזיציע. דער רואַנער פאַבריקאַנט גראַנדען, דער הייסעסטער פאַנאַטיקער פון דער בורזשואַזער רעאַקציע אין דער גרינדונגס- און געזעצגעבערישער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, איז אין פּאַר־אַמענט געווען גיזאָס הייסעסטער קעגנער. לעאָן פאָשע, וואָס האָט זיך דערנאָך באַרימט געמאַכט מיט זײַנע אומזיסטיקע פרואוון זיך אויפצוהייבן ביז צו דער ראָליע פון גיזאָ אין דער פראַנצויזישער קאָנטער־רעוואָלוציע, האָט צום סאָף פון לואי־פיליפס הערשאַפט געפירט אַ צײַטונגס־מלחמה אויף צו פאַרטיידיקן די אינדוסטריע און קעגן דער ספעקולאַציע און איר מיטהעלפערן דער רעגירונג. באַסטיאַ האָט אַגיטירט קעגן דער הערשנדיקער סיסטעם—אינם נאָמען פון באָרדאָ און פון אַלע פראַנצויזישע ווײַן־פאַבריקאַנטן.

דאס קלײנבירגערטום אין אלע זײַנע טײלונגען. װי אויך דאָס פּויערטום. זײַנען אינגאנצן באַזײטיקט געװען פונם אַנטײל אינם פּאליטישן לעבן. אין די רײען פון דער אָפּיציעלער אָפּאזיציע אָדער אינגאנצן אױסערן pays lègal [1] זײַנען, ענדליך, אויך געשטאַנען די אידעאָלאָגישע פארשטײערס און פאַרטײדיקערס פון די איבערגעצײלטע קלאַסן, זײערע געלערנטע, אַדװאָקאַטן, דאקטוירים א. א. װ.—קורץ, זײער אזוי גערופענע אינטעליגענץ.

די פינאַנסיעלע נױט האט פון סאמע אָנהױב אָן אפּהײנגיק געמאַכט די יולי-מאַנארכיע פון דער גרױס-בורזשואַזיע, און די אָפּהײנגיקײַט פון דער גרױס-בורזשואַזיע איז פון דער אנדערער זײַט געװאָרן פאַר איר אַן אומערשעפּליכער קװאַל פון אַלץ װאקסנדיקער פינאַנסיעלער נױט. עס איז אוממעגלעך אונטערצװארפן די מלוכע-פּארװאלטונג די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאלער פּראָדוקציע, קאָל-זמאן עס איז ניטא קײן גלײַכגעװיכט אינם ביודזשעט, קײן גלײַכגעװיכט צװישן די מלוכע-האכנאָסעס און די הוצאָעס. װי זאָל מען אָבער אײַנשטעלן אַזאַ גלײַכגעװיכט ניט אױפרעגנדיק קעגן זיך די זײַלן פונם הערשנדיקן רעזשים? װי זאָל מען עס מאַכן, ניט באַגרענעצנדיק די הוצאעס פון דער מלוכע, ניט באַנוצנדיק זיך מיט אַ נײַער סיסטעם פון צינזן און שטײערן ד. ה. ניט אַריבערלײגנדיק אַ באַטײטנדיקן טײל פונם שטײערן-יאָך אַף די אַקסלען פון דער גרױס-בורזשואַזיע?

די פראַקציע פון דער בורזשואַזיע, װעלכע האט געהערשט און האט אַרױסגעגעבן געזעצן, איז אָבער געװען דירעקט פאַראינטערעסירט און דער פארכױװעטקײַט פון דער מלוכע. דער מלוכע-דעפּיציט איז גראד געװען דער הױפּט פּונקט פון איר ספּעקוליאַציע און דער װיכטיקסטער קװאַל פון איר באַרײַכערונג. נאָך יעדן יאָר אַ נײַער דעפּיציט. נאָך יעדער פיר—פינף יאָר אַ נײַע האלװאָע. און יעדע נײַע האלװאָע האָט געגעבן דער פינאנסיעלער אַריסטאקראַטיע אַ נײַע געלעגנהײַט אַף צו באַנעמען די מלוכע, װאָס איז קינסטליך אױפגעהאלטן געװאָרן אפן שװעל פון באַנקראט—זי האט געמוזט מאַכן האלװאָעס בײַ די באַנקירן אַף די סאמע אומגינציקסטע באדינגונגען. אַכוץ דעם, האט יעדע נײַע האלװאָע געגעבן די מעגליכקײַט צו באַרױבן דעם עולם, װאס לײגט אַרײַן זײַנע קאַפּיטאלן אין דער מלוכע-רענטע, באַרױבן אים דורך בערזן-אפּעראַציעס, װאָס זײערע סוידעס האט געװאוסט די רעגירונג און די מערהײַט פון פּאַרלאַמענט. ביכלאל, א דאנק דער ניט-פעסטער לאַגע פונם מלוכע-קרעדיט, אַ דאנק דעם, װאס די באַנקירן זײַנען באַהאװנט געװען אין די מלוכע-סוידעס, האבן זײ און זײערע כאַװײרים אין פּארלאַמענט און אַפן טראָן געהאט די מעגליכקײַט אַרױסצורופן פּלוצלינגע אױסערגעװײנליכע װאקלונגען אינם קורס פון די מלוכע-פּאַפּירן, װעלכע האבן טאמיד בעדאלעס געשטעלט אַ גרױסע צאל קלײנע קאַפּיטאַליסטן און אומגלױבליך באַרײַכענט די גרױסע שפּילערס. די הערשנדיקע פראַקציע פון דער בורזשואַזיע איז דירעקט געװען פאַראינטערעסירט אינם

[1]) „Pays légal„ (דאס לעגאלע לאנד) האט אין לואי-פיליפּס צײַטן געהײסן די גישטיקע מינדערהײַט פון פּריװילעגירטע װײלערס.

דעפיציט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס די אויסערארדנטליכע מלוכע-הויצאָעס אין די לעצטע יארן פון לואי-פיליפס הערשאַפט זיינען אי-בערגעשטיגן די אויסעראָרדנטליכע מלוכע-הויצאעס אין נאַפּאָלעאָנס צייטן, אי-בערגעשטיגן זיי מער, ווי אין צוויי מאָל; זיי האבן איינגעשלונגען יאר-יערליך שיער ניט 400 מיליאָן פראַנק, בעשאַס ווען דער גאַנצער עקספּארט פון פראנ-קרייך האט דורשניטליך זעלטן ווען דערגרייכט ביז 750 מיליאָן פראַנק. די גוואַלטיקע סומען, וועלכע זיינען אַף אַזאַ אויפן דורכגעגאַנגען דורך די הענט פון דער מלוכע, האבן צוליב דעם געשאַפן מעגליכקייטן פאר שווינדלערישע אונטערנעמונגען, פאר קניפּס, גנייוועס און פאַרברעכנס פון אַלע מינים. דאס באַגאַנווענען די מלוכע, וואָס פלעגט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב פאָרקומען באַם שליסן האלוואָעס, פלעגט זיך אין אַ קלענערן מאַסשטאַב איבערכאַזערן באַ קאַזיאָנע אונטערנעמונגען. אויבן האבן זיך די דעפּוטאטן דורכגעמאכט זייערע געשעפטלאַך מיט דער רעגירונג, אונטן האבן זיך פּריוואַטע אונטערנעמערס געטיילט מיטן פאַרדינסט מיט באַזונדערע אַנשטאַלטן.

פונקט ווי די האלוואָעס און ביכלאַל מלוכע-הויצאעס האט דער הערשנ-דיקער קלאַס עקספּלאָאַטירט אויך דאָס בויען פון אייזנבאַנען. דער פּאַרלאַמענט האט דעם גרעסטן יאָך פון הויצאעס ארויפגעווארפן אַף דער מלוכע, און פאר דער ספּעקולירנדיקער פינאנסיעלער אַריסטאָקראַטיע האט ער פאַרזיכערט די גאלדענע פרוכטן. אַלע געדיינקען נאָך די סקאַנדאַלן אין פאַר-לאַמענט, ווען עס האט זיך צופעליק ארויסגעוויזן, אַז אלע דעפּוטאטן פון דער מערהייט צוזאמען מיט א טייל מיניסטארן זיינען, אלס אַקציאָנערן, פאַראינטע-רעסירט געווען אין די זעלביקע אייזנבאַן-בוי-ארבעטן, וועלכע זיי האבן, אלס געזעצגעבער, געצוואונגען דורכצופירן אַפן כעשבן פון דער מלוכע.

פאַרקערט, די קלענסטע פינאנסיעלע רעפארם פלעגט צעשלאָגן ווערן אינם ווידערשטאנד פון די באַנקירן. אַזוי איז, לעמאשל, געווען מיט דער פּאסט-רעפאָרם. ראָטשילד האט פּראטעסטירט. קאָן מען דען דערלויבן דער מלוכע פאַרקלענערן אירע האכנאסע-קוועלן, פון וועלכע עס ווערן אפּגעצאָלט די פּראָצענטן אַף איר אַלץ וואקסנדיקן כויוו?

די יולי-מאָנאַרכיע איז געווען גישט מער, ווי אַן אַקציאָנערע געזעלשאַפט אַף צו עקספּלאָאַטירן דאָס פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע רייכטום; אירע דיווידענדן פלעגן צעטיילט ווערן צווישן די מיניסטאָרן, פּאַרלאַמענט, 240 טויזנט ווײלערס און זייערע מעקוראָווים. לואי פיליפּ איז געווען דער דירעקטאָר פון דער דאָ-זיקער געזעלשאַפט, ראָבערט מאַקער—איז געזעסן אַפן טראָן. די דאָזיקע סי-סטעם האָט געהאַלטן אונטער אַ שטענדיקער סאַקאָנע און האָט שאָדן געבראַכט די אינטערעסן פון האַנדל, אינדוסטריע, ערד-אַרבעט, שיפן-בוי, די אינטערעסן פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין די יולי-טעג אַף איר פאָן אויפגעשריבן: „אַ ביליקע רעגירונג‟.

העיוס, ווי די פינאַנסיאָנעלע אַריסטאָקראַטיע האָט אַרויסגעגעבן גע-זעצן, האָט פאַרוואַלטעט מיט דער מלוכע, האָט געהערשט איבער אַלע אָרגאַ-ניזירטע געביטן פון דער מלוכע-מאַכט, האָט מיט איר פאַקטישער קראַפט און

מיט דער הילף פון דער פּריסטע געהאַלטן אין אירע הענט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג,—האָט אין אַלע ספערן, אָנהויבנדיק פונם קעניגליכן פּאַלאַץ און ביז דעם לעצטן „היזל", געהערשט איין און די זעלביקע אויסגעלאַסנקייט, די זעלביקע אומפאַרשעמטע גענאַרעריי, די זעלביקע טאַיווע ניסאָשער צו ווערן נישט דורך דער פּראָדוקציע, נאָר דורכן צושלעפּן פרעמדן באַרן רייכטום; באַזונדערס אין די אויבערשטע טייל פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט פלעגן זיך אָן אָפּהאַלט אַרויסווייזן אומגעזונטע, אויסגעלאַסענע שטרעבונגען, וועלכע פלעגן זיך אַף טריט און שריט צוזאַמענשטויסן אַפילע מיט די בורזשואַזע געזעצן, און אין וועלכע די אַשירעס, וואָס איז אָנגעלעבט אַף שפּיל זוכט נאַטירליך אַ באַפרידיקונג פאַר זיך, דערביי ווערט דער פאַרגעניגן שמוציק, און דאָס געלד ווערט צוזאַמענגעמישט מיט שמוץ און בלוט. לויטן אויפן פון איר באַרייכערונג, פּונקט ווי לויט אירע פאַרגעניגנס, איז די פינאַנסיעלע אַריסטאָקראַטיע בלויז אַן אויפלעבונג פונם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט אַף די שפּיצן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

די פּראַקציעס פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן נישט אַנטייל גענומען אין דער מאַכט, האָבן קוילעס געמאַכט וועגן דער אויסגעלאַסנקייט, און דאָס פאָלק האָט געשריען: „נידער מיט די גרויסע גאַנאָווים! נידער מיט די מערדערס!"—אין דער צייט, ווען אַף די העכסטע שטאַפּלען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָבן זיך אין 1847 יאָר אָפּגעשפּילט די זעלביקע סצענעס, וועלכע שטויסן געוויינטליך דעם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט אין די מוישעוו-זקיינימס, אין די פאַרשיידענע „הייזלאַך", ברענגען אים אַף דער באַשולדיקונגס-באַנק, אַף קאַטאָרגע און אַפן עשאַפאָט. די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט זיך געהיצט, וואָס אירע אינטערעסן ווערן געשטערט, די קליין-בורזשואַזיע איז מאָראַליש געווען אויפגערעגט, די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט געקאָכט. פּאַריזש איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּאַמפלעטן, «La Dynastie Rotchild» („די דינאַסטיע ראָטשילד", «Les Juifs—rois de l'epoque» „די יידן זיינען די קעניגן פון אונדזער צייט") א. א. וו.—, וועלכע האָבן מיט מער אָדער ווייניקער שאַרפזיניקייט פאַראורטיילט די הערשאַפט פון דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע.

Rien pour la gloire!—(קיין זאַך צוליב רום!) דער רום ברענגט קיין שום פּראָפיט נישט! La paix partout et toujours—(שאָלעם אום וואָס פאַר אַ פּרייז עס זאָל נישט זיין!) מילכאָמע וואַרפט אַראָפּ דעם קורס פון די דריי און פיר-פּראָצענטיקע פּאַפּירן!—אָט וואָס עס האָט אויפגעשריבן אַף איר פאָן דאָס בערזן-פראַנקרייך. איר אויסערליכע פּאָליטיק האָט זיך דעריבער אויסגעדריקט אין אַ רייי באַליידיקונגען פאַרן פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן געפיל. באַזונדערס שטאַרק איז עס געווען אויפגערעגט מיט דער פאַראייניקונג פון קראָקוי צו עסטרייך, וואָס דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס צערויבן פון פּוילן, און מיט דעם, וואָס גיזאָ האָט זיך אַקטיוו געשטעלט אַף דער זייט פונם הייליקן בונד אין דער סעפּאַראַטיסטישער קריג פון די קאַטוילישע קאַנטאָנען פון דער שווייץ (Sonderbundskrieg). דער ניצאָכן פון די שווייצאַרישע ליבעראַלן

אין אַט דער קלוימערשטער מילכאָמע האָט אויפגעהויבן דעם גייסט פון דער פראנצויזישער בורזשואזער אָפּאָזיציע; דער ב׳וטיקער פאָלקס-אויפשטאנד האָט געווירקט אף דער פאראליזירטער מאסע, ווי אן עלעקטרישער שטראָם, און האָט אויפגעוועקט אירע גרויסע רעוואָלוציאָנערע זיכרוינעס און ליידנשאפטן [1].

דער אויפרייס פון אלגעמיינע אומצופרידנקייט איז ענדליך פארגיכערט געוואָרן, דאָס מורמ׳ען איז אויסגעוואקסן אין אן אויפשטאנד, א דאנק צוויי עקאָנאָמישע וועלט-געשעהענישן.

די קארטאָפל-קראנקהייט און די אומגערעטענישן פון 1845 און 1846 יאָרן האָבן פארשטארקט די אלגעמיינע אויפרעגונג אין פאָלק. אין 1847 יאָר האָט דער אלגעמיינער יאקרעס ארויסגערופן אין פראנקרייך, פונקט ווי אפן גאנצן קאָנטינענט, בלוטיקע צוזאמענשטויסן. זייט בא זייט מיט די אומפארשעמטע אָרגיען פון דער פינאנסיעלער אריסטאָקראטיע קעמפט דאָס פאָלק פאר א שטיקל ברויט! אין ביוזאנס זיינען געקעפט געוואָרן די אנטיילנעמערס פונם הונגער-בונט, און אין פאריזש רייסט די קעניגליכע מישפּאָכע ארויס פון די הענט פון געריכט איבערגעזעטיקטע שווינדלערס!

א צווייטע גרויסע עקאָנאָמישע געשעהעניש, וואָס האָט פארגיכערט דעם אויפרייס פון דער רעוואָלוציע, איז געווען דער אלגעמיינער האנדלס- און אינדוסטריעלער קריזיס אין איינגלאַנד. שוין אין הארבסט פון 1845 יאָר איז ער אָנגעזאָגט געוואָרן דורכן מאסן-דורכפאל פון די ספעקוליאנטן אף די אייזנבאן-אקציעס; אין 1846 יאָר האט אים פארהאלטן א ריי צווייטראנגיקע ערשיינונגען, ווי די פאָרשטייענדיקע אָפּשאפונג פון די ברויט-צינשן,—און אין הארבסט פון 1847 יאָר האָט ער ענדליך אויסגעבראָכן אין דער פאָרם פון באנקראָטן פון די גרויסע לאָנדאָנער הענדלער מיט קאָלאָניאל-סכוירעס, נאָך וועלכע עס האָבן גלייך אָנגעהויבן פלאצן ערד-ביינק און פארמאכן זיך פאבריקן אין אינדוסטריעלע ראיאָנען פון איינגלאנד. די אלע פאָלגן פון דעם קריזיס האָבן זיך נאָך נישט באוויזן אָפּצושפיגלען אפן קאָנטינענט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די פעווראלער רעוואָלוציע.

די עקאָנאָמישע עפידעמיע, וואָס האָט געטראָפן דעם האנדל און די אינדוסטריע, האָט נאָך אומערטרעגליכער געמאכט די זעלבסטהערשאפט פון דער פינאנסיעלער אריסטאָקראטיע. די אָפּאָזיציאָנעלע אריסטאָקראטיע אָרדנט איין איבער גאנץ פראנקרייך אגיטאציאָנס-באנקעטן לעטויוועס דער וואל-רעפאָרם, וועלכע האָט איר געזאָלט געבן די מערהייט אין פארלאמענט און אראָפּווארפן דאָס מיניסטעריום פון די בערזן-לייט. אין פאריזש האָט דער אינדוסטריעלער קריזיס מיטגעבראכט מיט זיך נאָך איין אייגנארטיקן רעזולטאט: ער האָט ארויסגעוואָרפן אפן אינעווייניקסטן מארק א מיינגע פאבריקאנטן און

1) די פאראייניקונג פון קראקוי צו עסטרייך מיטן העסקעם פון רוסלאנד און פרייסן איז פארגעקומען דעם 11-טן נאיאבר 1846 יאר. דער Sonderbundskrieg אין דער שווייץ—פון 4-טן ביז 28-טן נאיאבר 1847 יאר. דער אויפשטאנד אין פאלערמא דעם 12-טן יאנוואר 1848 יאר; סאף יאנוואר האבן די נעאפאליטאנער ניין טעג באמבארדירט די שטאט.

פ. ע.

גרויס-הענדלער, צונעמענדיק בא זיי די מעגליכקייט צו פירן געשעפטן מיט אויסלאנד, זיי האָבן אָרגאַניזירט גרויסע פירמעס, וואָס מיט זייער קאָנקורענץ האָבן זיי רואינירט די קליינע באקאליי-הענדלער און קרעמערלאך. דערמיט לאָזט זיך דערקלערן די גרויסע צאָל באנקראָטן צווישן דעם טייל פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע, און איר רעוואָלוציאָנערע אויפפירונג אין די פעווראל-טעג. עס איז באקאנט, ווי אזוי גיזאָ און דער פארלאמענט האָבן אף די פאָדערונגען פון רעפאָרמען געענטפערט מיט א גאנץ קלאָרן ארויסרוף, ווי לואי-פיליפ האָט באשלאָסן צו באשטימען דאָס מיניסטעריום פון באראָ דעמאָלסט, ווען עס איז שוין געווען צו שפעט, ווי עס איז דערגאנגען צו א צוזאמענשטויס צווישן פאָלק מיט דער ארמיי, ווי די פאסיווע אויפפירונג פון דער נאציאָנאלער גווארדיע האט אנטוואפנט דאָס מיליטער, און די יולי-מאנארכיע האט געמוזט אָפטרעטן איר ארט פאר דער צייטווייליקער רעגירונג.

לויט איר באשטאנד איז די צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע איז אנטשטאנען אף די פעווראלער באריקאדן, אומפארמיידליך געווען אן אפשפיגלונג פון די פארשיידענע פארטייען, וועלכע האבן צעטיילט צווישן זיך די פרוכטן פונם ניצאָכן. דאס האט נישט געקאנט זיין קיין אנדער זאך, ווי א קאמפראמיט צווישן פארשיידענע קלאסן, וועלכע האבן מיט געמיינזאמע קויכעס אראפגעווארפן די יולי-מאנארכיע, וועמענס אינטערעסן עס זיינען אָבער געווען פיינטליך איינע צו די אנדערע. די גרעסטע מערהייט איז באשטאנען פון פארשטייערס פון דער בורזשואזיע. לעדריו-ראללען און פלאָקאָן זיינען געווען פארשטייערס פונם רעפובליקאנישן קליינבירגערטום, די רעפובליקאנישע בורזשואזיע איז פארגעשטעלט געווען דורך מיטארבעטער פון דער צייטונג „נאסיאנאל”, די דינאסטישע אפאזיציע—דורך קרעמיע, דיופאָן דע ל'עראם א. א. וו. דער ארבעטער-קלאס האט געהאט צוויי פארשטייערס: לואי-בלאן און אלבער. לאמארטין, ענדליך, איז אין דער צייטווייליקער רעגירונג נישט געווען אייגנטליך קיין אויסדריקער פון וועמענס נישט איז רעאלע אינטערעסן, פון א וועלכן נישט איז באשטימטן קלאס; ער איז געווען די פעווראלער רעוואלוציע אליין, דער אַלגעמיינער אויפשטאנד מיט זיינע אילוזיעס, פאעזיע, פאנטאסטישן אינהאלט און פראזן. אגב, לויט זיין מאצעוו און זיינע אנשויאונגען געהערט אט דער פארשטייער פון דער פעווראלער רעוואלוציע צו דער בורזשואזיע.

אויב, א דאנק דער פאליטישער צענטראליזאציע, הערשט פאריז איבער פראנקרייך, הערשן די ארבעטער אין מאמענטן פון רעוואלוציאנערע אויפטרייסלונגען איבער פאריז. דער ערשטער שריט פון דער צייטווייליקער רעגירונג איז געווען דער פרואוו זיך צו באפרייען פון דער אונטערדריקנדיקער ווירקונג פון די פאריזשער ארבעטער דערמיט, וואָס זי האָט פון דעם ניצאָכנדיק-פארשיקערטן פאריז אפעלירט צו דער ניכטערער פראנקרייך. לאמארטין האָט געוואָלט ארויסכאפן בא די באריקאדן-קעמפפערס דאָס רעכט צו פראָקלאמירן די רעפובליק. דאָס, האָט ער געזאָגט, קאָן טאָן נאָר די מערהייט פון דער פראנצויזישער נאציע; מע מוז אויסווארטן אף איר שטים, דער פאריזשער פראָ-

לעטאַריאַט דאַרף נישט פאַרפלעקן זײַן ניצאָכן דורך קיין אוזורפּאַציע. די בורזשואַזיע דערלויבט דעם פראָלעטאַריאַט נאָר איין אוזורפאַציע—די אוזורפאַציע פון קאַמף.

באַטאָג דעם 25-טן פעווראַל, איז נאָך די רעפובליק ניט געווען פראָקלאַמירט, דערפאַר זײַנען שוין אַלע מיניסטאָרן-פאָרטפעלן געווען צעטיילט צווישן די בורזשואַזע עלעמענטן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג און די גענעראַלן, באַנקירן און אַדוואָקאַטן פון „נאַציאָנאַל". די אַרבעטער האָבן אָבער באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן דאָס מאָל אַזאַ גענאַרערײַ, ווי אין יולי 1830 יאָר. זיי זײַנען גרייט געווען צו באַנײַען דעם קאַמף און דערשלאָגן זיך צו אַ רעפובליק מיט דער קראַפט פון געווער. מיט דער נאַכריכט איז ראַספאַיל אַוועק אין האָטעל דע ווי (Hôtel de Ville). אין נאָמען פון פאַריזשער פראָלעטאַריאַט האָט ער באַפוילן דער צײַטווײַליקער רעגירונג צו פראָקלאַמירן די רעפובליק: „אויב דאָס וועט נישט דורכגעפירט ווערן אין מעשאַך פון צוויי שאָ,—האָט ראַספאַיל דערקלערט,—קער איך זיך אום אַהער בעראָש פון 200.000 מאַן".

די קערפערס פון די געפאַלענע קעמפערס האָבן נאָך נישט באַוויזן אָפגעקילט צו ווערן, די באַריקאַדן זײַנען נאָך נישט געווען צוגענומען, די אַרבעטער זײַנען נאָך נישט געווען אַנטוואָפנט, און די איינציקע קראַפט, וועלכע וואָלט זיי געקאָנט אַנטקעגנשטעלן, איז געווען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. באַ אַזוינע אומשטענדן זײַנען פלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן אַלע האשאָרעס פון מלוכע-כאָכמע און די יורידישע שעמעוודיקײַט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. נאָך איידער עס איז אַריבער דער צוויישאָעדיקער טערמין, זײַנען שוין אַלע פאַריזשער ווענט געווען באַפוצט מיט די גרויסע היסטאָרישע ווערטער:

Rèpublique Française! Liberté, Egalité, Fraternité!

(פראַנצויזישע רעפובליק! פרײַהײַט, גלײַכהײַט, ברידערלאַכקײַט!)

צוזאַמען מיט דער פראָקלאַמירונג פון דער רעפובליק אַפן יעסאָד פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַפילע די ערינערונג וועגן יענע באַגרענעצטע צילן און מאָטיוון, וועלכע האָבן געשטויסן די בורזשואַזיע צו דער פעווראַלער רעוואָלוציע. אַנשטאָט אייניקע פראַקציעס בלויז פון דער בורזשואַזיע, האָבן אַלע קלאַסן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט באַקומען דעם צוטריט צו דער פּאָליטישער מאַכט, זײַנען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן די לאָזשעס, דעם פאַרטער און די גאַלערייען, און אַלס אַקטיווע פערזאָנען אַרויסטרעטן אַף דער רעוואָלוציאָנערער בינע. צוזאַמען מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע איז פאַרשוואונדן געוואָרן אויך די פיקטיווע סטירע צווישן דער זעלבשטענדיקער מלוכע און דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און צוזאַמען מיט איר אַ גאַנצע ריי צווייטראַנגיקע צוזאַמענשטויסן, וועלכע ווערן אַרויסגערופן דורך דער דאָזיקער פיקציע.

צווינגענדיק די צײַטווײַליקע רעגירונג און דורך איר פאַרמיטלונג גאַנץ פראַנקרײַך אָנצונעמען די רעפובליק, איז דער פראָלעטאַריאַט אַרויסגעטראָטן אַפן פאָדערגרונט, אַלס זעלבשטענדיקער פאַקטאָר, אָבער אין דער זעלביקער צײַט האָט ער אַרויסגערופן קעגן זיך דאָס גאַנצע בורזשואַזע פראַנקרײַך. ער האָט געוואונען נאָר דעם באָדן פאַר זײַן רעוואָלוציאָנערער באַפרײַאונג, אָבער נישט די באַפרײַאונג גופע-

פאַרקערט, די פּעוואָלער רעוואָ׳וציע האָט די ערשטע צײַט געדאַרפט בלויז ענדגילטיק פעסטשטעלן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע: צוזאַמען מיט דער פינאַנציעלער אַריסטאָקראַטיע האָבן באַקומען דעם צוטריט צו דער פּאָליטישער מאַכט אַלע פאַרמע ליכע קלאַסן. זי האָט באַפרײַט דעם גרעסטן טייל פון די גרויסע ערדבאַזיצערס, לעגיטימיסטן פון פּאָליטישער נישטיקייט, אַף וועלכער זיי זײַנען געווען פאַרמישפּעט דורך דער יולי-מאָנאַרכיע. נישט אומזיסט האָט די Gazette de France אַגיטירט צוזאַמען מיט די אָפּאָזיציאָנעלע צײַטונגען, נישט אומזיסט האָט זיך לאַראָשזשאַקלען אַף דער זיצונג פון פאַרלאַמענט דעם 24 פעוורואַל געשטעלט אַף דער זײַט פון דער רעוואָלוציע. דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט האָט אָפּגעגעבן דעם גורל פון פראַנקרײַך אין די הענט פון די נאָמינאַלע אייגנטימערס, וואָס בילדן די מערהײַט פונם פראַנצויזישן פאָלק, אין די הענט פונם פויערטום. און כוץ דעם אַלעמען, האָט די פעוורואַלער רעפּובליק צעהאַקט די קרוין, אונטער וועלכער עס האָט זיך באַהאַלטן דער קאַפּיטאַל, אַזוי אַז די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז איצט אַרויסגעטראָטן אָפן.

אין די יולי-טעג האָבן די אַרבעטער ערקעמפט די בורזשואַזע מאָנאַרכיע, אין די פעוורואַלער טעג האָבן זיי ערקעמפט די בורזשואַזע רעפּובליק. פונקט ווי די יולי-מאָנאַרכיע איז געצוואונגען געווען זיך צו דערקלערן פאַר אַ מאָנאַרכיע מיט רעפּובליקאַנישע אײַנריכטונגען, אַזוי איז די פעוורואַלער רעפּובליק געצוואונגען געווען זיך צו דערקלערן פאַר אַ רעפּובליק מיט סאָציאַלע אײַנריכטונגען. דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דערשלאָגן די האַנאַכע אויך.

מאַרש, אַן אַרבעטער, האָט דורכגעדיקטירט דעם דעקרעט, אין וועלכן די נאָר וואָס אויסגעבילדעטע צײַטווייליקע רעגירונג האָט זיך מיסכאַיעו געווען צו פאַרזיכערן די אַרבעטער זייער עקזיסטענץ דורך זייער אַרבעט, געבן יעדן אַרבעט א. א. וו., ווען זי האָט אָבער אין עטליכע טעג אַרום פאַרגעסן אירע האַווטאָכעס און האָט, דוכט זיך, אינגאַנצן פון זינען אַרויסגעלאָזן דעם פּראָלעטאַריאַט, איז אַ מיינגע פון 20.000 אַרבעטער אַוועק צום „האָטעל דע ווי״ מיט געשרייען: „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט! שאַפן אַ באַזונדער אַרבעט-מיניסטעריום!״. אַנטקעגן איר ווילן, נאָך לאַנגע דעבאַטן, האָט די צײַטווייליקע רעגירונג באַשטימט אַ ספּעציעלע שטענדיקע קאָמיסיע, אַף וועלכער עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אויסצוזוכן מיטלען אַף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן. די דאָזיקע קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דעלעגאַטן פון די פּאַריזשער האַנטווערקער-קאָרפּאָראַציעס אונטערן פאָרזיץ פון לואי-בלאַן און אַלבער. אַלס אַן אָרט פאַר אירע זיצונגען איז איר אָפּגעגעבן געוואָרן דער לוקסעמבורגער פּאַלאַץ. אַף אַזאַ אויפן זײַנען די פאָרשטייערס פונם אַרבעטער-קלאַס פאַרטריבן געוואָרן פון דעם אָרט, וואו עס פלעגן פאָרקומען די זיצונגען פון דער צײַטווייליקער רעגירונג און דער בורזשואַזער טייל פון דער רעגירונג האָט אײַנגעהאַלטן אויסשליסליך אין זײַנע הענט די ווירקליכע מלוכע-מאַכט און די אַנפירונג אין לאַנד. צוגלײַך מיט די

מיניסטעריומס פאר פינאנסן, האנדל און געזעלשאפטליכע ארבעטן, צוגלייך מיטן באנק און דער בערזע איז איינגעארדנט געווארן א סאציאליסטישער ביסמעדרעש, וואו די קויהאנים זיינע, לואי-בלאן און אלבער, האבן געהאט די אויפגאבע צו אנטדעקן א נייעם ערעץ-איסראעל, מעוואסער זיין א נייע טוירע און אפציהען די אויפמערקזאמקייט פונם פאריזשער פראלעטאריאט. אלס אונטערשייד פון יעדווידער געוויינטליכער מלוכע-מאכט האבן זיי נישט פארמאגט קיין שום ביודזשעט, קיין שום אויספירונגס-מאכט. זיי האבן מיט זייערע אייגענע שטערנס געדארפט צעקלאפן די זיילן פון דער בורזשואזער ארדנונג. אין דער צייט, ווען אין לוקסעמבורג האט מען זיך פארנומען מיט אויסזוכן דעם פילאזאפישן שטיין, האט מען אין האטעל דע ווי געשמידט די גאנגבארע מאטבייעס.

און דאך דארף מען זאגן, אז די פאדערונגען פונם פאריזשער פראלעטאריאט, אף וויפל זיי זיינען אריבערגעשטיגן די גרעניצן פון דער בורזשואזער רעפובליק, האבן ווירקליך נישט געקאנט געפינען קיין אנדער פארווירקליכונג, אכוץ דעם נעפלהאפטיקן-לוקסעמבורגער פרואוו.

די ארבעטער האבן געמאכט די פעווראלער רעוואלוציע צוזאמען מיט דער בורזשואזיע, איצט האבן זיי זיך באמיהט צו פארטיידיקן זייערע אינטערעסן זייט בא זייט מיט דער בורזשואזיע; האבן זיי דאך אוועקגעזעצט אין דער צייטווייליקער רעגירונג אן ארבעטער זייט בא זייט מיט א בורזשואזער מערהייט. ארגאניזאציע פון ארבעט! אבער די לוין-ארבעט איז דאך די שוין עקזיסטירנדיקע בורזשואזע ארבעט-ארגאניזאציע! אן איר איז נישטא קיין קאפיטאל, נישטא קיין בורזשואזיע, נישטא קיין בורזשואזע געזעלשאפט. אן אייגן ארבעט-מיניסטעריום! אבער צי זיינען דען די מיניסטעריומס פון פינאנסן, האנדל, געזעלשאפטליכער ארבעט נישט קיין בורזשואזע ארבעט-מיניסטעריומס? זייט בא זייט מיט זיי א פראלעטארישער ארבעט-מיניסטעריום וואלט פארורטיילט געווען אף אנמעכטיקייט, וואלט געווען א מיניסטעריום פון פרומע וואונשן, א לוקסעמבורגער קאמיסיע. גלויבנדיק אין דער מעגליכקייט פון זייער באפרייאונג זייט בא זייט מיט דער בורזשואזיע, האבן די ארבעטער געהאפט אויך צו פארווירקליכן זייער ארבעטער-רעוואלוציע אין די נאציאנאלע גרעניצן פון פראנקרייך, זייט בא זייט מיט די איבעריקע בורזשואזע נאציעס. די פראדוקציאנס-פארהעלטנישן פון פראנקרייך ווערן אבער פאראורזאכט דורכן אויסערליכן האנדל, דורך איר לאגע אפן וועלט-מארק און דורך די געזעצן פון אט דעם מארק. צי דען האט זיי פראנקרייך געקאנט צעשטערן אן אן אייראפייאישן רעוואלוציאנערן קריג, וועלכער זאל זיך אפשפיגלען אף איינגלאנד, דער הערשער פונם וועלט-מארק?

ווען עס שטייט אויף א קלאס, אין וועלכן עס זיינען קאנצענטרירט די רעוואלוציאנערע אינטערעסן פון דער געזעלשאפט, זוכט ער נישט קיין מאטעריאל פאר זיין רעוואלוציאנערער טעטיקייט: ער פארניכטעט די סאנים, נעמט אן מיטלען, וועלכע ווערן דיקטירט דורך די באדערפנישן פון קאמף און די פאלגן פון זיינע אייגענע מייסים שטויסן אים ווייטער. אזא קלאס פארנעמט זיך

מיט טעראָריסטישע אויספאַרשונגען פון זייַנע אייגענע אויפגאַבן. דער פראַנצויזישער אַרבעטער-קלאַס האָט זיך נישט געפונען אין אַזאַ לאַגע; ער איז נאָך נישט פייהיק געווען צו פאַרווירקליכן זייַן רעוואָלוציע.

ביכלאַל ווערט די אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן פראָלעטאַריאַט פאַראורזאַכט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. נאָר אונטער איר הערשאַפט וואַקסט ער אויס אין אַ נאַציאָנאַלער קראַפט, וועלכע איז פייהיק צוצוגעבן זייַן רעוואָלוציע אַ נאַציאָנאַלע גרויס, נאָר אונטער איר הערשאַפט שאַפט ער די מאָדערנע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, וועלכע דינען אין דער זעלביקער צייַט אַלס מיטלען פאַר זייַן רעוואָלוציאָנערער באַפרייַאונג. נאָר איר הערשאַפט רייַסט אַרויס מיטן וואָרצל די רעשטן פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג און גרייט צו אַ באָדן, אויף וועלכן עס איז איינציק מעגליך די אַרבעטער-רעוואָלוציע. פראַנקרייַך איז דאָס אינדוסטריעלסטע לאַנד אויפן גאַנצן קאָנטינענט, און איר בורזשואַזיע איז די סאַמע רעוואָלוציאָנערסטע. אָבער שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די פעברואַרער רעוואָלוציע איז, הויפּטזאַכליך, געווען געווענדעט קעגן דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע, האָט באַוויזן, אַז די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט נישט געהערשט אין פראַנקרייַך. די הערשאַפט פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע איז מעגליך בלויז דאָרט, וואו די מאָדערנע אינדוסטריע רעאָרגאַניזירט אויף איר שטייגער אַלע פאַרמעגן-פאַרהעלטענישן; און צו אַזאַ קראַפט קאָן זי דערגרייכן נאָר דאַן, ווען זי געווינט דעם וועלט-מאַרק, ווייַל אין די גרעניצן פון איר לאַנד קאָן זי נישט דערגרייכן צו קיין פולער אַנטוויקלונג. די פראַנצויזישע אינדוסטריע אָבער האַלט אין דער עמעסן אַיין אַפילע דעם אינעווייניקסטן מאַרק נאָר אַ דאַנק דער מער אָדער ווייניקער מאָדיפיצירטער סיסטעם פון גרעניץ-אָפּצאָלן. דעריבער שטויסן די געשעהענישן אין פאַריז אין אַ מאָמענט פון אַ רעוואָלוציע דעם פראַנצויזישן פראָלעטאַריאַט אויף פראָווינץ, וועלכע שטייַגן איבער זייַנע קויכעס, בעשאַס ווען אין דער פראָווינץ איז ער צונויפגעזאַמלט אין איינצעלנע, צעוואָרפענע אינדוסטריעלע צענטרען, קימאַט פאַרשווינדנדיק צווישן דער גוואַלטיקער מערהייַט פון פויערטום און קליין-בורזשואַזיע. דער קאַמף קעגן קאַפּיטאַל אין זייַן אַנטוויקלטער, מאָדערנער פאָרם, אין זייַן רייַנעם אויסזעהען, דער קאַמף פונם פאַבריק-אַרבעטער קעגן דעם פאַבריקאַנט דעם בורזשוא איז אין פראַנקרייַך אַן איינצעלנער פאַקט. נאָך די פעברואַלער טעג האָט ער נאָך ווייניקער געקאָנט דינען אַלס נאַציאָנאַלער אינהאַלט פון דער רעוואָלוציע, ווייַל דער קאַמף קעגן די צווייטראַנגיקע אויפאַנים פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע,—דער קאַמף פונם פויער קעגן דעם פּראַצענטניק און קעגן דער היפּאָטעק, דער קאַמף פונם קליינבירגער קעגן דעם גרויסהענדלער, באַנקיר און פאַבריקאַנט, מיט איין וואָרט, קעגן באַנקראָט,—איז נאָך באַהאַלטן געווען אונטער אַ הייַטל פון אַלגעמיינעם אויפשטאַנד קעגן דעם דרוק פון דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך באַמיהט צו פאַרטיידיקן זייַנע אינטערעסן זייַט בייַ זייַט מיט די בורזשואַזע אינטערעסן, אַנשטאַט דורכצופירן זיי אין

לעבן, ווי דעם רעוואלוציאנערן אינטערעס פון דער געזעלשאפט גופא; עס איז
קיין וואונדער נישט, וואס ער האט אראפּגעבויגן די רויטע פאן אקעגן דער
דרייפארביקער. די פראנצויזישע ארבעטער האבן זיך נישט געקאנט רירן
פארויס אַף קיין איין טריט, זיי האבן קיין איין האר נישט געקאנט אנרירן
פון דער בורזשואזער ארדנונג, קאל זמאן דער גאנג פון דער רעוואלוציע האט
נישט אויפגעהויבן קעגן איר, קעגן דער הערשאפט פונם קאפּיטאל, די מאסע
פון פאלק, וועלכע שטייט צווישן דעם פּראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע,—
די פּויערים און קליינבירגער,—און האט זיי נישט געצוואונגען צוצושטיין צום
פּראלעטאריאט, אנערקענענדיק אין אים זייער פארקעמפער. נאר מיט דעם
פּרייז פון דער שרעקליכער יוני-מאפאלע האבן די ארבעטער געקאנט קויפן
אט דעם ניצאכן.

פאַר דער ליוקסעמבורגער קאָמיסיע, אָט דעם קינד פונם פאריזשער פּראָ-
לעטאַריאַט, וועט פאַרבלייבן דער פאַרדינסט, וואָס פון דער הויך פון אַן אייראָ-
פּייאישער טריבונע האָט זי פּראָקלאָמירט דעם סאָד פון דער רעוואלוציע פון ניינ-
צענטן יארהונדערט: די באַפרייאונג פונם פראלעטאריאט. דער Moniteur
(„מאָניטער"—אַ רעגירונגס-צייטונג) האט מיט שוים אַף די ליפּן געמוזט אפּי-
ציעל פּראָפּאַגאנדירן די „ווילדע שיגאוינעס", וואָס זיינען ביז אהער געלעגן
באַגראָבן אין די אפּאקריפישע ווערק פון די סאָציאַליסטן, און נאָר פון צייט
צו צייט האבן זיי זיך דערטראָגן צו די אויערן פון דער בורזשואַזיע אין דער
פאָרם פון נעפּלהאַפטיקע לעגענדן, צומאלס שרעקליכע, צומאלס לעכערליכע.
אייראפּע האט זיך פארוואונדערטערהייד אויפגעכאפּט פון איר בורזשואַזן דרעמל.
אַלזאָ, אינם געדאַנק פון די פּראָלעטאַריער, וועלכע האבן געמיינט, אַז פינאַנ-
סיעלע אַריסטאָקראַטיע און בורזשואַזיע ביכלאַל איז איינס און דאס זעלבע;
אין דער פאנטאזיע פון די רעפּובליקאַנישע נאאיווע לייט, וועלכע האבן גע-
לייקנט גופא אין דער עקזיסטענץ פון קלאַסן אדער אין בעסטן פאל, האבן זיי
עס גערעכנט פאר א פועל-יוצא פון דער קאָנסטיטוציאנעלער מאָנאַרכיע, אין
די צוויעסדיקע פראזן פון יענע שיכטן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע זיינען
פריער באַזייטיקט געווען פון דער מאַכט,—איז די הערשאפט פון דער
בורזשואַזיע אפּגעשאַפט געוואָרן צוזאַמען מיטן איינפירן פון דער רעפּובליק.
אין יענער צייט זיינען אַלע ראיאליסטן געוואָרן רעפּובליקאַנער, אַלע קאפּי-
טאַליסטן—ארבעטער. די פראַזע, וואָס איז צוגעפּאסט געווען צו דער דאזיקער
קלוימערשטער פארניכטונג פון קלאַסן-פאַרהעלטענישן, איז געווען Fraternité—
אלגעמיינער ברידערן זיך, ברודערשאַפט. אט דאס גוטמוטיקע פארגעסן די
קלאַסן-סטירעס, דאָס סענטימענטאַלע שאָלעם-מאַכן צווישן קעגנזעצליכע קלאַסן-
אינטערעסן, אָט דאָס שטרוימערישע איגנאָרירן דעם קלאַסן-קאַמף, אָט די Fraternité—
דאָס איז געווען דער עמעסער לאָזונג פון דער פעוורואַלער רעוואלוציע.
אַ פּאָשעטע מיספארשטייעניש האָט צעשפּאלטן די געזעלשאפט אַף
קלאַסן, און דעם 24 פעוורואל האט לאַמאַרטין אַזוי אַ נאמען געגעבן די צייט-
ווייליקע רעגירונג: „די רעגירונג, וועלכע מאַכט אַ סאָף צו דעם שרעק-
ליכן מיספאַרשטייעניש, וואָס עקזיסטירט צווישן פאַר-

שיידענע קלאסן". דער פאַריזשער פּראָלעטאַריאַט איז געקומען אין גוואַלטיקער היספּיילעס פון אַט דעם גרויסמוטיקן שוואונג פון אַלגעמיינער ברודערשאַפט.

די צייטווייליקע רעגירונג פון איר זייט, זייענדיק איינמאָל געצוואונגען צו פּראָקלאַמירן די רעפּובליק, האָט זיך מיט אַלע קויכעס באַמיט שאָלעם צו מאַכן מיט איר די בורזשואַזיע און פּראָווינץ. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די בלוטיקע שוידערהאַפטיקייטן פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעפּובליק, אָפּשאַפנדיק טויט-שטראָף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס; די פּרעסע איז פריי געעפנט געוואָרן פאַר אַלע מיינונגען; די אַרמיי, דאָס געריכט, די אַדמיניסטראַציע, אויסער קליינע אויסנאַמען, זיינען פאַרבליבן אין די הענט פון אַלטע אָפּיצערן און באַאַמטע, קיין איינער פון די גרויסע פאַרברעכערס פון דער יולי-מאָנאַרכיע איז נישט צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטליכקייט. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער פון „נאַסיאָנאַל" האָבן זיך געשפּילט אין אומבייטן די מאָנאַרכיסטישע נעמען און קאָסטיומען אויף אַלט-רעפּובליקאַנישע. פאַר זיי איז די רעפּובליק געווען בלויז אַ נייער באַל-קאָסטיום פאַר דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט. איר הויפּט-פאַרדינסט האָט די יונגע רעפּובליק געמיינט צו זען דערין, וואָס זי זאָל קיינעם נישט שרעקן, נאָר פאַרקערט, אַליין פאַר אַלצדינג מוירע האָבן און דורך ווייכער נאָכגיביקייט און אומבאַשיצטקייט פאַרטיידיקן איר עקזיסטענץ און אַנטוואָפענען אירע שׂונאים. זי האָט הויך געמאָלדן וועגן איר פרידליכער באַציהונג צו די פּריווילעגירטע קלאַסן פון פראַנקרייך און צו די דעספּאָטישע לענדער פון אייראָפּע. לעבן און לעבן לאָזן — אַט דאָס איז געווען איר לאָזונג. פּונקט אין דער צייט, באַלד נאָך דער פעברואַלער רעוואָלוציע, זיינען אויפגעשטאַנען די דייטשן, די פּאָליאַקן, די עסטרייכער, די אונגאַרן, די איטאַליענער — יעדעס פאָלק לויט די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון זיין לאַגע. רוסלאַנד און ענגלאַנד זיינען נישט צוגעגרייט געווען צו קיין מיטכאַפּ, ענגלאַנד האָט אַליין איבערגעלעבט אינערליכע אומאָרדנונגען, רוסלאַנד איז געווען אָנגעשראָקן פון דער רעוואָלוציע. אויף אַזאַ אויפן האָט די רעפּובליק נישט באַגעגנט אויף איר וועג קיין איין נאַציאָנאַלן סוינע. עס זיינען, הייסט עס, נישט געווען יענע גרויסע אויסערליכע פאַרוויקלונגען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אָנצינדן די נאַציאָנאַלע ענערגיע, פאַרגיכערן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, שטויסן פאָראויס די צייטווייליקע רעגירונג אָדער אַרויסוואַרפן זי אויף יענער זייט. דער פאַריזשער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אין דער רעפּובליק געזען זיינס אַן אייגן קינד, האָט פאַרשטייט זיך באַגריסט יעטווידער טריט פון דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס האָט איר מיטגעהאָלפן זיך איינצואָרדנען אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ער האָט גערן געגעבן קאָסידיערן פּאָליציישע שטיצע אויף צו באַשיצן דאָס אייגנטום אין פאַריז און האָט געלאָזן לואי בלאַנ'ען רעגולירן די לוין-קאַנפליקטן צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים. ער האָט געהאַלטן פאַר אַן ערן-פראַגע פאַר זיך — אייַנצוהיטן אין די אויגן פון אייראָפּע אומבאַפלעקט דעם בורזשואַזן קאָוועד פון דער רעפּובליק.

די רעפּובליק האָט נישט באַגעגנט קיין שום ווידערשטאַנד נישט פון דרויסן, נישט פון אינעווייניק. דאָס האָט זי אַנטוואָפנט. איר אויפגאַבע איז איצט

געוועזן נישט די רעוואלוציאנערע איבערבויאונג פון דער וועלט, נאר איר אייגענע צופאסונג צו די באַדינגונגען פון דער בורזשואזער ארדנונג. מיט וואס פאר א פאנאטיזם די צייטווייליקע רעגירונג האט זיך א נעם געטאן אדורכצופירן די דאזיקע אויפגאבע, דערווייזן בעסער פון אלץ אירע פינאנסיעלע מאסמיטלען.

דער געזעלשאפטליכער און פריוואטער קרעדיט איז, פארשטייט זיך, ערשיטערט געווארן. דער געזעלשאפטליכער קרעדיט האט זיך באזירט אַף דער זיכערקייט זעריק, אז די מלוכע לאזט זיך עקספלאאטירן דורך די יידן-בערזן-שפילערס. אבער די אלטע מלוכע איז געפאלן, און די רעוואלוציע איז געווען געווענדעט פריער פון אלץ קעגן דער פינאַנס-אריסטאקראטיע. די קאנוואולסיעס פונם לעצטן אייראפייאישן האנדלס-קריזיס האבן נאך נישט אויפגעהערט. איין באנקראט האט געפאלגט נאָכן אנדערן.

דער פריוואטער קרעדיט איז אַף אזא אויפן פאראליזירט געווארן, דער אומזאַץ פון סכוירעס פארשווערט, און די פראדוקציע האט זיך אפגעשטעלט נאך פארן אויפרייס פון דער פעווראלער רעוואלוציע. דער רעוואלוציאנערער קריזיס האט פארשטארקט דעם קאמערציעלן קריזיס. דער פריוואטער קרעדיט באזירט זיך אף דער זיכערקייט, אז דער גאנצער קאמפלעקס באדינגונגען פון דער בורזשואזער פראדוקציע, די גאנצע בורזשואזע ארדנונג, בלייבן נישט געשטערט און אומבארירליך. ווי זשע האט געדארפט ווירקן אף אים די רעוואלוציע, וועלכע האט געשטעלט אין געפאר דעם יעסאָד פון דער בורזשואזער פראדוקציע גופע, די עקאנאמישע שקלאפעריי פונם פראלעטאריאט,—די רעוואלוציע, וועלכע האט אויפגעשטעלט אנטקעגן דער בערזע דעם רעטענישפורן ליוקסעמבורגער ספינקס? די באפרייאונג פונם פראלעטאריאט איז געגליכן צו דער פארניכטונג פונם בורזשואזן קרעדיט, ווייל זי באטייט די פארניכטונג פון דער בורזשואזער פראדוקציע און פון דער בורזשואזער ארדנונג. דער געזעלשאפטליכער און פריוואטער קרעדיט—דאס איז דער עקאנאמישער טערמאמעטער, וועלכער באווייזט די אינטענסיווקייט פון דער רעוואלוציע. אין דער זעלביקער מאס, אין וועלכער עס פאלט דער קרעדיט, הויבט זיך די טעמפעראטור פון דער רעוואלוציע און עס וואקסט איר שאפונגס-קראפט.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט געוואָלט אָפנעמען בא דער רעפובליק איר אַנטיבורזשואַזן אויסזען, דערצו איז נויטיק געווען פריער פון אלץ צו פאַרזיכערן דעם אויסטויש-ווערט פון דער נייער מלוכע-פאָרם, איר בערזן-קורס. צוזאַמען מיטן בערזן-פרייזקוראַנט פון דער רעפובליק האָט זיך אומבאַדינגט געמוזט הויבן דער פריוואַטער קרעדיט.

קדיי צו באַזייטיקן אַפילע דעם חשד, אַז די רעפובליק וויל נישט אָדער קאָן נישט אויספילן די היסכייוועסן, וועלכע זי האָט באַקומען בייערושע פון דער מאָנאַרכיע, קדיי איינצופלאנצן צוטרוי צו דער בורזשואַזער ערליכקייט און צאָל-פייִקייט פון דער רעפובליק, האָט זיך די צייטווייליקע רעגירונג באַנוצט מיט באַרימעריי, וואָס איז נישט פונקט אזוי נישט פאַסיק, ווי קינדעריש.

נאָך פאַרן געזעצליכן טערמין האָט זי אָפּגעצאָלט די מלוכע-קרעדיטאָרן די פּראָצענטן, ווי די 5, $4\frac{1}{2}$ און 4 פּראָצענטיקע פּאַפּירן. ווען די קאַפּיטאַליסטן האָבן דערזען, מיט וואָס פאַר אַ פאַכדאַנישער היילעוודיקייט מע באַמיט זיך צו קויפן זייער צוטרוי, האָבן זיי מיט אַמאָל צוריק באַקומען זייער בורזשואַזן אַפּלאָמב און זיכערקייט אין זיך.

פאַרשטייט זיך, די געלט-שוועריקייטן פון דער צייטווייליגער רעגירונג זיינען נישט קלענער געוואָרן פון אָט דעם טעאַטראַלישן אַרויספאַל, וואָס האָט באַ איר צוגענומען אירע פּעראַטן (זאַפּאַסן) פון דעם מעזומענעם געלט. עס איז אוממעגליך געווען ווייטער צו באַהאַלטן די געלט-נויט, און דעם קליינבירגערטום און די אַרבעטער איז אויסגעקומען פון זייער אייגענער קעשענע צו באַצאָלן פאַר דעם אַנגענעמען סורפּריז, וואָס איז אונטערגעטראָגן געוואָרן די מלוכע-קרעדיטאָרן.

די רעגירונג האָט דערקלערט, אַז די שפּאָר-קאַסעס וועלן לויט די שפּאָר-ביכלאַך נישט אומקערן קיינע סומען, העכער פון 100 פראַנק. די סומען, וועלכע זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין די שפּאָר-קאַסעס, זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן און אַ דעקרעט פון דער רעגירונג האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ מלוכע-כויוו. דאָס האָט נאָך מער פאַרביטערט קעגן דער רעפּובליק דאָס קליינבירגערטום, וואָס האָט זיך אַזוי אויך געפונען אין אַ געדריקטער לאַגע. באַקומענדיק אַנשטאָט זייערע שפּאָר-ביכלאַך בילעטן פונם מלוכע-כויוו, זיינען זיי געצוואונגען געווען צו פאַרקויפן זיי אויף דער בערזע. איבערגעגעבן זיך אין די הענט פון די זשעביקע יידן, די בערזן-הערשערס, אַנטקעגן וועלכע עס איז געווענדעט געווען די פעברואַר רעוואָלוציע.

דער באַנק איז געווען דער טעמפּל פון דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געהערשט בעשאַס דער יולי-מאָנאַרכיע. פונקט ווי די בערזע האַלט אין אירע הענט דעם מלוכע קרעדיט, אַזוי רעגירט דער באַנק איבערן האַנדלס-קרעדיט.

די פעברואַלער רעוואָלוציע האָט געשטעלט אין סאַקאָנע נישט נאָר די הערשאַפט פונם באַנק, נאָר זיין עקזיסטענץ גופא; דעריבער האָט ער זיך פון סאַמע אָנהייב אָן באַמיט צו דיסקרעדיטירן די רעפּובליק, אַרונטעררייסנדיק דעם האַנדלס-קרעדיט. ער האָט פּלוצלונג איבערגעריסן דעם קרעדיט פאַר באַנקירן, פאַבריקאַנטן און סאָחרים. נישט אַרויסרופנדיק קיין באַלדיקע קאָנטר-רעוואָלוציע, איז דער דאָזיקער מאַניעוור אוממפאַרמיידליך מיט זיין גאַנצער לאַסט געפאַלן צוריק אויפן באַנק. די קאַפּיטאַליסטן האָבן צוריק געצויגן זייער געלט, וואָס איז געלעגן אין די באַנק-קעלערס. די באַזיצערס פון באַנק-בילעטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער באַנק-קאַסע, כדי אויסצוטוישן זיי אויף גאָלד און זילבער.

די צייטווייליקע רעגירונג וואָלט געקאָנט גאַנץ לעגאַל, אָן אַ גוואַלט-אַריינמישונג, צווינגען דעם באַנק צו באַנקראָטירן; זי האָט בלויז געדאַרפט פאַרבלייבן פּאַסיוו און איבערלאָזן דעם באַנק מיט זיין אייגענעם גורל. דער באַנקראָט פונם באַנק — דאָס איז אַ שטראָם, וועלכער וואָלט אין איין

אויגנבליק אפגערייניקט דעם פראנצויזישן באדן פון דער פינאנס־ןעלער אריסטא=
קראטיע, פונם מעכטיקסטן און געפער׳יכסטן סוינע פון דער רעפובליק, פון אט
דעם גאלדענעם פיעדעסטאל פון דער יולי־מאנארכיע. און ווען דער באנק וואלט
באנקראטירט, וואלט די רעגירונג געקאנט ארגאניזירן א נאציאנאלן באנק און
אוועקשטעלן דעם נאציאנאלן קרעדיט אונטערן קאנטראל פון דער נאציע; דע=
מאלס וואלט די בורזשואזיע אליין געמוזט איינזעען דערין בלויז דעם לעצטן
פארצווייפלטן פרואוו זיך צו ראטעווען.

אָבער אנשטאָט דעם האָט די רעגירונג איינגעפירט א צוואַנגס־קורס
פאַר די באַנק=בילעטן. זי האט אפילו נאָך מער געטאָן. זי האָט אַלע
פראָווינציעלע ביינק פאַרוואַנדלט אין אָפּטיילונגען פונם Banque de France
(פראַנצויזישן באַנק) און האָט אים אף אזא אויפן געגעבן די מעג׳יכקייט צו
פאַרשפרייטן זיין נעץ איבער גאנץ פראַנקרייך. שפּעטער האָט זי בא אים
געמאכט אן האלוואָע און א׳ס גאַראַנטיע פארזאָצט די מלוכע=וועלדער
אף אזא אויפן האָט די פעוראַלער רעוואָליוציע דירעקט פארפעסטיקט און פאַר=
ברייטערט די זעלביקע באנקאָקראַטיע, וועלכע זי האָט געדארפט אראָפּווארפן.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך די צייטווייליקע רעגירונג געדרייט און
געוויקלט אינם קלעם פונם אלץ וואַקסנדיקן דעפיציט. אומזיסט האָט זי געבעטלט
פאטריאָטישע געשאנקען. בלויז די ארבעטער האָבן איר צוגעוואָרפן א נעדאָווע.
עס איז איר אויסגעקומען זיך צו באַנוצן מיט א העראָאישן מיטל, איינפירן אַ
נייעם שטייער. וועמען אבער באשטייערן? די בערזן=קעניגן, די באנקירן, די
מלוכע=קרעדיטאָרן, די ראנטיעס, די פאבריקאנטן? אף אַזאַ וועג וואָלט די רע=
פוב׳יק נישט געוואונען זייער סימפאטיע. דאָס וואָלט געהייסן מיט איין האַנט
ארונטעררייסן דעם מלוכע און האנדלס־קרעדיט, בעשאס ווען מיט דער אנדע=
רער האנט ווערן געבראַכט פאַר אים אַזוינע ערנידערנדיקע קאָרבאָנעס. עמיצער
האָט דאָך אָבער געמוזט צאָלן. ווער זשע איז געבראכט געוואָרן פאַר א קאָרבן
דעם בורזשואַזן קרעדיט? Jacques le bonhomme,[1]) — דער פויער.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט איינגעפירט א צוגאָב=שטייער, וואָט האָט
פארגרעסערט אף 45 סאַנטים יעדן פראַנק פון די פיר דירעקטע שטייערן.
די רעגירונגס־פרעסע האָט כאַ׳ש פארזיכערט דעם פאַריזשער פּראָלעטאַריאַט,
אז דער דאָזיקער שטייער פאַלט הויפטזעכטליך אפן גרויסן ערדבאזיץ, אף די
באזיצערס פונם מיליאַרד, וואָס די רעסטאַווראַציע האָט פונאנדערגעשאָנקען[2]). אין
דער עמעסן אָבער איז ער פריער פון אַלץ געפאַלן אפן פויערטום, ד. ה. אף
דער גרעסטער מערהייט פונם פראַנצויזישן פאָלק. די פויערים איז אויס=
געקומען צו צאָלן די הויצאָעס פון דער פעוראַלער=רעוואָ=
׳יוציע — און זיי האָבן געבי׳דעט די הויפּט־ארמיי פון דער קאָנטער־רעוואָליוציע.
דער נייער שטייער פון 45 סאַנטים איז געוואָרן א לעבנס־פראגע פארן פראַנ=
צויזישן פויערטום, וואָס האָט זי פון זיין זייט געמאַכט פאר א פראַגע פון לעבן

1) „זשאק דער טאַם״ — אַזוי האָט בא דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע געהייסן דער פויער.
2) די מיליאַרד־קאָמפּענסאַציע, וועלכע איז געגעבען געוואָרן די פריצים, וואָס האָבן בעשאַס
עמיגרירט אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע.
דער איבערזעצער.

און טויט פֿאַר דער רעפּובליק. פֿון דעם מאָמענט אָן פֿאַרקערפּערט די רעפּובליק אין די אויגן פֿונם פֿראַנצויזישן פּויער דעם 45 סאַנטימיקן צוגאָב-שטײַער, און דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט מאָלט זיך פֿאַר אים ווי אַ פֿאַרשווענדער, וואָס לאָזט זיך וואוילגיין אַף זײַן כעשבן.

אין דער צײַט, ווען די רעוואָלוציע פֿון 1789 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס זי האָט באַפֿרײַט די פּויערים פֿונם יאָך פֿון די פֿעאָדאַלישע פֿליכטן, האָט די רעוואָליוציע פֿון 1848 יאָר, קדיי נישט צו ברענגען קיין שאָדן דעם קאַפּיטאַל און פֿאַרזיכערן דעם גאַנג פֿון איר מלוכע-מאַשין, פֿריער פֿון אַלץ אונטערגעטראָגן דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אַ נײַעם שטײַער.

נאָר מיט איין מיטל וואָלט די צײַטווײַליקע רעגירונג געקאָנט באַזײַטיקן די אַלע שוועריקײַטן און אַרויסשלאָגן די מלוכע פֿונם אַלטן וועג — נעמליך דורך דער דערקלערונג פֿון אַ מלוכע-באַנקראָט. עס איז באַקאַנט, ווי לעדריו-ראָללען האָט דערנאָך שטאָלצירט פֿאַר דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג דערמיט, וואָס ער האָט מיט פֿאַראַכטונג אָפּגעוואָרפֿן אַזאַ מין פֿאָרשלאָג פֿונם יידישן בערזן-מאַן פֿולד, דעם איצטיקן פֿינאַנס-מיניסטער. פֿולד האָט אים אונטערגעטראָגן אַן עפּל פֿונם „עץ-הדעת“.

אַנערקענענדיק די וועקסלען, וועלכע די מלוכע האָט אַרויסגעגעבן דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג זיך פֿאַרשקלאַפֿט בײַ דער דאָזיקער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. אַנשטאָט צו קומען, ווי אַ האַרבער קרעדיטאָר, וואָס מאָנט אויף די אַלטע רעוואָלוציאָנערע חובֿות, איז זי געוואָרן אירער אַ באַלחוב. זי האָט געמוזט פֿאַרפֿעסטיקן די צעטרייסלטע בורזשואַזע אָרדנונג, קדיי אויסצופֿיקן די חובֿות, וועלכע קאָנען אויסגעפֿילט ווערן נאָר אין די ראַמען פֿון דער דאָזיקער אָרדנונג. דער קרעדיט ווערט אַ נויטהענדיקער באַדינג פֿאַר איר עקזיסטענץ, און די הנחות דעם פּראָלעטאַריאַט, די צוזאָגן, וואָס זײַנען אים געגעבן געוואָרן, ווערן די קייטן, וועלכע מוזן אום וואָס פֿאַר אַ פּרײַז עס זאָל נישט זײַן, צעקלאַפּט ווערן. די באַפֿרײַאונג פֿון די אַרבעטער, — אַפֿילע אָט די פֿראַזע אַליין, — איז געוואָרן אַן אומערטרעגליכע סאַקאָנע פֿאַר דער נײַער רעפּובליק, — ווײַל דאָס איז געווען אַ שטענדיקע שטערונג פֿאַר דער צוריקאויפֿשטעלונג פֿונם קרעדיט, וועלכער באַזירט זיך אַף דער פֿעסטער, אומבאַוואַרלעכער אַנערקענונג פֿון די עקזיסטירנדיקע קלאַסן-פֿאַרהעלטעניש. דעריבער האָט מען געדאַרפֿט אַ סאָף מאַכן מיט די אַרבעטער.

די פֿעברואַלער רעוואָלוציע האָט אַרויסגעוואָרפֿן די אַרמיי פֿון פּאַריזש. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, ד. ה. די בורזשואַזיע פֿון אַלע מינים איז געווען די איינציקע מיליטערישע קראַפֿט אין דער הויפּטשטאָט. זי האָט זיך אָבער נישט געפֿילט בעקוועם מיט אירע אייגענע קרעפֿטן גוויסער צו זײַן דעם פּראָלעטאַריאַט. נאָך מער דערפֿאַר, ווײַל איר איז אויסגעקומען, האַגאַם נאָך אַן אַקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד, נאָך הונדערטער פֿאַרשיידענע שטערונגען, ביסלאַכווײַס, טיילווײַס, צוצולאָזן אין אירע רייען באַוואָפֿנטע פּראָלעטאַריער. עס איז, אַף אַזאַ אויפֿן, פֿאַרבליבן איין אויסוועג: אַנטקעגנשטעלן איין טייל פּראָלעטאַריער קעגן דער צווייטער.

מיט דעם דאָזיקן צוועק האָט די צייטווייליקע רעגירונג אָרגאַניזירט 24 באַטאַליאָנען מאָבי׳ער גוואַרדיע, פון יונגע לייט, אין עלטער פון 15 ביז 20 יאָר, צו טויזנט מאַן אין יעדן באַטאַליאָן. זיי האָבן געהערט מערסטנטייל צום לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז פאַראַן אין אַלע גרויסע שטעט און אונטערשיידט זיך שאַרף פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער שיכט איז אַ נעסט פאַר גאַנאָווים און פאַרברעכערס פון יעדן מין, עלעמענטן, וועלכע לעבן פון די ברעקלאַך פונם געזעלשאַפטליכן טיש, מענטשן אָן באַשטימטע באַשעפטיקונגען, gens sans feu et sans aveu [1]; זיי אונטערשיידן זיך, אָפּהייניק פונם קולטורעלן צושטאַנד פון דער נאַציע, צו וועלכער זיי געהערן, אָבער שטענדיק און אומעטום פאַרמאָגן זיי די כאַראַקטערשטריכן פון לאַצצאַראָני. אַפן העכסטן גראַד נישט שטאַנדהאַפטיק אין די יונגע יאָרן, אין וועלכע עס האָט זיי גענומען די צייטווייליקע רעגירונג, זיינען זיי פייהיק געווען אַף דער גרעסטער העלדישקייט און זעלבסטאָפּפערונג, אָבער צוזאַמען דערמיט אויך אַף די נידעריגסטע גאַזלאָנישע מייסים און אַף דער שמוציקסטער פאַרקויפטקייט. די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיי געצאָלט 1 פראַנק מיט 50 סאַנטים אַ טאָג, ד. ה. זי האָט זיי אָפּגעקויפט. זי האָט זיי אָנגעטאָן אין ספּעציעלע מונדירן, אַזוי, אַז אויסערליך האָבן זיי זיך אונטערשיידט פון די „העמדלאַך־טראָגערס״. אַלס אָנפירערס האָט מען זיי טיילווייס געגעבן אָפיצערן פון דער רעגולערער אַרמיי, טיילווייס האָבן זיי אַליין אויסגעקליבן יונגע בורזשואזע זינדלאַך, וועלכע האָבן זיי באַצויבערט מיט הויכע דראָשעס וועגן שטאַרבן פאַרן פאָטער׳אַנד און וועגן איבערגעגעבנקייט דער רעפּובליק.

קעגן דעם פאַריזשער פּראָלעטאַריאַט איז אַף אזא אויפן געשטאַנען אַן אַרמיי פון 24.000 יונגע, פון צווישן זיינע רייען אָנגעקליבענע, געזונטע באַשי־בוזוקן. דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגריסט די מאָבילע גוואַרדיע אַף די פאַריזשער גאַסן מיט הילכיקע הורא־געשרייען. ער האָט אין זיי דערקענט די, וואָס האָבן אין די פעברואַר־טעג רייען געקעמפט אַף די באַריקאַדן. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר אַן אַרבעטער־גוואַרדיע, אַלס אונטערשייד פון דער בורזשואזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעבליכער טעות פון זיין זייט.

צוזאַמען מיט דער מאָבי׳ער גוואַרדיע האָט די רעגירונג באַשלאָסן צוזאַמענקלייבן אַרום זיך אויך אַן אַרמיי פון אינדוסטריעלע אַרבעטער. אין די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן האָט דער מיניסטער מאַרי געגעבן אַרבעט הונדערט טויזנט אַרבעטער, וועלכע זיינען דורכן קריזיס און דורך דער רעוואָלוציע אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַפן גאַס. אונטער דעם הויכן נאָמען זיינען באַהאַלטן געווען לאַנגווייליקע, איינאַרטיקע און נישט פּראָדוקטיווע ערד־אַרבעטן מיט אַ געצאָלט פון 1 פראַנק מיט 15 סאַנטים אַ טאָג. איינגלישע „אַרבעטער־הייזער״ אונטערן פרייען הימל — אָט וואָס עס זיינען

1) מענטשן אָן אַ היים, (היימיש פייער) און אָן אַ דאָקומענט.

געוועזן די נאציאָנאַלע ווארשטאטן. די רעגירונג האָט געמיינט, אז אין זיי האָט זי געפונען א צווייטע ארבעטער-ארמיי קעגן די ארבעטער גופא. דאָס מאָל האָט די בורזשואזיע זיך טויע געוועזן אין די נאציאָנאלע ווארשטאטן פונקט ווי די ארבעטער האָבן זיך טויע געוועזן אין דער מאָבילער גוואַרדיע—זי האָט אין זיי באשאפן אן אויפשטאנד-ארמיי.

איין ציל איז אָבער דערגרייכט געוואָרן.

Atèliers nationaux—אזוי האָבן געהייסן די פאָלקס-ווארשטאטן, וועלכע עס האָט געפּרעדיקט לואי-בלאַן אין ליוקסעמבורג. מארי'ס ווארשטאטן זיינען באשאפן געוואָרן לויט א פּלאַן, וואָס איז פונקט דער היפּעך פון לואי-בלאנס, נאָר א דאנק דעם אייגנארטיקן שניד, האָבן זיי געגעבן מאטעריאל פאר א טאָעס-אינטריגע, וואָס איז ווערט צו זיין די טעמע פון א שפּאנישער קאָמעדיע. די צייטווייליקע רעגירונג האָט אליין בעסאָד פארשפּרייט א קלאנג, אז די דאָזיקע נאציאָנאלע ווארשטאטן—דאָס איז די ערפינדונג פון לואי-בלאן, און דאָס האָט נאָך מער אויסגעזען צו זיין וואָר דערפאר, ווייל לואי-בלאַן, דער אפּאָסטאל פון די נאציאנאלע ווארשטאטן, איז געוועזן א מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג. פאר דער פאריזשער בורזשואזיע, וואס האט האלב-נאאיוו און האלב מיט א מיין צונויפגעמישט ביידע זאכן, פאר דער קינסטליך באארבעטער געזעלשאפטליכער מיינונג פון פראנקרייך און אייראפּע האבן זיך די דאזיקע ארבעט-הייזער פארגעשטעלט, אלס דער ערשטער טריט צו דער פארווירקליכונג פונם סאציאליזם, וועלכער איז עס הויפּטזאכליך ארויסגעשטעלט געווארן צום שאנדסלופּ.

נישט לויט זייער אינהאַלט,—דאָס איז עמעס,—דערפאַר אָבער לויט זייער נאָמען, זיינען די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן געוועזן אַ פאַרקערפּערטער פּראָטעסט פונם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזער אינדוסטריע, קעגן דעם בורזשואַזן קרעדיט און קעגן דער בורזשואַזער רעפּובליק. דעריבער איז אַף זיי געפאַלן די גאַנצע סינע פון דער בורזשואַזיע. אַף דעם פונקט האָט זי געקאָנט אָנווענדן אירע אָנפאַלן, באַלד ווי נאָר זי האָט זיך גענוג באַפעסטיקט כדיי אימשטאַנד צו זיין אָפן צו צערייסן מיט די פּעוורואַלער אילוזיעס. דאָס קליינבירגער-טום האָט אויך געווענדעט זיין גאַנצע אומצופרידנקייט קעגן די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן, וואָס זיינען געוואָרן דער ציל פאַר אַלעמענס אָנפאַלן. מיט צייכנער-קריצערי האָבן זיי אויסגערעכנט, וויפל געלט עס שלינגען איין אָט די אומזיסטיקע פרעסערס—די אַרבעטער, בעשאַס ווען זייער אייגענע לאַגע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ אומערטרעגליכער. מלוכע-פּענסיע פאַר אַ סימען פון אַרבעט—אָט דאָס איז סאָציאַליזם! האָבן זיי געמורמלט פאַר זיך. אין די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן, אין די לוקסעמבורגער דעבאַטן, אין די גאַסן-דעמאָנסטראַציעס פון די פאַריזשער אַרבעטער האָבן זיי געזעען די סיבע פון זייער קלאָגעדיקער לאַגע. און קיינער האָט זיך אַזוי נישט געהיצט קעגן די קלומערשטע מאַכינאַציעס פון די קאָמוניסטן, ווי דער קליינבירגער, וועלכער איז אָן שום האָפענונג אַף אַ וועלכער נישט איז רעטונג געשטאַנען אַף דער גרענעץ פון באַנקראָט.

אַף אַזאַ אויפן זייַנען אינם פאַרשטייענדיקן קאַמף צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט אַלע פאַרשוסן, אַלע וויכטיקסטע פּאָזיציעס, אַלע מיטעלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, געווען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. און אין דער זעלביקער צייַט האָבן זיך די כוואַליעס פון דער פעוראַלער רעוואָלוציע הויך געהויבן איבערן קאָנטינענט. יעדע פּאָסט האָט געבראַכט נייַע רעוואָלוציאָנערע יעדיעס דאָ פון איטאַליען, דאָ פון דייַטשלאַנד, דאָ פון עקסטן דאָרעם-מיזראַך פון איירָאָפּע, און האָט אונטערגעהאַלטן די פאַרשיקערטקייַט פונם פאָלק, אָן אויפהער ברייַנגענדיק אים אַלץ נייַע באַווייַזן פון זייַן ניצאָכן, וואָס די פרוכטן זייַנע זייַנען שוין פאַרשוואונדן פון זייַנע הענט.

דער 17 מאַרט און דער 16 אַפּריל זייַנען געווען טעג פון נייַע צוזאַמענשטויסן אינם גרויסן קלאַסן-קאַמף, וועלכער האָט זיך צעפלאַקערט אין די טיפענישן פון דער בורזשואַזער רעפּובליק.

דעם 17 מאַרט האָט זיך אַרויסגעוויזן די צווייידייַטיקע לאַגע פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט נישט דערלאָזן צו קיין שום אַנטשלאָסענע מייַסים. די רעכאַטכילעדיקע ציל פון זייַן דעמאָנסטראַציע איז געווען אומצוקערן די צייַטווייַליקע רעגירונג אַפן וועג פון רעוואָלוציע, צווינגען זי אין פאַל, אויב דאָס איז נויטיק, אויסצושליסן פון איר באַשטאַנד די בורזשואַזע מיטגלידער און אָפּלייגן דעם טאָג פון די וואַלן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דעם 16 מאַרט אָבער האָט די נאַציאָנאַלע בורזשואַזע גוואַרדיע אייַנגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער צייַטווייַליקער רעגירונג, מיט אויסגעשרייען: „נידער מיט לעדריו-ראָללען!“ האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צום האָטעל דע ווי. דאָס האָט געצוואונגען דאָס פאָלק דעם 17 מאַרט צו שרייַען: „זאָל לעבן לעדריו-ראָללען! זאָל לעבן די צייַטווייַליקע רעגירונג!“ קדיי צו געבן אַן אָפּשטויס דער בורזשואַזיע, איז אים אויסגעקומען צו שטעלן זיך אַף דער זייַט פון דער בורזשואַזער רעפּובליק, וועלכע האָט אים געשייַנט צו שטיין אין געפאַר. ער האָט פאַרפעסטיקט די לאַגע פון דער צייַטווייַליקער רעגירונג, אַנשטאָט זי צו מאַכן זיך אונטערטעניק. דער 17 מאַרט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מעלאָדראַמאַטישער סצענע. עמעס, אין דעם טאָג האָט דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט נאָך אַמאָל פונאַנדערגעשפּרייט זייַנע גיגאַנטישע גלידער; דאָס האָט אָבער נאָר פאַרפעסטיקט די בורזשואַזיע — אין דער צייַטווייַליקער רעגירונג און אויסער איר — אין איר באַשלוס צו צעברעכן דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער 16 אַפּריל איז געווען אַ מיספאַרשטייעניש, אייַנגעאָרדנט דורך דער צייַטווייַליקער רעגירונג אין פאַרבאַנד מיט דער בורזשואַזיע. אַפן מאַרסן-פעלד און אַפן היפּאָדראָם האָבן זיך אין אַ גרויסער צאָל צוזאַמענגעקליבן אַרבעטער אַף צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן די פאָרשטייענדיקע וואַלן אין גענעראַל-שטאַב פון דער נאַציאַנאַלער גוואַרדיע. פּלוצלונג ווערט מיט אַ בליצן-שנעלקייַט איבער גאַנץ פּאַריז פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַפן מאַרסן-פעלד האָבן זיך אונטער דער אָנפירונג פון לואי בלאַן, בלאַנקי, קאַבע און ראַספּאַיל, צוזאַמענגעקליבן באַוואָפנטע האַמויגים אַרבעטער מיטן מיין זיך צו

לאָזן זיך צום האָטעל דע ווי, אראָפּוואַרפן די צײַטווײַליקע רעגירונג און פּראָקלאַמירן א קאָמוניסטישע רעגירונג. עס ווערט געשלאָגן א גענעראַל־מאַרש— שפּעטער האָבן לעדריו־ראָללען, מאַררא און מאַרטין איינער באַם אַנדערן באַשטרײַט דעם קאַוועד פון דער דאַזיקער איניציאַטיוו—און אין א שאַ אַרום שטייען הונדערט טויזנט מענטשן אונטערן ביקס, דער האַטעל דע ווי איז פאַרנומען דורך דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, איבער גאַנץ פּאַריזש הילכט דער געשריי: „נידער מיט די קאָמוניסטן! נידער מיט לואי בלאַן, נידער מיט בלאַנקי, קאַבע און ראַספּאַילו!”, צו דער צײַטווײַליקער רעגירונג קומט אן א צאָל דעלעגאַציעס מיט טרײַהײַטס־אויסדריקן, גרייט צו ראַטעווען דאָס פאַטערלאַנד און די געזעלשאַפט. ווען די אַרבעטער באַווײַזן זיך ענדליך באַם האַטעל דע ווי, קדיי איבערצוגעבן דער צײַטווײַליקער רעגירונג די פּאַטריאַטישע געלט־זאַמלונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אפן מאַרסן־פעלד, דערוויסן זיי זיך מיט פאַרוואונדערונג, אַז דער בורזשואַזער פּאַריזש האָט נאָר וואָס מיט די גרעסטע פאַרזיכטיקײַטן אָפּגעהאַלטן אין א פיקטיוון קאַמף א ניצאָכן איבער זייער שאָטן. דער שרעקליכער אַטענטאַט פון 16 אַפּריל האָט געדינט פאַר א מאַטיוו *אומצוקערן די אַרמײ קײן פּאַריזש*,—וואָס עס איז אייגנטליך געווען די ציל פון דער מעגושעמער קאָמעדיע,—און פאַר רעאַקציאָנערע פעדעראַליסטישע דעמאָנסטראַציעס אין דער פּראָווינץ.

דעם 4 מאַי האָט זיך צוזאַמענגעקליבן די געשאַפענע דורך *גלײַכע און אַלגעמיינע וואַלן נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג*. דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט האָט נישט פאַרמאָגט יענע מאַגישע קראַפט, וועלכע עס האָבן אים צוגעשריבן די רעפּובליקאַנער פון אַלטן שניט. אין גאַנץ פראַנקרײַך, אָדער לעכאָל האַפּאָכעס אינם גרעסטן טייל פראַנצויזן האָבן זיי געזען citoyens (בירגער) מיט אייגנאַרטיקע אינטערעסן, אייגנאַרטיקע אַנשויאונגען א.אַ.וו. דאָס איז געווען אן אייגנאַרטיקער *קולט פון פאָלק*. די וואַלן האָבן אָבער אַנשטאָט דעם פאָלק פון זייער *פאָרשטעלונג* אַרויסבאַוויזן דאָס *ווירקליכע פאָלק*, ד. ה. די פאַרשיידענע קלאַסן, אף וועלכע עס צעפאַלט זיך. מיר ווייסן שוין, פאַרוואָס די פּויערים און דאָס קליינבירגערטום זײַנען באַ די וואַלן געגאַנגען נאָך דער קריגערישער בורזשואַזיע און נאָך די גרויסע ערד־באַזיצערס, וואָס האָבן געדורשט נאָך א רעסטאַווראַציע. דאָך, אויב דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט איז אַפילע נישט געווען אָט דער קישעף־שטעקן, פאַר וועלכן עס האָבן אים געהאַלטן די נאַאיווע רעפּובליקאַנער, האָט עס דאָך פאַרמאָגט אן אַנדערע, אן אן ערעך העכערע מײַלע: עס האָט פונאַנדערגעפלאַקערט דעם קלאַסן־קאַמף, עס האָט געצוואונגען פאַרשיידענע מיטעלע קלאַסן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט גיך אויסצולעבן זייערע איליוזיעס, עס האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבן אפן שפּיץ פון דער מלוכע אַלע פראַקציעס פונם עקספּלאָאַטירנדיקן קלאַס, אַראָפּרײַסנדיק פון זיי אף אַזאַ אופן די ליגנערישע מאַסקע, בעשאַס ווען די מאָנאַרכיע מיט איר צענז האָט קאָמפּראָמעטירט בלויז באַשטימטע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע, געבנדיק די אַנדערע די מעגליכקײַט זיך צו באַהאַלטן אונטער די קוליסן און אַרומרינגלען זיך מיטן גלאַנץ פון אן אָפּאָזיציע.

אין דער נאציאנאלער גרינדונגס-פארזאמלונג, וואס האט זיך צוזאמענגעקליבן דעם 4 מאי, האבן פרעוואלירט בורזשואזע רעפובליקאנער, די רעפובליקאנער פון „נאסיאנאל". אפילו די לעגיטימיסטן און אָרלעאניסטן האבן זיך פון אנהויב דערוועגט ארויסצוטרעטן נאר אונטער דער מאסקע פון בורזשואזן רעפובליקאניזם. נאר אינם נאמען פון דער רעפובליק האט מען געקאנט אנהויבן דעם קאמף קעגן דעם פראלעטאריאט.

פונם 4 מאי, און נישט פונם 25 פעוראל, דארף מען רעכענען דעם אנהויב פון דער רעפובליק, ד. ה. פון דער רעפובליק, וועלכע איז אנערקענט געווארן דורכן פראנצויזישן פאלק; דאס איז נישט די רעפובליק, וועלכע דער פאריזשער פראלעטאריאט האט אנגעבונדן דער צייטווייליקער רעגירונג, נישט די רעפובליק מיט די סאציאלע איינריכטונגען, נישט דער טרוים, וועלכער האט זיך געטראגן פאר די קעמפערס אף די באריקאדן. די איינציקע געזעצליכע רעפובליק, וועלכע איז פראקלאמירט געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע געווער קעגן דער בורזשואַזער אָרדנונג, נאָר פאַרקערט, אירע אַ פּאָליטישע רעסטאַווירונג, וואָס האָט אויפסניי פאַרפעסטיקט די בורזשואַזע געזעלשאַפט,— מיט איין וואָרט, אַ בורזשואַזע רעפובליק. אָט די באַשטעטיקונג האָט זיך דערהערט פון דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, און האָט פאַר זיך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער רעפובליקאַנישער און אַנטי-רעפובליקאַנישער בורזשואַזער פּרעסע.

מיר האָבן געזעען, אַז די פעוראַלע רעפובליק איז נישט געווען און האָט נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערע, ווי אַ בורזשואַזע רעפובליק; אַז נאָר אונטערן דירעקטן דרוק פונם פּראָלעטאַריאַט איז די צייטווייליקע רעגירונג געצוואונגען געווען צו דעקלערן זי פאַר אַ רעפובליק, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט סאָציאַלע איינריכטונגען; אַז דער פאַריזשער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך נישט אימשטאנד געווען ארויסצוטרעטן פון די ראמען פון דער בורזשואזער רעפובליק אנדערש, ווי אין זיינע טרוימען, אין דער פאנטאזיע; אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט ער איר די גאַנצע צייט געדינט; אַז די צוזאָגן, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן, זיינען געוואָרן אַן אומערטרעגליכע געפאר פאר דער נייער רעפובליק, און די גאנצע צייט פון איר עקזיסטענץ איז די צייטווייליקע רעגירונג פארנומען געווען מיט אן אומאויפהערליכן קאמף קעגן די פאָדערונגען פונם פּראָלעטאריאט.

אין דער פערזאָן פון דער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג איז גאנץ פראנקרייך געקומען אלס ריכטער פונם פאריזשער פּראָלעטאריאט. די פארזאמלונג האָט גלייך צעריסן מיט אלע סאָציאַלע איליוזיעס פון דער פעווראלער רעוואָלוציע און האָט פּראָסט און פּאָשעט פּראָקלאמירט א בורזשואזע רעפובליק, און נאָר א בורזשואזע רעפובליק. זי האָט זיך געהיילט אויסצושליסן פון דער קאָמיסיע, וואס זי האט אויסגעקליבן, די פארשטייערס פונם פראלעטאריאט—לואי-בלאן און אלבער; זי האט אפגעווארפן דעם פארשלאג צו ארגא-

ניזירן א באזונדער ארבעט-מיניסטעריום און האט מיט שטורמדיקע אפּלאדיסמענטן באגעגנט די ווערטער פונם מיניסטער טרעל: „איצט רעדט זיך נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי אומצוקערן די אַרבעט צו אירע פריערדיקע באַדינגונגען“.

דאָס אַלץ איז נאָך אָבער נישט גענוג געווען. די פעווראַלע רעפּובליק איז אויסגעקעמפט געווען דורך די אַרבעטער באַ אַ פּאַסיווער שטיצע מיצאַד דער בורזשואַזיע. די פּראָלעטאַריער האָבן זיך מיט פולן רעכט געהאַלטן פאַר די זיגערס אינם פעווראַלער קאַמף און האָבן אַרויסגעשטעלט הויכע פאָדערונגען פון זיגערס. עס איז נויטיק געווען זיי צו באַזיגן אין גאַסן-קאַמף, עס איז נויטיק געווען זיי צו באַווײַזן, אַז זיי זײַנען פאַראורטיילט אַף אַ מאַפּאָלע, ווי נאָר זיי גייען אַרויס זיך שלאָגן נישט אין אַ פאַרבאַנד מיט דער בורזשואַזיע, נאָר קעגן איר. און איר צײַט האָט די פעווראַלע רעפּובליק מיט אירע האַנאָכעס פאַרן סאָציאַליזם זיך גענויטיקט אין אַ שלאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט, פאַראייניקט מיט דער בורזשואַזיע קעגן דער מאָנאַרכיע; איצט איז נויטיק געווען אַ צווייטער שלאַכט, קדיי אָפיציעל צו פאַרפעסטיקן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזער רעפּובליק. מיט געווער אין די הענט האָט די בורזשואַזיע געדאַרפט אָפּוואַרפן די פאָדערונגען פונם פּראָלעטאַריאַט. די עמעסע וויג פון דער בורזשואַזער רעפּובליק איז נישט דער פעווראַלער ניצאָכן, נאָר די יוני־ער מאַפּאָלע.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרגיכערט דעם סאָף, אַרײַנרײַסנדיק זיך דעם 15-טן מאַי אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דער דאָזיקער שריט איז געווען אַן אומזיסטיקער פּרוּאוו פון די אַרבעטער אומצוקערן פאַר זיך צוריק זייער פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע ווירקונג—דערגרייכט האבן זיי נאָר דאָס, וואָס זייערע ענערגישע פירערס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין די בורזשואַזע געפענגענישן. Jl faut en finir!—מע מוז מאַכן אַ סאָף דערצו! אין אָט דעם אויסרוף האט זיך אויסגעדריקט דער פעסטער ווילן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג צו צווינגען דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף. די אויספיר-קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע אויפרייצנדיקע דעקרעטן, ווי, לעמאָשל, דער פאַרבאָט פון גאַסן-פאַרזאַמלונגען א. א. וו. פון דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן זיך געלאָזט הערן אָפענע אַרויסרופן, שפּאָט און זידלערײַען קעגן די אַרבעטער. דער הויפּט-פּונקט אַף אָנצופאַלן זײַנען אָבער, ווי מיר האָבן געזעען, געווען די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן. אַף זיי האָט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג באַפעלנדיק אָנגעוויזן דער אויספיר-קאָמיסיע, וועלכע האָט אַליין שוין געגרייט דעם דאָזיקן קלאַפּ און האָט בלויז געוואַרט, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג זאָל אין דער פאָרם פון אַ באַפעל באַשטעטיקן איר אייגענעם פּלאַן.

די אויספיר-קאָמיסיע האט אנגעהויבן דערפון, וואס זי האט פארשוועריקט דעם צוטריט אין די נאציאנאלע ווארשטאטן, האט דעם טאָג-לוין פארביטן אַף געצאלט פון שטיק, און האט צוליב דער ק׳ומערשטער נויטווענדיקייט פון ערד-בוי-ארבעטן אין סאָלאָן, ארויסגעשיקט פון די פאריזשער ווארשטאטן אלע

פון דער פרעמד אנגעקומענע ארבעטער. די דאזיקע ארבעטען—ווי עס האבן מיטגעטיילט זייערע כאווירים די ארבעטער, וואס זיינען אנטוישטע פון דארטן צוריקגעקומען—זיינען געווען נישט מער, ווי א פראזע, וואס האט געזאלט באפוצן זייער פארשיקונג. ענדליך, דעם 21 יוני האט זיך אין "מאניטער" באוויזן א דעקרעט, וועלכער האט באפוילן איבערגעוואלט צו דערווייטערן פון די נאציאנאלע ווארשטאטן אלע נישט פארהייראטע ארבעטער, אדער אפשיקן זיי אין דער ארמיי.

די ארבעטער איז פארבליבן—אדער אויסשטארבן פון הונגער אדער ארויסטרעטן אין קאמף; קיין אנדער אויסוועג איז נישט געווען. זיי האבן געענטפערט דעם 22-טן יוני מיט א גראנדיעזן אויפשטאנד. דאס איז געווען די ערשטע גרויסע שלאכט צווישן די צוויי קלאסן, אף וועלכע עס צופאלט זיך די מאדערנע געזעלשאפט. דאס איז געווען א קאמף פאר דער פארהיטונג אדער פארניכטונג פון דער בורזשואזער ארדנונג. די דעקטוך, וואס האט איינגעהילט די רעפובליק, איז צעריסן געווארן.

עס איז באקאנט, מיט וואס פאר א זעלטענער מוטיקייט און געניאלקייט, אן פירערס, אָן אַן אלגעמיינעם טעטיקייטס-פלאן, אָן מיטלען און ס'ראוו אן געווער, האבן די ארבעטער גאנצע פינף טעג זיך געהאלטן קעגן דער ארמיי, קעגן די מאבילן, קעגן דער פאריזשער נאציאנאלער גווארדיע און קעגן די נאציאנאלע גווארדייער, וועלכע זיינען צוגעקומען פון דער פראווינץ. עס איז באקאנט, ווי די בורזשואזיע האט זיך נויקעם געווען פאר די טויט-שרעק, וואס זי האט איבערגעלעבט, מיט אומדערהערטער אכזאָריעס און האט אויסגעהארגעט העכער 3000 געפאנגענע.

די אפיציעלע פארשטייערס פון דער פראנצויזישער דעמאקראטיע האבן זיך געפונען אונטער אזא שטארקער ווירקונג פון דער רעפובליקאנישער אידעאלאגיע, אז ערשט אין עטליכע וואכן ארום נאך דעם יוני-שלאכט האבן זיי זיך אנגעהויבן אנשטויסן, וואס פאר א באדייטונג ער האט געהאט. זיי זיינען ווי פארטויבט געווען פון די שאסן-דונערן, פון וועלכע עס איז צעפלויגן געווארן זייער פאנטאסטישע רעפובליק.

דער לעזער וועט אונדז דערלויבן איבערגעבן מיט די ווערטער פון דער "נייער ריינישער צייטונג" דעם אוממיטלבארן איינדרוק, וועלכן עס האט געמאכט אף אונדז די יוני-מאפולע:

"דער לעצטער אפיציעלער נישער פון דער פעווראלער רעוואליוציע—די אויספיר-קאמיסיע—איז צעשוואומען געווארן, ווי א געשפענסט פאר דער קראפט פון די געשעהענישן. לאמארטינס ריטארישן פייערווערק האבן פארביטן קאוועניאקס אנצינדונגס-ראקעטן. Fraternité—די ברידערליכקייט פון קעגנזעצליכע קלאסן, פון וועלכע איינער עקספלאאטירט דעם אנדערן, די ברידערליכקייט, וואס איז פראקלאמירט געווארן אין פעווראל, וואס איז מיט גרויסע אָסיעס אנגעשריבן געווען אפן שטערן פון פאריזש, אף יעדער טורמע, אף יעדער קאזארמע, אט די ברידערליכקייט האט איר עמעסן, נישט נאכגעמאכטן, פראָזאַאישן אויסדרוק געפונען אינם בירגער-קריג אין זיין שרעקליכסטער פארם, אינם

קריג צווישן ארבעט און קאפּיטאל. די דאזיקע ברידערליכקייַט האט געפלאמט אין אלע פענסטער פון פאריזש דעם 25 יוני, ווען דער בורזשואזער פאריזש האט אייַנגעארדנט א דאנקבארקייַט־איליומינאציע, בעשאס דער ארבעטער־פאריזש איז אויסגעגאנגען מיט בלוט און האט ארויסגעלאזן די לעצטע זיפצן. די ברידערליכקייַט האט געדויערט פונקט אזויפיל צייַט, ווי לאנג די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע און פונם פּראלעטאריאט זייַנען ברידערליך צונויפגעפאלן. פּעדאנטן פון די אלטע רעוואליוציאנערע טראדיציעס פון 1793 יאר; סאציאליסטישע דאקטרינערן, וועלכע האבן אויסגעבעטן בא דער בורזשואזיע א נדאָווע פארן פאלק און באקומען די דערלויבעניש צו האלטן לאנגע דראשעס און קאָמפּראָמעטירן זיך, קאל־זמאן עס איז נויטיק געווען אייַנצושלעפערן דעם לייב—דעם פּראלעטאריאט; רעפּובליקאנער, וועלכע זייַנען געווען פאר דער גאנצער בורזשואזער ארדנונג, א חוץ איר געקרוינטן שפּיץ; א דינאסטישע אפּאזיציע, וועלכע האָט געשטרעבט צו איבערבייַטן דעם מיניסטעריום און אַ צופאַל האָט זיי אַוועקגעשטעלט פּאָנים צו פּאָנים מיט דער רעוואָלוציע; לעגיטימיסטן, וועלכע האָבן געוואָלט בלויז איבערבייַטן דעם אויסזעען פון דער ליווריי, אבער נישט אראפּווארפן זי—אט מיט וואס פאר א פארבינדעטע דאס פאלק האט אפּגעהאלטן זייַן פעווראלער ניצאכן. די פעווראלע רעוואליוציע איז געווען א רעוואליוציע פון **שיינעם דראנג**; אלע האבן איר מיטגעפילט, ווייַל די סטירעס צווישן די עלעמענטן, וועלכע זייַנען בעשותּפעס ארויסגעטראטן קעגן דער קעניגליכער מאכט, **האבן זיך נאך נישט באוויזן צו אנטוויקלען** און האבן פרידליך געלעבט זייַט באַ זייַט, ווייַל דער סאָציאַלער קאמף, וואָס האָט געבילדעט דעם פאָן פאַר דער דאָזיקער רעוואָלוציע—איז נאָך ניט ארויס פונם נעפּלהאַפטיקן געביט פון פראַזן און הויכע ווערטער. **די יוני־רעוואלוציע** איז געווען **אַ מיעסע, אָפּשטויסנדיקע** רעוואָלוציע, ווייַל דאָ זייַנען שוין די פראַזן פאַרביטן געוואָרן אַף מייַסים, ווייַל די רעפּובליק האָט אַנטבלויזט דעם קאָפּ פון דער ווילדער כאַיע, אַראָפּרייַסנדיק פון איר די קרוין, וואָס האָט זי באַשיצט און באַדעקט.—**אָרדנונג**!—איז געווען גיזאָ'ס קאַמפרוף. **אָרדנונג**!—האָט אויסגערופן זייַן טאַלמיד סעבאַסטיאַן, ווען די רוסן האָבן גענומען וואַרשע. **אָרדנונג**!—שרייַט קאַוועניאַק, דער גראָבער אָפּקלאַנג פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און פון דער רעפּובליקאַנישער בורזשואַזיע. **אָרדנונג**!—האָט געדונערט זייַן קאַרטעטש, צערייַסנדיק אַף שטיקער דעם קערפּער פונם פּראָלעטאַריאַט. קיין איינע פון די פיל־צאָליקע רעוואָלוציעס פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע פון 1789 יאָר אָן איז נישט געווען קיין אַטענטאַט אַף דער **אָרדנונג**, ווייַל זיי האָבן געלאָזן אומגעריירט די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און די שקלאַפעריי פון די אַרבעטער, האָבן נישט באַריירט **די בורזשואַזע** אָרדנונג און האָבן אומגעענדערט נאָר די פּאָליטישע פאָרם פון דער דאָזיקער הערשאַפט און פון דער דאָזיקער שקלאַפעריי. דער יוני־אויפשטאַנד האָט זיך דערוועקט אָנצורירן אָט די אָרדנונג. וויי צום יוני!"

(,,נ. ר. צ." 29 יוני 1848.)

ווי צום יוני!—ענטפערט דאָס אייראָפּייאישע עכאָ.

די בורזשואזיע האָט געצוואונגען דעם פאריזשער פּראָלעטאריאט צום יוני־אויפשטאנד. שוין דאָס א״יין האָט אים פאראורטיילט אף א דורכפאל. נישט די אוממיטלבארע, באגריפענע באדערפעניש האָט געשטויסן דעם פּראָלעטאריאט אף דעם דאָזיקן שריט; און ער איז נאך נישט בעקוויאך געווען דורכצופירן אזא אויפגאבע. דער „מאָניטער" האָט אים אָפיציעל געמוזט דערקלערן, אַז עס איז אַוועק די צייט, ווען די רעפּובליק האָט געפונען פאר גויטיק צו קאָקעטירן מיט זיינע איליוזיעס. בלויז זיין מאַפּאַלע האָט פאר אים אַנטפּלעקט דעם עמעס, אַז די מינדעסטע פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע אין די ראַמען פון דער בורזשואזער רעפּובליק פאַרבלייבט אַן אוטאָפּיע, און אַז די דאָזיקע אוטאָפּיע ווערט אַ פאַרברעכן ביים ערשטן פּרואוו זי צו פאַרווירקליכן. אַנשטאָט די פאָדערונגען, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַרויס־געשטעלט צו דער פעברואַלער רעפּובליק, די ברייטע־ינגענדיקע לויט זייער פאָרם, אָבער קליינ־יכע און אפילע בורזשואזע לויטן טאָך,—אַנשטאָט זיי טרעט דעמאָלסט אַרויס דער דרייסטער, רעוואָלוציאָנערער לאָזונג: אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע! דיקטאַטור פון אַרבעטער־קלאַס!

געבוירן אַפן קייווער פונם פּראָלעטאַריאַט, האָט די בורזשואַזע רעפּובליק פון סאַמע אָנהויב אָן געמוזט ארויסטרעטן אין איר ריינער פאָרם, עפנטליך דערקלערנדיק, אַז איר ציל איז צו פאַראייביקן די הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל און די שקלאַפעריי פון דער אַרבעט. האָבנדיק טאָמיד פאר די אויגן דעם מיט וואונדן באדעקטן, פיינט־יכן, אומבאזיגבארן סוינע—אומבאזיג־באר דערפאר, ווייל זיין עקזיסטענץ איז א לעבנס־באדערפעניש פון דער בורזשואַזיע אַליין—האָט זיך די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, באַפרייט פון אַלע קייטן, אומבאַדינגט געמוזט פאַרוואַנדלען אינם טעראָריזם פון דער בורזשואַזיע. פון דער אַנדערער זייט, נאָך דעם, ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז צייטווייליק אַראָפּ פון דער סצענע, און עס איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, האָבן די מיטעלע שיכטן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, די קליין־בורזשואַזיע און דאָס פּויערטום, געמוזט אַלץ נעענטער צושטיין צום פּראָלעטאַריאַט, אַף אַזוי־פיל, אַף וויפל זייער לאַגע איז אַלץ ערגער געוואָרן און שאַרפער איז געוואָרן דער אַנטאַגאָניזם צווישן זיי און צווישן דער בורזשואַזיע. אויב פריער האָבן זיי די סיבע פון זייערע צאָרעס געזעען אינם ניצאָכן פונם פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי זי איצט געמוזט זען אין זיין מאַפּאַלע.

דער יוני־אויפשטאַנד האָט צוגעגעבן מוט דער קאָנטינענטאַלער בורזשו־אַזיע און געצוואונגען זי אַריינצוטרעטן אין אָן אָפענעם פאַרבאַנד מיט דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע קעגן דעם פאָלק. אָבער דער ערשטער קאָרבן פון אָט דעם פאַרבאַנד איז געווען די קאָנטינענטאַלע בורזשואַזיע אַליין. די יוני־מאַפּאַלע האָט איר געשטערט צו פארפעסטיקן איר הערשאַפט און אָפּצושטעלן דאָס פאָלק האַלב-באַפרידיקט, האַלב-אַנטוישט אף דער נידעריקסטער מאַדרייגע פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע.

די יוני-מאפּאָלע האָט פאר די דעספּאָטישע מלוכעס פון אייראָפּע אַנטפּלעקט דעם סאָד, אז פראנקרײַך נויטיקט זיך אין אויסערליכן שאָלעם אום וואָס פאַר א פרײַז עס זאָל נישט זיין, קדיי צו פירן דעם בירגער-קריג בא זיך אין דערהיים.

דאָס האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון רוסלאנד, עסטרײַך און פרײַסן די פעלקער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן א קאמף פאר זייער נאציאָנאלער אומאָפּהיינגיקײַט, אָבער אין דער זעלביקער צײַט איז דער גוירל פון די נאציאָנאלע רעוואָלוציעס אָפּהיינגיק געוואָרן פונם גוירל פון דער ארבעטער-רעוואָלוציע; עס איז פארשוואונדן געוואָרן זייער קלוימערשטע זעלבשטענדיקײַט און אומאָפּהיינגיקײַט פון דער גרויסער סאָציאלער איבערקערעניש.

נישט דער נעגר, נישט דער פּאָליאַק, נישט דער איטאליענער וועלן נישט זײַן פרײַ, קאָל זמאן דער ארבעטער וועט פארבלײַבן א שקלאַף.

און ענדליך, די ניצכוינעס פונם „הייליקן פארבאנד“ האָבן אזוי איבערגעשניטן אייראפּע, אז יעטווידער נײַע ארבעטער-רעוואלוציע אין פראנקרײַך מוז אומפארמײַדליך ארויסרופן א וועלט-מילכאמע. די נײַע פראנצויזישע רעוואלוציע וועט געצוואונגען זײַן גלײַך צו פארלאזן דעם נאציאנאלן באָדן און אונטערטעניק צו מאכן פאר זיך גאנץ אייראפּע; נאר אף אזא אויפן קאן פארווירקליכט ווערן די סאציאלע רעוואלוציע פון 19-טן יארהונדערט.

אלזא, נאר די יוני-מאפּאלע האט באשאפן די באדינגונגען, בא וועלכע פראנקרײַך קאן נעמען אף זיך די איניציאטיוו פון א אייראפּייאישער רעוואלוציע.

---

# פון יוני 1848 יאָר ביזן 13־טן יוני 1849 יאָר.

(פונם צווייטן נומער).

---

דער 25-טער פעווראַל האָט געגעבן פראַנקרײַך די רעפּובליק, דער 25-טער יוני האָט איר געזאָלט אָנבינדן אַ רעוואָלוציע. און נאָך יוני האָט אַ רעוואָלוציע געקאָנט באַטײַטן בלויז אַן איבערקערעניש פון דער גאַנצער בורזשואַזער אָרדנונג, בעשאַס ווען אין פעוראַל איז עס געווען בלויז אַן איבערקערעניש פון דער מלוכע-פאָרם.

אין יוני האָט דעם קאַמף געפירט די רעפּובליקאַנישע פראַקציע פון דער בורזשואַזיע; און דער ניצאָכן האָט נאַטירלעך אָפּגעגעבן די מאַכט אין אירע הענט. געשמידט די הענט און די פיס, איז פּאַריז געלעגן בײַ אירע טריט און אין דער פּראָווינץ האָט געהערשט אַ מאָראַלישע אַטמאָספער פון באַלאַגערונגס-צושטאַנד, די שרעקלעכע מעגושעמע כוצפע פונם טריאומפירנדיקן ניצאָכן פון דער בורזשואַזיע און צעלאָזענער עגאָאיזם פון די פּויערים-אייגנטימערס. אַלזאָ פון אונטן איז ניט פאַרגעשטאַנען קיין שום סאַקאָנע.

צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער קראַפט פון די אַרבעטער איז צעקלאַפּט געוואָרן אויך די פּאָליטישע ווירקונג פון די דעמאָקראַטישע, ד. ה. פון די קלײנבירגערלעכע רעפּובליקאַנער, וועמענס פאָרשטייער אין דער עקזעקוטיוו-קאָמיסיע עס איז געווען לעדריו-ראָללען, אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג—די „באַרג“-פּאַרטיי, אין דער פּרעסע—די „רעפאָרם“. צוזאַמען מיט די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער האָבן זיי קאָנספּירירט קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט דעם 16-טן אַפּריל, צוזאַמען מיט זיי האָבן זיי געקעמפט קעגן אים אין די יוני-טעג. זיי האָבן אַף אַזאַ אויפן אַליין אַרונטערגעריסן דעם באָדן, אַף וועלכן עס האָט זיך באַזירט די קראַפט פון זייער פּאַרטיי, ווייל די קליין-בורזשואַזיע קאָן רעוואָלוציאָנער אַרויסטרעטן קעגן דער בורזשואַזיע, נאָר אַזוי לאַנג, קאָל זמאַן זי שטיצט זיך אָפן פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן באַקומען זײ דימיסע. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער האָבן אָפן צעריסן דעם פיקטיוון בונד, וועלכן זיי האָבן געהאַט געשלאָסן מיט זיי קעגן זייער ווילן און מיט אַ אונטער-געדאַנק אין דער עפּאָכע פון דער צײַטווײליקער רעגירונג און פון דער עקזעקוטיוו-קאָמיסיע. מיט פאַראַכטונג אָפּגעשטויסענע, אַלס פאַרבינדעטע, האָבן זיך די דעמאָקראַטישע רעפּובליקאַנער אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער ראָליע פון שומרים פון די דרײַ-פאַרביקע רעפּובליקאַנער; דערבײַ האָבן זיי זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן פון זיי קיין שום האַנאָכע, נאָר זיי האָבן געמוזט פאַרטיידיקן זייער

הערשאַפט יעדעס מאָל, ווען איר, און צוזאַמען דערמיט אויך דער רעפובליק, האָט קלוימערשט געדראָט אַ געפאַר מיצאַד די אַנטירעפובליקאַנישע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע. ענדליך, צוויי פראַקציעס, די אָרלעאַניסטן און לעגיטימיסטן, זיינען פון סאַמע אָנהויב אָן געווען אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין דער מינדערהייט. ביז די יוני-טעג האָבן זיי זיך ניט דערוועגט אַפילע אַרויסצוטרעטן אַנדערש, ווי אונטער דער מאַסקע פון בורזשואַזן רעפובליקאַניזם; דער יוני-ניצחון האָט אָף אַ ווײַלע פאַראייניקט דאָס גאַנצע בורזשואַזע פראַנקרייך אַרום קאַוועניאַקן, און ווען עס האָט באַגריסט זיין רעטער; און ווען די אַנטירעפובליקאַנישע פאַרטיי איז אינגיכן נאָך די יוני-געשעעניש ווידער אַרויסגעטראָטן זעלבשטענדיק, האָט זי די מיליטער-דיקטאַטור און דער באַלאַגערונגס-צושטאַנד אין פאַריז דערלויבט בלויז מיט גרויס מוירע און פאַרזיכטיקייט אַרויסצוריקן די נאָז.

פון 1830 יאָר אָן גרופירט זיך די פראַקציע פון בורזשואַזע רעפובליקאַנער אין דער פערזאָן פון אירע קאַריעריסטן, דעפוטאַטן, גענעראַלן, באַנקירן און אַדוואָקאַטן אַרום דער פאַריזשער צײַטונג „נאַסיאָנאַל“. אין דער פּראָווינץ האָט די „נאַסיאָנאַל“ געהאַט אירע פיליאַלע צײַטונגען. די קליקע פון „נאַסיאָנאַל“ איז געווען די דינאַסטיע פון דער דרײַפאַרביקער רעפובליק. זי האָט גלײַך באַהערשט אַלע מיניסטעריומס, די פּאָליציייִשע פּרעפעקטור, די פּאָסט-דירעקציעס, די פּרעפעקטורן און די וואַקאַנט-געוואָרענע העכערע אָפיצערן-פּאָסטנס אין דער אַרמיי. בעראָש פון דער אויספירונגס-מאַכט איז געשטאַנען איר גענעראַל קאַוועניאַק; איר הויפּט-רעדאַקטאָר מאַראַ איז געוואָרן דער שטענדיקער פּרעזידענט פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אין זײַן סאַלאָן האָט ער אַלס צערעמאָניע-מייסטער אויפגענומען די געסט פון דער „ריינער“ רעפובליק.

אַפילע די רעוואָלוציאָנערע פראַנצויזישע שרײַבערס האָבן אונטער דער ווירקונג פון עפּעס אַן אייגנאַרטיקן „יראת הכבוד“ פאַר דער רעפובליקאַנישער טראַדיציע, פאַרפעסטיקט די פאַלשע מיינונג, אַז אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן געהערשט די ראָיאַליסטן. דאָס איז ניט ריכטיק. פאַרקערט, פון די יוני-טעג אָן איז די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פאַרבליבן די אויסשליסלעכע פאַרשטייערין פונעם בורזשואַזן רעפובליקאַניזם, און וואָס ניט דעריקער עס איז געפאַלן די ווירקונג פון די דרײַפאַרביקע רעפובליקאַנער אויסער דער פאַרזאַמלונג, אַלץ אַנטשלאָסענער האָט די לעצטע אַרויסגעשטעלט איר רעפובליקאַניזם. בעשאַס עס האָט זיך גערעדט וועגן דער רעפובליקאַנישער פאָרם, האָט זי אָף איר זײַט געהאַט די שטימען פון די דעמאָקראַטישע רעפובליקאַנער; בעשאַס אָבער עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם אינהאַלט, האָט זיך די דאָזיקע פאַרזאַמלונג אַפילע לויט אירע רעדעס ניט אונטערשיידט פון די ראָיאַליסטישע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע, ווײַל גראָד די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון איר קלאַסן-הערשאַפט און קלאַסן-עקספּלאָאַטאַציע בילדן דעם אינהאַלט פון דער בורזשואַזער רעפובליק.

אלזא, ניט דער רעאליזם, נאר דער בורזשואזער רעפובליקאניזם האט זיך פארקערפּערט אינם לעבן און טעטיקייט פון דער דאזיקער פארזאמלונג, וועלכע איז סאף קאל סאף ניט געשטארבן, און ניט געהארגערט געווארן, נאר פאשעט צעפוילט געווארן.

אין מעשאך פון דער גאנצער הערשאפט פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג, אט די גאנצע צייט, ווען זי האט אפן פארעגרונט געשפילט די פאראד־פיעסע — איז אונטער די קוליסן פארגעקומען א אומאויפהערליכע פייערונג פון שעכטן די געפאנגענע יוני־אינסורגענטן, וועלכע זיינען אן אויפהער פארמישפּעט געווארן דורכן קריגס־געריכט אדער פארשיקט געווארן אן א שום געריכט. די גרינדונגס־פארזאמלונג האט געהאט געגוג מוט זיך מודיע צו זיין, אז אין די יוני־אינסורגענטן מישפּעט זי ניט קיין פארברעכערס, נאר זי פארניכטעט סאנים.

די ערשטע ארבעט פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג איז געווען צו שאפן אן אויספארשונגס־קאמיסיע וועגן די געשעהענישן פון די יוני־טעג און פון 15־טן מאי, ווי אויך וועגן דעם אנטייל, וועלכן עס האבן אין זיי גענומען די פירערס פון דער סאציאליסטישער און דעמאקראטישער פארטייען. די אויספארשונג איז געווען דירעקט געווענדעט קעגן לואי־בלאן, לעדריו־ראללען און קאסידיער'ן. די בורזשואזע רעפובליקאנער האבן געברענט פון אומגעדולד זיך צו באפרייען פון אט די קאנקורענטן. קדיי אויסצופירן זייער נעקאמע, האבן זיי ניט געקאנט געפונען קיין פאסיקערן סוביעקט, ווי דעם ה' אדיללאן באררא, דעם געוועזענעם אנפירער פון דער דינאסטישער אפאזיציע. אט די פארקערפּערונג פונם ליבעראליזם, אט דער אנגעבלאזענער טויגעניכטס, אט די פונדאמענטאלע איבערפלעכליכקייט האט געוואלט ניט נאר נעקאמע נעמען פאר דער דינאסטיע, נאר כוץ דעם אויך צוציהען די רעוואלוציאנערן צו פאראנטווארטליכקייט פאר דעם פאסטן פון ערשטן מיניסטער, וואס איז אים פון די הענט ארויסגעפאלן — א זיכערע גאראנטיע פאר זיין אומדערבארעמדיקייט. באשטימט אלס פרעזידענט פון דער אויספארשונגס־קאמיסיע, האט דער ה' באררא איינגעארדנט א פארנמעלן מישפּעט איבער דער פעווראלער רעוואלוציע, וועלכע איז בא אים באשטאנען אין פאלגענדיקס: דעם 17־טן מארט — א מאניפעסטאציע, דעם 16־טן אפריל — א פארשווערונג, דעם 15־טן מאי — אן אטענטאט, דעם 23־טן יוני — דער בירגער־קריג! פארוואס האט ער זיינע וויסנשאפטליכע קרימינאליסטישע אויסזוכונגען ניט דערפירט ביזן 24־טן פעווראל? דער „Journal des Débats“ האט געגעבן אן ענטפער דערויף: דער 24־טער פעווראל — דאס איז די גרינדונג פון רוים. די אנטשטייאונג פין מלוכעס ווערט פארלארן אינם געביט פון לעגענדן, וועלכע מע מוז אננאמען, גלויבנדיק אפן ווארט, באטראכטן טאר מען עס ניט. לואי בלאן און קאסידיער זיינען איבערגעגעבן געווארן צום געריכט. די נאציאנאלע פארזאמלונג האט פארענדיקט די ארבעט פון איר זעלבסטרייניקונג, וואס זי האט אנגעהויבן דעם 15־טן מאי.

דעם פלאן פון באשטייערן דעם קאפּיטאל אין דער פארם פון א היפאטעקן־שטייער, וואס איז אנגעמערקט געווארן דורך דער צייטווייליקער רעגי־

רונג און דערנאך אנגענומען דורך גודשא, איז דורך דער גרינדונגס-פארזאמלונג אפגעווארפן געווארן; דער געזעץ, וואס באגרענעצט דעם ארבעטס-טאג מיט צען שא, איז אפגעשאפט געווארן; די אנאלפאבעטן, וועלכע בילדן א באדייטנדיקן טייל פון דער פראנצויזישער באפעלקערונג, זיינען באזייטיקט געווארן פונם באשטאנד פון די געשווארענע ריכטער. פארוואס זשע זאל מען שוין פאר איינס ניט צונעמען בא זיי אויך דאס וואל רעכט? נאך אמאל איז איינגעפירט געווארן א באווארעניש פאר צייטונגען; דאס רעכט פון פאראייניקונגען איז באגרענעצט געווארן.

אין זייער היילעניש אומצוקערן אלץ אפן אלטן וועג און פארניכטן אלע שפורן, וועלכע די רעוואלוציע האט איבערגעלאזן, האבן זיך אבער די בורזשואזע רעפובליקאנער אנגעשטויסן אף א ווידערשטאנד, וועלכער האט זיי געשטעלט אין אן אומדערווארטעטער סאקאנע.

אין די יוני-טעג האט קיינער מיט אזויפיל פאנאטיזם נישט געקעמפט פאר דער רעטונג פונם אייגנטום און פאר דעם צוריק-אויפשטעלונג פון קרעדיט, ווי די פאריזשער קליין-בורזשואזיע,—די באלעבאטים פון די קאפע-הייזער און רעסטאראנען, די שיינקערס, קליינהענדלערס, קרעמערס, באלמעלאכעס א. אנד. דאס קלייטל איז אויפגערודערט געווארן און האט זיך א לאז געטאן קעגן די באריקאדן, כדי צוריק אויפצושטעלן די באוועגונג אף די גאסן, וואס פירט פון גאס אין קלייטל אריין. אבער אונטער דער באריקאדע האבן זיך געפונען דעם קרעמערס קויגים און באלכויוועס, און פאר איר—זיינע קרעדיטארן. און ווען די באריקאדן זיינען צעשטערט געווארן, די ארבעטער צעקלאפט, ווען די קרעמערלאך האבן זיך, פארשטיקערט פון ניצאכן, א לאז געטאן צוריק צו זייערע קלייטלאך, איז דער אריינגאנג אהין פארבאריקאדירט געווען דורך די רעטערס פונם אייגנטום, דורך דעם אפיציעלן אגענט פון קרעדיט, וועלכער האט זיי באגעגנט מיט דראענדיקע פאדערונגען: דער טערמין פונם וועקסל איז אריבער! צאלט, מיינע הערן! צאלט פאר דער דירע! צאלט פאר דער סכוירע! — פארפאלן דאס ארימע קלייטל! פארפאלן דער ארעמער קרעמער!

*די רעטונג פונם אייגנטום!* אבער דאס הויז, אין וועלכן זיי האבן געוואוינט, איז ניט געווען זייערס קיין אייגנטום; די קלייטלאך, אין וועלכע זיי האבן געהאנדלט, זיינען ניט געווען זייערס קיין אייגנטום; די סכוירעס, וועלכע זיי האבן פארקויפט, זיינען ניט געווען זייערס קיין אייגנטום. נישט זייער קייטל, נישט דער טעלער, אין וועלכן זיי האבן געגעסן, נישט די בעט, אף וועלכער זיי זיינען געשלאפן האט שוין צו זיי ניט געהערט. זיי האבן *געראטעוועט דאס אייגנטום* ניט פאר זיך, נאר פארן הויזבאזיצער, וועלכער האט זיי פארדונגען זיין הויז, פארן באנקיר, וועלכער האט דיסקאנטירט זייערע וועקסלען, פארן קאפיטאליסט, וועלכער האט זיי געליהען מזומען געלט, פארן פאבריקאנט, וועלכער האט פארטרויט דעם קרעמער זיין סכוירע צום פארקויפן, פארן אנגרא-סוחער, וואס האט אין קרעדיט געגעבן די באלמעלאכעס רויע מאטעריאלן. *צוריק-אויפשטעלונג פון קרעדיט!* אבער, פארפעסטיקנדיק זיך אויפסניי, האט זיך דער קרעדיט ארויס-

באַוויזן, ווי א לעבעדיקע, אייפערדיקע גאטהייט, פריער פון אלץ דערמיט, וואס ער האט אַרויסגעטריבן דעם אומפארמעגליכן באלכויוו פון זײַן דירע, אַרויסגעטריבן אים צוזאמען מיט זײַן ווײַב און קינדער, אוועקגעבנדיק זײַן אָרעם ביסל פארמעגן דעם קאפיטאל, און אים אליין האט ער ארײַנגעווארפן אין די כויוועס-טורמעס, וועלכע האָבן זיך ווידער גרויזאם אויפגעהויבן איבער די קערפּעס פון די יוני׳ער אינסורגענטן.

די קליין־בורזשואזיע האָט מיט שוידער פארשטאנען, אז צעקלאפנדיק די אַרבעטער, האט זי אן שום טײַנעס זיך אַליין פאררעטן און איבערגעגעבן אין די הענט פון אירע קרעדיטאָרן. איר באנקראט האט זיך כראניש געצויגן פון סאמע פעוורא״ אָן, אבער די קרעדיטארן האבן זיך ביז אַהער געמאכט נישט באמערקנדיק עס—איצט האבן זיי זיך אויפגעהערט צו זשענירן (זיך צערעמאניען).

איר נאמינעל אייגנטום האט מען צורו געלאזן אזוי לאנג, קאזמאן עס איז נויטיק געווען צו טרײַבן זי צום קאמף אין נאמען פונם אייגנטום. איצט, נאכדעם, ווי די הויפּט־ארבעט איז שוין אפגעטאָן געוואָרן, ווען דער פּראָ׳עטאריאט איז שוין אונטערגעדריקט געוואָרן, האָט מען זיך געקאנט אַ נעם טאָן פאר זן ארבעט פון צווייטראנגיקער וויכטיקײַט — אין אָפּרעכענען זיך מיט די קרעמערס. אין פאריזש איז געווען אינגאַנצן אויסגעגאנגענע וועקסלען אף א סומע פון העכער 21 מיליאָן פראנק, אין דער פּראָווינץ—אַף העכער 11 מיליאָן. די באזיצערס פון העכער 7000 האנדלס־אנשטאלטן אי פאריזש האבן ניט געהאט אײַנגעצאָלט קײַן דירע-געלט פון פעווראל אָן.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט אַן אויספאָרשונג וועגן די פּאָליטישע פאַרברעכנס, אָנהויבנדיק פון 24 פעווראַל; די קליינבורזשואַזיע, פון איר זײַט, האָט איצט געפאָדערט אַן אויספאָרשונג וועגן די בירגערליכע כויוועס ביזן 24 פעווראל. די קליינבירגער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ גרויסער צאָל אין זאַל פון דער בערזע און מיט דראָהונגען אַרויסגעשטעלט זייערע פאָדערונגען: יעדער סוחר, וואָס האָט דערוויזן, אַז ער איז געוואָרן באַנקראָט נאָר אַ דאַנק דעם שטילשטאַנד אין די געשעפטן, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, און אַז ביזן 24־טן פעווראַל איז דער מאַצעוו פון זײַנע געשעפטן געווען אַ גוטער,—ווערט זײַן כויוו דורכן האַנדלס-געריכט פּראָלאַנגירט, און דער קרעדיטאָר איז מעכויעוו צו ליקווידירן זײַן טוויע, באַ דעם באַדינג, אַז אים ווערט אָפּגעצאָלט פאַר דער צײַט אַ מעסיקער פּראָצענט. די דאָזיקע פראַגע איז באַטראַכט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין דער פאָרם פון אַ געזעצפּראָ׳עקט וועגן די אַזוי גערופענע concordats á l‘amiable (פרײַנטליכע אויסגלײַכן). די פאַרזאַמלונג האָט זיך געוואַקלט; פּלוצלונג דערווייסט זי זיך, אַז באַ די טויערן סען-דעני גרייטן טויזנטער ווײַבער און קינדער פון די אינסורגענטן אַ פּעטיציע וועגן אַמניסטיע.

אין דער אָנוועזנהײַט פונם צוריק אויפגעשטאַנענעם יוני־געשפּענסט איז די קליינבורזשואַזיע פאַרצאַפּלט געוואָרן, און די פאַרזאַמלונג איז ווידער געוואָרן אומבעראַכמאָנעסדיק. די פרײַנטליכע אויסגלײַכן צווישן דעם קרעדיטאָר און באַלכויוו זײַנען אָפּגעוואָרפן געוואָרן אין די וויכטיקסטע פונקטן.

די רעפּובליקאַנישע פאָרשטייערס פון דער בורזשואַזיע אין דער נאַציאָ=
נאַלער פאַרזאַמלונג האָבן שוין לאַנג פון זיך אָפּגעשטויסן די דעמאָקראַטישע
פאָרשטייערס פונם קליינבירגערטום. איצט האָט די דאָזיקע פאַרלאַמענטאַרישע
שפּאַלטונג באַקומען אַ בורזשואַזן, רעאַל=עקאָנאָמישן זינען: די קליינבירגער—
די באַלכויוועס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אפן ווילקיר פון די בורזשוא—די
קרעדיטאָרן. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע באלכוייוועס איז אינגאנצן
רואינירט געוואָרן, די איבעריקע איז דערלויבט געוואָרן צו פירן זייערע גע=
שעפטן בא אזוינע באדינגונגען, וועלכע האָבן זיי געמאַכט פאר עמעסע
שקלאפן פונם קאפּיטאל. דעם 22-טן אויגוסט 1848 יאָר האָט די נאציאָנאלע
פארזאמלונג אָפּגעוואָרפן די concordats á l'amiable, דעם 19=טן
סעפּטיאבר 1848 יאָר, בעשאס דעם באלאגערונגס=צושטאנד זיינען אויס פארשטיי-
ערס פון פאריזש אויסגעקליבן געווארן: דער פּרינץ לואי=באנאפארט און דער
וועניסענער געפאנגענער, דער קאמוניסט ראספאיל. די בורזשואזיע האט אויס-
געקליבן דעם יידישן וועקסלער און ארלעאניסט—פולד. פון אלע זייטן איז
אלזא גלייך דערקלערט געווארן אן אפענער קריג דער גרינדונגס=פארזאמלונג,
דעם בורזשואזן רעפּובליקאניזם און קאַנוועניאקן.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די מאסן=באנקראטן פונם פאריזשער
קליינבירגערטום האבן געמוזט פארשפּרייטן זייער ווירקונג ווייט אריבער די
גרעניצן פון די, וואס האבן אוממיטלבאר געליטן, און ווייטער אויפטרייסלען
דעם בורזשואזן אויסטויש, בעשאס ווען די הויצאעס אפן יוני-אויפשטאנד
האבן נאך מער פארגרעסערט דעם מלוכע=דעפיציט און די מלוכע=האכנאסעס
זיינען אלץ מער געפאלן א דאנק דעם שטילשטאנד אין דער פּראדוקציע, דער
פארקלענערונג פונם געברויך און פונם אימפּארט. קאוועניאק און די נאציא=
נאלע פארזאמלונג האבן געקאנט זוכן אן אויסוועג נאר אין א נייער האלוואע,
וועלכע האט נאך פעסטער פארצויגן אף זיי דעם יאך פון דער פינאנסיע-
לער אריסטאקראטיע.

אויב די קליין-בורזשואזיע האט פונם יוני=ניצאכן געוואונען נאר באנ=
קראטן און אויקציאנען, האט די מאבילע גווארדיע, קאוועניאקס „יאניטשארן",
באקומען איר באלוינונג אין די ווייכע ארעמס פון די לארעטנס און אין די
באגריסונגען, מיט וועלכע מע האט באשאטן די „יונגע רעטערס פון דער גע=
זעלשאפט" אין די סאלאנען בא מאררא, אט דעם דזשענטעלמען פון דער דריי=
פארביקער פאן, וועלכער האט זיך באמיט צו שפּילן די ראליע פונם מעשוי-
רער פון דער „ריינער" רעפובליק. אט די בכוירע=רעכט, וואס איז געגעבן געווארן
די מאבילן מיצאד דער געזעלשאפט, ווי אויך זייער אומגעוויינטליך הויכער
געהאלט, האט ארויסגערופן א געפיל פון פארביטערונג בא דער ארמיי;
אין דער זעלביקער צייט זיינען פארשוואונדן געווארן אלע נאציאנאלע איליו=
זיעס, מיט וועלכע דער בורזשואזער רעפּובליקאניזם אין דער פערזאן פונם
„נאסיאנאל" האט באוויזן צוצובינדן צו זיך אין לואי=פיליפּס צייטן א טייל
פון דער ארמיי און פונם פויערטום. די שענדליכע ראליע, וועלכע קאוועניאק
און די נאציאנאלע פארזאמלונג האבן געשפּילט אין צאפּן-איטאליען,

איבערגעבנדיק זי צוזאמען מיט איינגלאנד אין די הענט פון עסטרייך—אט דער איינציקער טאג פון הערשאפט—האט צו נישט געמאכט די רעזולטאטן פון דער 18 יאריקער אפאזיציע פונם „נאסיאנאל“. קיין איין רעגירונג איז נישט געווען אזוי ווייניק נאציאנאל, ווי די רעגירונג פון „נאסיאנאל“, קיינע איז נאך נישט געווען אזוי אפהייניגיק פון איינגלאנד,—און דאס איז אין דער צייט, ווען בעשאס לואי-פיליפס הערשאפט האט „נאסיאנאל“ געלעבט פונם מאלע גייריע זיין קאטאנס Carthaginem esse delendam[1]; קיין איין רע-גירונג האט זיך נישט אזוי טיף דערנידעריקט פארן הייליקן בונד, אין דער צייט ווען פון א וועלכן נישט איז גיזא האט דער „נאסיאנא.“ געפאדערט צו צערייסן די ווינער טראקטאטן. די איראניע פון דער געשיכטע האט געמאכט באסטידן, דעם עקס-רעדאקטאר פון דער אויסלענדישער אפטיילונג אין „נאסי-אנאל“, פארן אויסערן-מיניסטער פון פראנקרייך, קדיי ער זאל יעדן איינ-ציקן פון זיינע ארטיקלען אפלייקענען מיט יעדווידער דעפעשע זיינער.

די ארמיי און דאס פויערטום האבן ערווארט, אז די מיליטער-דיקטאטור וועט אוועקשטעלן אפן טאג-סיידער אן אויסערליכע מילכאמע מיט „gloire“[2]. אין קאווע‍ניאקן האט זיך אבער פארקערפערט נישט די דיקטאטור פונם שווערד איבער דער בורזשואזער געזעלשאפט, נאר די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע מיט דער הילף פונם שווערד. דער סאלדאט איז איצט נויטיק גע-ווען נאר אין דער ראליע פון א זשאנדארם. אונטער דער שטרייגער מאסקע פון אלט-רעפובליקאנישער באשיידנקייט האט קאוועניאק באהאלטן די געמיינע האכנאע אונטער די דערנידערנדיקע באדינגונגען פון זיין בורזשואזער שטעלע. L'argent n'a pas de maître—געלט ווייס פון קיין באלעבאס נישט! קא-וועניאק און די גרינדונגס-פארזאמלונג האבן אידעאליזירט אט דעם אלטן דעוויז פונם דריטן שטאנד, פארטייטשנדיק אים אף דער שפראך פון פאליטיק מיט די ווערטער: די בורזשואזיע ווייסט נישט פון קיין קעניג, איר עמעסע הערשאפטס-פארם איז די רעפובליק.

אין דער אויסארבעטונג פון דער דאזיקער פארם, אין דער אויסארבע-טונג פון דער רעפובליקאנישער קאנסטיטוציע האט באדארפט באשטיין „די גרויסע ארגאנישע ארבעט“ פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג. אויב מע זאל דעם קריסטליכן קאלענדאר איבערשמאדן אף א רעפובליקאנישן, דעם הייליקן בארטאלאמייאוס אפן הייליקן ראבעספיער, וועט זיך דאס וועטער נישט ענדערן. פונקט אזוי ווייניק האט די דאזיקע קאנסטיטוציע געענדערט אדער געדארפט ענדערן די בורזשואזע געזעלשאפט. זי האט בלויז פארביטן די אלטע שילדן אף נייע, און דארט, וואו זי האט זיך דערמיט נישט באגרענעצט, האט זי בלויז פארפראטאקאלירט שוין עקזיסטירנדיקע פאקטן. אזוי, לעמאשל, האט זי פייערליך פאררעגיסטרירט דעם פאקט פון איינשטעלן די רעפובליקא-נישע ארדנונג, דעם פאקט פון אלגעמיינעם וואלרעכט, דעם פאקט פון אן איין-הערשענדיקער נאציאנאלער פארזאמלונג אנשטאט צוויי באגרענעצטע

[1] קארטאגען מוז צעשטערט ווערן. (זע נאכן טעקסט).
[2] רום.

קאָנסטיטוציאָנעלע פאלאטעס. אזוי האָט זי פארדעגיסטרירט און רעגולירט דעם פאקט פון קאוועניאקס דיקטאטור, פארבײַטנדיק די אומבאוועגליכע, אומפאראנט-וואָרטליכע, ביערושע-איבערגייענדיקע מאכט דורך א באוועגליכער, פאראנט-ווארטליכער און געוויילטער קעניגליכער מאכט, דורך דער פיר-יאָריקער פרע-זידענטשאפט. ווײַטער; זי האָט ניט פארמיטן אויפצוהויבן ביז צו דער מאדרייגע פון א גרונט-געזעץ די אויסעראָרדנטליכע מאכט, וועלכע די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט נאָך די שרעקן פון 15 מאי און 25 יוני פאראויסזעענדיק געגעבן איר פאָרזיצער אין די אינטערעסן פון איר אייגענער זיכערקײַט. אל-דאָס איבעריקע איז געווען א זאך פון טערמינאָלאָגיע. פונם מעכאניזם פון דער אלטער מאָנארכיע זײַנען אראָפּגעריסן געוואָרן די אלטע ראָיאליסטישע בלעטלאך, און אף זייער אָרט זײַנען צוגעקלעפט געוואָרן רעפובליקאנישע. מארראַ דער געוועזענער הויפט-רעדאקטאר פון „נאסיאָנאַל,‟ און איצט הויפּט-רעדאקטאר פון דער קאנסטיטוציע, האָט נישט אָן טאלאנט דורכגעפירט די דאזיקע אקאדעמישע אויפגאבע.

די גרינדונגס-פארזאמלונג האָט דערמאנט אָן א טשילי'ער באאמטן, וואָס האָט זיך געקליבן מעסטן די ערד אף צו פונאנדערגרעניצן דאס ערד-איי-גענטום גראד אין דעם זעלביקן אויגנבליק, ווען אן אונטערערדישער געריוש האָט אנגעזאגט, אז עס קומט אן א וואולקאן-אויסברוך, וועלכער דארף ארויס-רײַסן פון אונטער זײַנע פיס אט די זעלביקע ערד. זי האט פעסטגעשטעלט טעאָרעטישע פאָרמולן, וועלכע האבן אויסגעדריקט די הערשאפט פון דער בור-זשואזיע אין דער רעפובליק, און אין דער עמעסן האט זי זיך געהאלטן בלויז דערויף, וואס זי האט אפגעלייקנט אלע פארמולן, אף דער הוילער קראפט sans phrase[3], מיט דער הילף פון באלאגערונגס-צושטאנד. צוויי טעג פאר דעם, איידער עס האט זיך אנגעהויבן די אויסארבעטונג פון דער קאנסטיטוציע, האט זי פארלייגנגערט דעם טערמין פונם באלאגערונגס-צושטאנד. אין די פריערדיקע צײַטן זײַנען קאנסטיטוציעס צוזאמענגעשטעלט און וואטירט געווארן דעמאלסט, ווען דער פראצעס פון דער געזעלשאפטליכער איבערקע-רעניש איז שוין געקומען צו א גלײַכגעוויכט, ווען עס זײַנען ענדגילטיק אײַנ-געשטעלט געווארן נײַע קלאסן-פארהעלטנישן, און די קעמפנדיקע פראקציעס פונם הערשנדיקן קלאס האבן זיך באנוצט מיט א קאמפראמיס, וועלכער האט זיי געגעבן די מעגליכקײַט ווײַטער צו פירן דעם קאמף צווישן זיך און צו-זאמען דערמיט צו באזײַטיקן פון אים די פארמאטערטע פאלקס-מאסע. די קאנסטיטוציע אבער האט נישט סאנקציאנירט קיין שום געזעלשאפטליכע רע-וואלוציע—פארקערט, זי האט סאנקציאנירט דעם צײַטווײַליקן ניצחון פון דער געזעלשאפט איבער דער רעוואלוציע.

אינם ערשטן פראיעקט פון דער קאנסטיטוציע, וואס איז צוזאמענגע-שטעלט געווארן נאך פאר די יוני-טעג, ווערט נאך דערמאנט דאס רעכט אף ארבעט „droit au travail‟—אט די ערשטע אומבאהאָלפענע פארמו-

[3] אן פראזן.

פון די רעוואלוציאנערע פאדערונגען פונם פראלעטאריאט. איצט איז עס פאר-וואנדלט געווארן אין droit à l'assistance—רעכט אף געזעלשאפטליכער וואוילטעטיקייט,—אבער וואס פאר א מאדערנע מלוכע דערנערט עס נישט אף דעם אדער אף יענעם אופן אירע ארעמע-לייט? דאס רעכט אף ארבעט אינם בורזשואזן זינען פון ווארט איז אן אומזין, א נישטיקער פרומער וואונש. אנ-דערש וואלט עס באטייט מאכט איבערן קאפיטאל, און מאכט איבערן קאפי-טאל באטייט עקספראפריאירן די פראדוקציאנס מיטלען, אונטערווארפן זיי דעם פאראייניקטן ארבעטער-קלאס—דאס הייסט, אלזא, פארניכטן די לוין-ארבעט און דעם קאפיטאל און זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען. אונטער די „רעכט אף ארבעט" איז געשטאנען דער יוני-אויפשטאנד. די גרינדונגס-פארזאמלונג, וועלכע האט פאקטיש אוועקגעשטעלט דעם רעוואלוציאנערן פרא-לעטאריאט hors la loi,—אויסערן געזעץ—, האט פרינציפיעל געמוזט ארויס-ווארפן זיין פארמול פון דער קאנסטיטוציע, פון אט דעם געזעץ פון געזעצן, און אריינווארפן אין כיירעם--דאס „רעכט אף ארבעט". דערמיט האט זי זיך אבער נישט באנוגנט. פונקט ווי פלאטאן האט פון זיין רעפובליק פארטריבן די דיכטערס, אזוי האט זי אף אייביק אויקאם וואָעד פארטריבן פון איר רעפובליק—דעם פראָגרעסיוון שטייער. און דאָס איז אין דער צייט, ווען דער דאָ-זיקער שטייער איז נישט נאָר אַ גאנץ בורזשואזער מיטל, וואָס קאָן אין א גרעסערן אדער אין א קלענערן מאסשטאב דורכגעפירט ווערן אין די ראמען פון די עקזיסטירנדיקע בורזשואזע פארהעלטנישן,—נאר ער איז געווען דער איינציקער מיטל צוצובינדן די מיטעלע שיכטן פון דער בורזשואזער געזעל-שאפט צו דער „ריינער" רעפובליק, פארקלענערן דעם מלוכע-בויוו און בא-שיצן זיך פון דער אנטי-רעפובליקאנישער מערהייט פון דער בורזשואזיע.

אָפּוואַרפנדיק די concordats à l'amialle, האבן די דרייפארביקע רעפובליקאנער מאקריוו געווען דאָס קליינבירגערטום לעטויוועס דער גרויס-בור-זשואזיע. דאס איז געווען א איינצלנער פאקט. זיי האבן אים אָבער פאר-וואנדלט אין א פרינציפ, אריינווארפנדיק אין כיירעם דעם פראָגרעסיוון שטייער. זיי האבן די בורזשואזע רעפארם אַוועקגעשטעלט אף איין ברעט מיט דער אַרבעטער-רעוואָלוציע. וואָס זשע פאר אַ געזעלשאַפטליכער קלאס איז נאך דעם געבליבן דער אנשפאר פאר זייער רעפובליק? די גרויס-בורזשואזיע. און גראד די מערהייט פון איר איז געווען אנטירעפובליקאניש. אויב זי האט זיך באנוצט מיט די רעפובליקאנער פון „נאסיאָנאל", קדיי ווידער צו פאר-פעסטיקן די אלטע עקאָנאמישע פארהעלטנישן, האט זי זיך פון דער אנדערער זייט געקליבן אויסצונוצן די פארפעסטיקונג פון די אלטע געזעלשאפטליכע פארהעלטנישן, קדיי צוריק אויפצושטעלן די פאָליטישע פארמען, וועלכע זיי-נען צו זיי צוגעפאסט. שוין אין אָנהויב אָקטיאבר האט קאווענייאק דערזען, אַז ער איז געצוואונגען צו באשטימען פאר מיניסטאָרן פון דער רעפובליק דיופאר און וויוויען, לואי-פיליפס געוועזענע מיניסטארן, ניט קוקנדיק אף דער גאנצער געמורמלעריי און אומצופרידנקייט פון די קליינקעפדיקע פורי-טאנער פון זיין אייגענער פארטיי.

אפוואַרפנדיק יעדווידער קאמפּראמיס מיט דער קליין-בורזשואַזיע, און ניט זייענדיק אימשטאנד צוצוביגדן צו דער רעפובליק קיין שום נייע געזעלשאַפטליכע עלעמענטן, האט זיך די דרייַפארביקע קאנסטיטוציע דערפאר געהיילט אומצוקערן די טראַדיציאָנעלע אומבארירליכקייַט דער קארפּאראציע, וועלכע איז געווען דער פארביסנסטער און פאנאטישסטער פארטיידיקער פון דער אלטער אָרדנונג. זי האט אַרייַנגעפירט אלס א גרונט-געזעץ אין דער קאָנסטיטוציע, אז ריכטער טאָרן ניט אומגעביטן ווערן, אט דעם געזעץ, אַף וועלכן די צייַטווייַליקע רעגירונג וואלט געקאנט מאכן א פארזוך. דער איינצלנער קעניג, וועלכן זי האט אראפּגעווארפן, איז אויפגעשטאנען טכיאס-האמייסים אין די טוצן פון אט די באשטענדיקע אינקוויזיטארן.

די פראנצויזישע פרעסע האט אנגעוויזן אַף פיל סטירעס אין ה' מאראַ'ס קאָנסטיטוציע, ווי לעמאשל, אַף דער איינצייטיקער עקזיסטענץ פון דער נאַציאָנאלער פארזאמלונג צוזאמען מיט א פרעזידענט א. א. וו. א. וו.

אָבער דער הויפּט-ווידערשפרוך אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע באַשטייט אָט אין וואס: מיט דער הילף פונם אלגעמיינעם וואלרעכט גיט זי איבער די פאליטישע מאכט אין די הענט פון די זעלביקע קלאסן, וועמענס סאָציאלע פארשקלאפונג זי האט געזאלט פאראייביקן,— אין די הענט פונם פּראָלעטאריאט, פונם פויערטום און פון דער קליין-בורזשואזיע. און בא דעם קלאס, וועמענס אלטע מאכט זי סאנקציאנירט—בא דער בורזשואַזיע—נעמט זי אָפּ די פּאָליטישע גאראנטיעס פון דער דאָזיקער מאכט. די פאליטישע הערשאַפט פון דער בורזשואזיע איז דורך איר אַרייַנגעקוועטשט געווארן אין דעמאָקראטישע ראמען, וועלכע פירן צום ניצאָכן די קעגנערס פון דער בורזשואזיע און שטעלן אין קאָן די יעסוידעס פון דער בורזשואזער אָרדנונג גופע. פון איינע פאדערט זי, אז זיי זאלן פון דער פאליטישער באפרייַאונג ניט גיין פאראויס צו דער סאָציאלער, און פון די אנדערע—אז זיי זאָלן פון דער סאָציאלער רעסטאווראציע ניט גיין צוריק צו דער פּאָליטישער.

די בורזשואַזע רעפובליקאנער איז דאס אלץ ווייניק וואס אָנגעגאנגען. אַף אזויפיל, אַף וויפל זיי זייַנען געווארן איבעריק — און גענויטיקט האט מען זיך אין זיי בלויז ווי אין אן אוואנגארד פון דער אלטער געזעלשאפט קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט,—אין עטליכע וואכן ארום נאך זייער ניצאָכן זייַנען זיי פון דער לאגע פון א פארטיי געפאלן ביז צום מאצעוו פון א קליקע. די קאָנסטיטוציע איז געווען פאר זיי אַ גרויסע אינטריגע. זי האט געדארפט פריער פון אלץ פארפעסטיקן די הערשאפט פון זייער קליקע. פרעזידענט האט געזאלט ווערן דער זעלביקער קאוועניאק, די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האט געזאלט ווערן דער הערשאַך פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג. די פאליטישע מאכט פון די פאלקס-מאסן האבן זיי געהאפט צו פארוואנדלען אין א פיקציע, זיי האבן אפילע אויסגערעכנט, אז זיי וועלן לייַכט קאָנען שפילן מיט איר און טאמיד האלטן אין שרעק די בורזשואזע מערהייַט, אוועקשטעלנדיק פאר איר די דילעמע פון די יוני-טעג: די הערשאַפט פון „נאַציאָנאל" אָדער די הערשאפט פון אנארכיע.

די גרינדונגס=אַרבעט, וואָס איז אָנגעהויבן געווארן דעם 4=טן סענטיאבר, איז פארענדיקט געוואָרן דעם 23-טן אָקטיאבר. דעם 2=טן סענטיאבר האָט זי קאָנסטיטואַנטע [1]) באשלאָסן זיצן אזוי לאנג, ביז וואנען עס וועלן ניט ארויסגעגעבן ווערן די אָרגאנישע געזעצן, וועלכע דערפילן די קאָנסטיטוציע. דאך האָט זי באשלאָסן ארויסצורופן צום לעבן איר אייגן קינד, דעם פרעזידענט, שוין פונם 10-טן דעקאבר, אַ סאך פריער פאר דעם, איידער איר אייגענער לעבנס=וועג האט זיך פארענדיקט. זי איז דאך אינגאנצן זיכער געווען דעריין, אַז אָט דער האמונקולוס (דאָס „קליין מענטשעלע„) פון דער קאָנסטיטוציע וועט זיך פון זיין מוטער ניט אָפזאָגן. צוליב פארזיכטיקייט איז באשלאָסן געווארן, אז אויב קיין איינער פון די קאנדידאטן וועט ניט באקומען קיין צוויי מיליאָן שטימען, גייט דאס רעכט פון וויילן אַריבער פון דער נאציע צו דער קאָנסטיטואנטע.

אומזיסטע זאָרג! דער ערשטער טאָג פון באַנוצן די קאָנסטיטוציע, איז געווען דער לעצטער טאָג פון דער קאָנסטיטואנטע. אין דער טיפעניש פון דער וויילער=אורנע איז געלעגן איר טויט-אורטייל. זי האט געזוכט דעם „זון פון זיין מוטער״ און האט געפונען דעם „פּלימעניק פון זיין פעטער״ [2]) שאַאול-קאוועניאק האט באַקומען איין מיליאָן שטימען און דאָוויד-נאפּאלעאָן — זעקס מיליאָן. זעקס מאָל איז געשלאָגן געוואָרן שאַאול-קאוועניאק [3]).

דער 10-טער דעקאבר 1848 יאָר איז געווען דער טאָג פונם פּויערים אויפשטאַנד. ערשט פון דעם טאָג הויבט זיך אָן דער פעווראל פאר די פראנצויזישע פויערים. דער דאָזיקער סימבאָל, וועלכער האָט מעוואסער געווען זייער אריינטריט אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג,—אומבאהאלפן און גענארעריש, שווינדלעריש און נאאיוו, טאמעוואטע און מאיעסטעטיש, אָט דאָס אויסגערעכנטע אבערגלויבן, אָט דער פאטעטישער פארס געניאל=נארישער אנאכראניזם, אָט דער מיעסער שפאס פון דער וועלט-געשיכטע, דער אומפארשטענדליכער היעראָגליף [4]) פארן ציוויליזירטן מויאך, — אָט דער דאזיקער סימבאָל האָט געטראגן א בליסאפעקדיקן שטעמפּל פון דעם קלאס, וועלכער איז דער פאָרשטייער פונם בארבאריזם אין דער ציוויליזאציע. צו אים איז די רעפּובליק געקומען אין דער פערזאָן פונם שטייערן=זאמלער, ער איז דערשינען פאר דער רעפּובליק אין דער פערזאָן פונם קייסער. נאפּאלעאָן איז געווען דער איינציקער מענטש, אין וועלכן עס האָבן געפונען זייער פולן אויסדרוק די אינטערעסן און די פאנטאזיע פונם אין 1789 יאָר ניי=אויסגעבילדעטן פויערישן קלאס. אָנשרייבנדיק זיין נאָמען אפן פראָנטאָן פון דער רעפּובליק האָט דאָס פויערטום דערמיט אליין דערקלערט א מילכאָמע די אויסלענדישע מלוכעס און א קאמף פאר זיינע קלאסן-אינטערעסן אינעווייניק אין לאנד.

---

1) די גרינדונגס-פארזאַמלונג. ל. ג.

2) לואי-נאַפּעלעאָן, וואָס איז אויסגעקליבן געווארן פאר אַ פרעזידענט, איז געווען נאפּאלעאָן דעם ערשטנס אַ פּלימעניק. ל. ג.

3) דערמאנט די ביבלישע לעגענדע וועגן שאַאולן און דאָווידן :... ל. ג.

4) היעראָגליפן—אוראלטע מיזראכישע שריפטצייכנס.

נאַפּאָלעאָן איז פאַר די פּויערים געווען ניט קיין פּערזענלעכקייט, נאָר אַ פּראָגראַם מיט פאָנען, מיט מוזיק זיינען זיי געגאַנגען צו דער וואַל-אורנע, אויסרופנדיק: Plus d'impots, à bas les riches, à bas la rèpublique, vive l'Empereur! גענוג שוין מיט די שטייערן, נידער מיט די רייכע, נידער מיט דער רעפּובליק, זאָל לעבן דער קייסער! אונטער דעם קייסערס פּייצע, איז באַהאַלטן געווען דער פּויערים-קריג: זיי האָבן אָפּ די וואַלן דורכגעוואָרפן די רעפּובליק פון די רייכע.

דער 10-טער דעקאַבער איז געווען דער טאָג פון דער פּויערשער מלוכע-איבערקערעניש, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די עקזיסטירנדיקע רעגירונג. פון דעם טאָג אָן, פון דעם מאָמענט, זינט די פּויערים האָבן אָפּגענומען בא פראַנקרייך איין רעגירונג און געגעבן איר אַ צווייטע, זיינען זייערע בליקן טאָג-איין גענעדערט געווען אָף פּאַריזש. זיי זיינען אָף איין אויגנבליק געווען ווירקנדע פּערזאָנען אין דער רעוואָלוציאָנערער דראַמע, און נאָכדעם האָט מען זיי שוין ניט געקאָנט מער אָנבינדן די פּאַסיווע, טאַטלאָזע ראָליע פון אַ כאָר.

די איבעריקע קלאַסן האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרענדיקן דעם ניצאָכן פונם פּויערטום. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אינם אויסוויילן נאַפּאָלעאָנען געזען פריער פון אַלץ דעם סאָף פון קאַוועניאַקן און פון דער קאָנסטיטואַנטע, דעם סאָף פונם בורזשואַזן רעפּובליקאַניזם—פאַר אים האָט עס געהייסן קאַסירן דעם יוני-ניצאָכן. פאַר דער קליין-בורזשואַזיע האָט דאָס אויסוויילן נאַפּאָלעאָנען באַטייט אַ ניצאָכן פון די באַלכויוועס איבער די קרעדיטאָרן. פאַר דער מערהייט פון דער גרויס-בורזשואַזיע האָט דאָס באַטייט אָפן צערייסן מיט דער פראַקציע, וועלכע האָט איר אַ געוויסע צייט געדינט אַלס געווער קעגן דער רעוואָלוציע, איז איר אָבער געוואָרן צו לאַסט, פון זינט זי האָט באַשלאָסן צו פאַרפעסטיקן איר צייטווייליקע לאַגע אָפן גרונט פון דער קאָנסטיטוציע. נאַפּאָלעאָן אָנשטאָט קאַוועניאַקן—דאָס האָט פאַר דער מערהייט פון דער גרויס-בורזשואַזיע באַטייט: אַ מאָנאַרכיע אָנשטאָט אַ רעפּובליק, אָן אָנהויב פון דער ראָיאַליסטישער (קייזערישער) רעסטאַווראַציע, אַ פּאַכדאַנישער וואונק אין דער זייט פונם הערצאָג פון אָרלעאַן, אָף דער ליליע, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די פּיילכנס[1]) ענדליך, די אַרמיי האָט אויסקלייבנדיק נאַפּאָלעאָנען, געשטימט קעגן דער מאָבילער גוואַרדיע, קעגן דער אידיליע פון שאָלעם, פאַר אַ מילכאָמע.

אָף אַזאַ אויפן, האָט דער סאַמע טאַמעוואַטער מענטש אין פראַנקרייך, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט די „נייע ריינישע צייטונג", באַקומען די אַלזייטיקסטע באַטייטונג[2]) טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גאָרנישט, האָט ער געקאָנט באַטייטן אַלץ,—נאָר נישט זיך אַליין. און דאָך, כאָטש נאַפּאָלעאָנס נאָמען האָט געהאַט אַ פאַרשיידענעם זינען אינם מויל בא פאַרשיידענע קלאַסן, האָבן זיי אַלע צוזאַמען מיט דעם נאָמען, אָף זייער וואַלצעטל אויפגעשריבן: נידער מיט דער פּאַרטיי פון „נאַציאָנאַל", נידער מיט קאַוועניאַקן, נידער מיט

1) די ליליע—דאָס איז דער הערב פון די בורבאָנען,—די פראַנצויזישע קעניגלעכע דינאַסטיע.
2) אין אָריגינאַל—ווערטער-שפּיל: einfältig (טאַמעוואַטער) און vielfältig (אַלזייטיקער).

דער קאנסטיטואנטע, נידער מיט דער בורזשואזער רעפובליק! דער מיניסטער דיופאר האט עס אָפן דערקלערט אין דער גרינדונגס-פארזאמלונג: דער 10 דעקאבר דאס איז דער צווייטער 24 פעווראל.

די קליין-בורזשואזיע און דער פראלעטאריאט האבן געשטימט „אן בלאָק" (en bloc) פאַר נאפאלעאנען, כדיי צו שטימען קעגן קאוועניאקן און קאנצענטרירנדיק אלע שטימען אַף איין קאנדידאט, נישט געבן דער קאנסטיטואנטע די מעגליכקייט דורכצופירן די וואלן מיט איר אייגענער מאכט. דאך, די פראגרעסיווסטע טייל פון די ביידע קלאסן האט ארויסגעשטעלט אייגענע קאנדידאטן. נאפאלעאן איז דער „שעם דאוואר" פאר אלע פארטייען, וואס האבן זיך פאראייניקט קעגן דער רעפובליק; לעדריו-ראללען און ראספאיל זײַנען געווען אייגן-נעמען; איינער איז געווען דער נאמען פונם דעמאקראטישן קליינבירגערטום, דער צווייטער—דער נאמען פונם רעוואליוציאנערן פראלעטאריאט. די שטימען פאר ראספאילן—האבן אָפן אלעמען דערקלערט די ארבעטער און זייערע סאציאליסטישע פירערס—זײַנען געווען בלויז א דעמאנסטראטיווער מאסן-פראטעסט קעגן יעדווידער פרעזידענטערײַ ביכלאל, ד. ה. קעגן דער קאנסטיטוציע; צוזאמען דערמיט, האבן די ארבעטער, שטימענדיק פאר ראספאילן, געשטימט קעגן לעדריו-ראללען; דאס איז געווען דער ערשטער אַקט, אין וועלכן עס האט זיך אויסגעדריקט די אפשפאלטונג פונם פראלעטאריאט, אלס זעלבשטענדיקע פאליטישע פארטיי, פון דער דעמאקראטישער פארטיי. פארקערט, אט די לעצטע פארטיי,—דאס דעמאקראטישע קליינבירגערטום און זײַן פארשטייערן אין פארלאמענט—די „בארג"-פארטיי—האבן זיך צו לעדריו-ראללען'ס קאנדידאטור באצויגן זייער ערנסט, ווי עס פאסט פאר א פארטיי, וואס איז צוגעוואוינט צו פײַערליכער זעלבסטנארערײַ. דאס איז אגעוו געווען איר לעצטער פרוואו ארויסצוטרעטן זעלבשטענדיק צוגלײַך מיטן פראלעטאריאט. נישט נאר די פארטיי פון דער רעפובליקאנישער בורזשואזיע, נאר אויך דאס דעמאקראטישע קליינבירגערטום מיט איר „בארג"-פארטיי, זײַנען צעקלאפט געווארן דעם 10 דעקאבר.

פראנקרײַך האָט איצט איינצײַטיק מיט דער בארג-פארטיי געהאט נאפאלעאנען—א באווײַז, אז ווי די ערשטע, אזוי דער אנדערער, זײַנען געווען בלויז לעבנסלאזע קאריקאטורן אַף די גרויסע אריגינאלן, וועמענס נעמען זיי האבן געטראָגן. לואי-נאפאלעאן מיט זײַן קייסער-אָדלער און דרײַעקיגן הוט איז געווען פונקט אַזאַ קלאגעדיקע פאראָדיע אפן אלטן נאפאלעאנען, ווי די בארג-פארטיי מיט אירע דעמאקראטישע פאָזעס און פראזן, געבארגטע בײַם 1793 יאָר, איז געווען א פאראָדיע אַף דער אלטער בארג-פארטיי. די רעוואלוציע איז געווארן זעלבשטענדיק ערשט דאן, ווען זי האט באקומען איר אייגענעם, אריגינעלן פנים, און דאס איז מעגליך געווארן ערשט דעמאלסט, ווען אפן פאָדערגרונט אירן איז מעכטיק ארויסגעטראטן א נײַער רעוואלוציאנערער קלאס, דער פאבריק-פראָלעטאריאט. יאָ, דער 10 דעקאבר איז געווען א סורפריז פאר דער בארג-פארטיי און האט זי אינגאנצן צעטומלט שוין דערפאר אליין, וואס אין דעם טאג האט דער גראבער פויערשער שפאס מיט א געלעכטער ארונטערגעריסן די קלאסישע אנאלאָגיע מיט דער אלטער רעוואלוציע.

דעם 20=טן דעקאַבער איז קאָוועניאַק אַוועק פון זיין שטעלע, און די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג האָט פּראָק. אַמירט לואי-נאַפּאָלעאָנען פאַרן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. דעם 19=טן דעקאַבער, אינם לעצטן טאָג פון איר זעלבסטהערשונג, האָט זי אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן אַמניסטיע פאַר די יוני'ער אינסורגענטן. צוריק נעמען דעם דעקרעט פון 27 יוני, דורך וועלכן זי האָט אָן אַ מישפּעט פאַראורטיילט צום פאַרשיקן 15.000 אינסורגענטן,—וואָלט עס דען ניט באַטייט צוריקציען די יוני=שלאַכט גופא?

אָדילאָן באַררָאָ—לואי=פיליפּס לעצטער מיניסטער—איז געווען לואי=נאַפּאָלעאָנס ערשטער מיניסטער. לואי-נאַפּאָלעאָן האָט דעם אָנהויב פון זיין מאַכט גערעכנט נישט פון 10 דעקאַבער, נאָר פונם סענאַט=באַשלוס פון 1806 יאָר[1]. ער האָט פאַר זיך געפונען אַ פּאַסיקן ערשטן מיניסטער: יענער האָט אויך גערעכנט דעם אָנהויב פון זיין מיניסטעריום נישט פון 20 דעקאַבער, נאָר פונם קעניגליכן דעקרעט פון 24 פעוראַל. דער געזעצליכער יורעש פון לואי=פיליפּן, לואי=נאַפּאָלעאָן האָט ווייכער געמאַכט די רעגירונגס=אומענדערונג, איבערלאָזנדיק דאָס אַלטע מיניסטעריום, וואָס האָט נאָך דערצו נישט באַוויזן אַלט צו ווערן, ווייל עס האָט נישט באַוויזן צו קומען אַף דער וועלט.

צו דעם אויסוואַל האָבן אים צוגערעדט די פירערס פון די רויאַליסטישע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע. דער ראָש פון דער אַלטער דינאַסטישער אָפּאָזיציע—באַררָאָ, וואָס האָט אומבאַוואוסטזיניק געדינט אַלס איבערגאַנגס-שטופע צו די רעפּובליקאַנער פון „נאַסיאָנאַל“, איז פונקט ווי אומישנע צוגעפּאַסט געווען מיטן פולן באַוואוסטזיין צו דינען פאַר אַ בריק פון דער בורזשואַזער רעפּובליק צו דער מאָנאַרכיע.

אָדילאָן באַררָאָ איז געווען דער אָנפירער פון דער איינציקער אַלטער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי, וועלכע האָט, שטרעבנדיק די גאַנצע צייט, אָבער אָן ערפאָלג צו אַ מיניסטאָרן-פּאָרטפעל, נאָך נישט באַוויזן זיך ענדגילטיק צו קאָמפּראָמעטירן. אין דעם שנעלן לויף פון אַ גאַנצע רייע געשעהענישן האָט די רעוואָלוציע געהויבן אַפן שפּיץ פון דער מלוכה איינע נאָך דער אַנדערער אַלע אַלטע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, כדי זיי זאָלן נישט נאָר אין טאַט, נאָר אויך אַפן וואָרט, זיך אָפּזאָגן פון זייערע אַלטע פראַזן און זאָלן סאָף קאָל סאָף, אַריינגעוואָרפן ווערן דורכן פאָלק, אַלע צוזאַמען, ווי אַ געדיכטע עקלדיקע קאַשע, אין דער שינדערגרוב פון דער געשיכטע. באַררָאָ—אָט די פאַרקערפּערונג פונם בורזשואַזן ליבעראַליזם, וואָס האָט אַכצן יאָר נאָכאַנאַנד באַהאַלטן זיין אינערליכע נידערטרעכטיקייט און פּוסטקייט אונטער דער אויסערליכער גאַדלעס, איז פאַרמישפּעט געווען אַף אַלזייטיקער רענעגאַטן-אַרבעט. אויב צייטנווייס האָט אים אַליין שוין אָפּגעשראָקן דער צו שטאַרקער קאָנטראַסט צווישן די דערנער פון דער געגנוואַרט מיט די לאָרבער-בלעטער פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער געדאַרפט בלויז אַ קוק טאָן אין שפּיגל אַריין,—און צו אים פלעגט זיך צוריק אומקערן זיין מיניסטאָרישע זעלבסטבאַהערשונג און מענטשליכער בוקן זיך פאַר

[1]) אין 1806 יאר איז נאפּאלעאָן דער ערשטער, לואי-נאפּאלעאנס פעטער, דערקלערט געווארן דורכן פראנצויזישן סענאט אלס קייסער.

זיך אַליין. אינם שפּיגל האָט אים אַנטקעגן געשײַנט די פיזיאָנאָמיע פון גיזאָ—גיזאָ, וועמען ער האָט שטענדיק מעקאַנע געווען, וועלכער איז זיך שטענדיק באַגאַנגען מיט אים, ווי מיט אַ קיידער-אינגל, גיזאָ אַליין, נאָר מיט אָדיליאָנס אלימפּישן שטערן. איין זאַך נאָר האָט ער אַף זיך נישט באַמערקט—די אויערן פון מידאַסן.

באַררֹאָ פונם 24 פעוורּאַל האָט זיך ערשט אַרויסבאַוויזן דעם 20 דעקאבר. אַליין אָן אָרלעאַניסט און וואָלטעריאַנער האָט ער דערלאַנגט זײַן האַנט דעם נײַעם גלויבנס-מיניסטער, דעם לעגיטימיסט און יעזואיט פאַל.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז דאָס מיניסטעריום פאַר אינערליכע איניאָנים איבערגעגעבן געוואָרן דעם מאַלטוזיאַנער פעאָן פאָשע. רעכט, רעליגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע! אַלץ איז שוין געווען אין באַררֹאָ'ס מיניסטעריום, און כוץ דעם האָט עס פאַראייניקט די לעגיטימיסטן מיט די ארלעאַניסטן. עס האָט נאָר געפעלט אַ באָנאַפּאַרטיסט. באָנאַפּאַרט האָט נאָך געהאַלטן פאַר נישט בקוועם צו עפענען זײַנע קאָרטן, נישט שפּילנדיק נאָך קיין ראָליע פון אַ נאַפּאָלעאָן, פונקט ווי סולוק האָט נאָך נישט געשפּילט די ראָליע פון Toussaint l'Onverture [1].

די פאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל" איז גלײַך באַזײַטיקט געוואָרן פון אַלע הויכע פאָסטנס, אַף וועלכע זי האָט באַוויזן זיך צו פאַרקלייבן. די פּאָליציי-פּרעפעקטור, די פּאָסט-דירעקציע, די שטעלע פון אַ גענעראַל-פּראָקוראָר, די מעריע פון פּאַריזש—אַלץ האָבן באַקומען די אַלטע קרעאַטורן פון דער מאָנאַרכיע. דער לעגיטימיסט שאַנגאַרניע איז געוואָרן דער אַלגעמיינער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פון סענער דעפּאַרטאַמענט, פון דער מאָבילער גוואַרדיע און פונם ליניען-מיליטער פון דער ערשטער אַרמייאישער דיוויזיע; דער ארלעאַניסט ביזשאָ איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַלפּן-אַרמיי. דער דאָזיקער אומבײַט פון באַאַמטע האָט געדויערט אָן אַ האַפּסאַקע די גאַנצע צײַט פון באַררֹאָ'ס מיניסטעריום. די ערשטע אַרבעט פון זײַן מיניסטעריום איז געווען צו רעסטאַווירן די אַלטע ראָיאַליסטישע אַדמיניסטראַציע. אין איין אויגנבליק האָט די גאַנצע אפיציעלע סצענע באַקומען אַן אַנדער אויסזען,—די קוליסן, די קאַסטיומען, די שפּראַך, די אָקטיאָרן, פיגוראַנטן, סטאַטיסטן, סופליאָרן, די פּאָזיציעס פון די פּאַרטייען, די מאָטיוון פון דער דראַמע, דער אינהאַלט פונם שפּיל, די גאַנצע אומגעבונג. נאָר די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען נאָך פאַר דער וועלט-באַשאַפונג, איז נאָך אַלץ געבליבן אַף איר אָרט. אָבער פון דעם מאָמענט אָן, פון זינט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונגס האָט אַרויפגעזעצט אַף זײַן פּאָסטן באָנאַפּאַרטן, באָנאַפּאַרט—באַררֹאָ'ן, און באַררֹאָ—שאַנגאַרניען, איז פראַנקרײַך אַרויסגעטראָטן פונם פּעריאָד פון רעפּובליקאַנישער אָרדנונג. און צו וואָס האָט מען עס געדאַרפט האָבן אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין אַ רעפּובליק, שוין אָן אַ אײַנגעאָרדנטער? ווען די ערד איז באַשאַפן געוואָרן, איז פאַר איר שעפער נישט געבליבן קיין

[1] דער נעגער סולוק, וואָס איז אין 1847 יאָר אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האַיטי, האָט זיך אין 1850 יאָר דערקלערט פאַר „אַ קייסער ביערושע".

אנדער זאך, ווי אוועק אפן הימל. די גרינדונגס-פארזאמלונג האט פעסט באשלאסן אים נישט נאכצוטאן, זי איז געווען דער לעצטער מאקעם מיקלאט פאר די בורזשואזע רעפובליקאנער. מע האט בא איר צוגענומען די ארגאנען פון דער אויספיר-מאכט; אבער, צי איז דען אין אירע הענט נישט פארבליבן די גרינדונגס-אלמעכטיקייט? דער ערשטער געדאנק פון דער פארזאמלונג איז געווען—אום וואס פאר א פרייז עס זאל נישט זיין איינצוהאלטן איר מלוכע-פאסטן און מיט זיין הילף צוריק ערווערבן די פארלארענע פאזיציעס. מע דארף נאר אראפווארפן באררא'ס מיניסטעריום און פארבייטן אים אף א מיניסטעריום פון „נאסיאנאל“, און די ראיאליסטישע באאמטע וועלן דעמאלסט גלייך מוזן אפרייניקן די מלוכע-שטעלעס און ווידער איבערגעבן זיי דעם זיגרייכן דרייפארביקן פערסאנאל. די פארזאמלונג האט באשלאסן אראפצוווארפן דאס מיניסטעריום, און דאס מיניסטעריום האט אים אליין געגעבן אזא געלעגנהייט אנצופאלן, וואס באקוועמער פון איר וואלט די קאנסטיטואנטע אליין נישט געקאנט צוטראכטן.

לאמיר זיך דערמאנען, וואס עס האט באטייט דער נאמען באנאפארט פאר די פויערים: נידע״ מיט די שטייערן! זעקס טעג איז ער געזעסן אפן פרעזידענטן-שטול, און אפן זיבעטן, דעם 27 דעקאבער, האט אים זיין מיניסטעריום פארגעלייגט צוריק אויפצושטעלן דעם אפצאל פון זאלץ, וואס איז אפגעשאפט געווארן דורך א דעקרעט פון דער צייטווייליקער רעגירונג. דער אפצאל פון זאלץ צוזאמען מיטן אפצאל פון ווייַן פארמאגט די פריווילעגיע צו זיין דער „סאָאיר לאאזאל“ פון פראנקרייך'ס אלטער פינאנס-סיסטעם, באזונדערס אין די אויגן פון דער דארפישער באפעלקערונג. דעם פויערשן אויסדערוויילטן האט באררא'ס מיניסטעריום נישט געקאנט אונטערזאגן קיין בייסיקערע עפיגראם אף זיינע וויילערס. וואס פאר אן אינהאלט איז דען נישט געלעגן אין די ווערטער: די צוריקשטעלונג פונם אפצאל פון זאלץ? מיטן אפצאל פון זאלץ האט באנאפארט פארלארן זיין רעוואלוציאנערע זאלץ,—דער נאפאלעאן פונם פויערן-אויפשטאנד איז צעשוואומען געווארן, ווי א נעפלהאפטיקער געשפענסט,—עס איז געבליבן בלויז א גרויסער אומבאקאנטער אין דער אינטריגע פון דער ראיאליסטישער בורזשואזיע. און נישט אן א מיין האט באררא'ס מיניסטעריום געמאכט אט דעם אומטאקטישן אקט פון גראבער אנטוישונג פארן ערשטן רעגירונגס-אקט פונם פרעזידענט.

פון איר זייט האט זיך די קאנסטיטואנטע מיט פרייד אנגעכאפט פאר דער טאפלטער מעגליכקייט אראפצוווארפן דאס מיניסטעריום און ארויסצוטרעטן קעגן דעם פויערשן אויסדערוויילטן אין דער ראליע פון א פארטיידיקערן פון די פויערשע אינטערעסן. זי האט אפגעווארפן דעם פינאנס-מיניסטערס פארשלאג, האט פארקלענערט דעם זאלץ-שטייער ביז צו איין דריטל פון זיין פריערדיקער גרויס, האט פארגרעסערט אף אזא אופן דעם מלוכע-דעפיציט פון 560 מיליאן אף נאך 60 מיליאן און האט רוהיק נאך דעם וואטום פון אומצוטרוי געווארט אף דער דימיסיע פונם מיניסטעריום. אבער, אך, זי האט נישט פארשטאנען די נייע וועלט, וואס רינגלט זי איצט ארום אין איר אייגענע נייע

לאַגע! אונטערן מיניסטעריום איז געשטאַנען דער פּרעזידענט, אונטערן פּרעזי-דענט זעקס מי׳יאָן וויילערס, וואָס יעדערער פון זיי האָט אין דער וויילער-אורנע אַרײַנגעלייגט אַ וואָטום פון אומצוטרוי צו דער קאָנסטיטואַנטע. די קאָנ-סטיטואַנטע מיטן לאַנד האָבן זיך איינער מיטן אַנדערן אויסגעטוישט מיט אַ וואָטום פון אומצוטרוי. אַ לעכערליכער אויסטויש! די קאָנסטיטואַנטע האָט פאַרגעסן, אַז אירע וואָטומען האָבן פאַרלאָרן זייער צוואַנגס-קורס. אָפּוואַרפנדיק דעם אָפּצאָל פון זאַלץ, האָט זי בלויז פאַרפעסטיקט דעם באַשלוס פון באָנאַ-פּאַרטן און פון זײַנע מיניסטאָרן אַ סאָף צו מאַכן מיט איר. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער שטרייט צווישן באָנאַפּאַרטן מיט דער קאָנסטיטואַנטע, וועלכער פאַרפילט די גאַנצע לעצטע העלפט פון איר עקזיסטענץ. דער 29 יאַנוואַר, דער 21 מאַרט, דער 8 מאַי זײַנען געווען די גרויסע טעג פון אָט דעם קריזיס, די פאָרזאָגערס פונם 13-טן יוני.

די פראַנצויזן,—לעמאַשל לואי בלאַן—האָבן אינם 29 יאַנוואַר געזעען אַן ערשײַנונג פון קאָנסטיטוציאָנעלן ווידערשפּרוך צווישן דער מאַכט-האָבנדיקער נישט פונאַנדערגעלאָזענער, נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון איין זײַט, און דעם פּרעזידענט, וואָס איז פאַר איר פאַראַנטוואָרטליך,—פון דער אַנדערער; דעם פּרעזידענט, וועלכער איז אָפן פאַפיר פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער פאַרזאַמלונג, און אין דער עמעסן איז ער, פונקט ווי די פאַרזאַמלונג, סאַנקציאָנירט דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג,—אדער נאָך מער, ער פאַראייניקט אין זיך אַליין די אַלע שטימען, וועלכע זײַנען צעטיילט און הונדערטער מאָל צעברעקלט צווישן די איינצלנע מיטגליַדער פון דער פאַרזאַמלונג; דערצו נאָך האָט דער פּרעזידענט אין זײַנע הענט פאַרמאָגט די פולע אויספירונגס-מאַכט, בעשאַס ווען די פאַרזאַמלונג האָט פאַרמאָגט בלויז מאָראַלישן אויטאָריטעט. אזא מין אויסטייטשונג פונם 29 יאַנוואַר איז נישט קיין ריכטיקע. זי מישט צוזאַמען די קאַמף-ריידעס פון די פאַרלאַמענטאַרישע און קלוב-ריידנערס און די שטרײַט-אַרטיקלען אין די צײַטונגען מיטן ווירקליכן אינהאַלט פונם קאַמף. לואי באָנאַ-פּאַרט און די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זײַנען קלאָר נישט געווען קיין אָרגאַנען פון איין און דערזעלביקער קאָנסטיטוציע, איר אויספירונגס- און געזעצגעבע-רישע מאַכט. באָנאַפּאַרט—דאָס איז געווען די שוין אײַנגעאָרדנטע בורזשואַזע רעפּובליק אַליין, בעשאַס ווען די קאָנסטיטואַנטע איז בלויז געווען אַ געצײַג פאַר איר אײַנאָרדנונג. אין דער פּערזאָן פון באָנאַפּאַרטן איז די בורזשואַזע רעפּובליק אַרויסגעטראָטן קעגן די ערגײַציקע אינטריגעס און אידעאָלאָגישע פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַקציע פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געגרינדעט די רעפּובליק, און האָט איצט, צו איר פאַרוואונדערונג, אײַנ-געזען, אַז די רעפּובליק זעט אויס, ווי אַ רעסטאַוורירטע מאָנאַרכיע. אָפּגע-נאַרט אין אירע דערוואַרטונגען, האָט די דאָזיקע פראַקציע געשטרעבט איבער-גוואַלט נישט צו דערלאָזן דער שוין רײַף-געוואָרענער בורזשואַזער רעפּובליק אַרויסצובאַווײַזן איר עמעסן, נישט נאָכגעמאַכטן פּנים און אָפּשאַפן דעם גרינדונגס-פּעריאָד מיט זײַנע אייגנאַרטיקע באַדינגונגען, אילוזיעס, פראַזן און פּערסאָנאַל. פלייש פונם פלייש פון דער קאָנסטיטואַנטע איז געווען קאַוועניאַק,

וועלכער האט זיך נאך דעם אויסוואל פון באנאפארטן, צוריק אומגעקערט אין זיין מוטער-שויס. באנאפארט, פארקערט, האט אין זיין פערזאן פארקערפערט די נאך פון אים נישט אפגעפאלענע געזעצגעבערישע פארזאמלונג פון דער שוין פארטיקער בורזשואזער רעפובליק.

דעם אויסוואל פון באנאפארטן האבן פארפולקאמט די וואלן אין דער נייער נאציאנאלער פארזאמלונג. באנאפארט—דאס איז געווען בלויז א לאזונג, א נאמען; אין דער נייער פארזאמלונג האט זיך פונאנדערגעוויקלט זיין גאנצע אלזייטיקע באדייטונג. דער 10 דעקאבער האט קאסירט די מאנדאטן פון דער אלטער פארזאמלונג. אף אזא אופן האבן זיך דעם 29 יאנואר צוזאמענגעשטויסן נישט צוויי מאכטן פון איין און דערזעלביקער רעפובליק, נאר פון איין זייט, די נאציאנאלע פארזאמלונג פון דער אנטשטייענדיקער רעפובליק, און פון דער צווייטער—דער פרעזידענט פון דער שוין פארווירקליכטער רעפובליק, צוויי מאכטן, וועלכע האבן פארקערפערט צוויי גאנץ פארשיידענע פעריאדן אינם לעבנס-פראצעס פון דער רעפובליק. אין איין לאגער איז געשטאנען די קליינע פראקציע פון דער רעפובליקאנישער בורזשואזיע,—נאר זי האט געקאנט פראקלאמירן די רעפובליק, מיט דער הילף פון גאסן-קאמף און טעראר ארויסרייסן זי פון די הענט פונם פראלעטאריאט און צוגעבן דער קאנסטיטוציע איר אידעאלאגישן גייסט; אינם צווייטן—די גאנצע ראיאליסטישע מאסע פון דער בורזשואזיע,—נאר זי האט געקאנט הערשן אין דער פארווירקליכטער בורזשואזער רעפובליק, אראפווארפן פון דער קאנסטיטוציע איר אידעאלאגישן שלייער און האלטן אונטערטעניק דעם פראלעטאריאט מיט דער הילף פון איר געזעצגעבונג און פון איר אדמיניסטראציע.

דער שטורעם, וואס האט אויסגעבראכן דעם 29-טן יאנואר, איז צוגעגרייט געווארן אין משך פון א כודעש צייט. די קאנסטיטואנטע האט געמיינט, אז וואטירנדיק אומצוטרוי באררא'ס מיניסטעריום, וועט זי אים צווינגען אנצוגעבן אין דימיסיע. אלס ענטפער דערויף האט אבער באררא'ס מיניסטעריום פארגעלייגט דער קאנסטיטואנטע זיך אליין ארויסצודריקן ענדגילטיקן אומצוטרוי; עס האט איר פארגעלייגט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי זיך אליין פונאנדערלאזן, אננעמען א באשלוס וועגן איר אייגענעם זעלבסטמארד. אונטערגעהעצט פונם מיניסטעריום, האט ראטא איינער פון די סאמע אומבאוואוסטע דעפוטאטן פון דער קאנסטיטואנטע, פארגעלייגט איר דעם 6-טן יאנואר דעם דאזיקן פראיעקט. און דאס איז אין דער צייט, ווען די קאנסטיטואנטע האט שוין אין אויגוסט באשטימט זיך נישט פונאנדערצולאזן, ביז וואנען זי וועט נישט ארויסגעבן א גאנצע ריי ארגאנישע געזעצן, וואס זאלן דערפילן די קאנסטיטוציע. פולד, א אנהייינגער פונם מיניסטעריום, האט איר אן שום פניעס דערקלערט, אז פונאנדערלאזן זי איז נויטיק „כדי אויפצושטעלן דעם ערשיטערטן קרעדיט". אין טאקע געמעס, האט זי דען נישט ארונטערגעריסן דעם קרעדיט, פארציהענדיק די צייטווייליקע סיטואציע, און דער פערזאן פון באררא אנפאלנדיק אף באנאפארטן און צוזאמען מיט באנאפארטן שטעלנדיק אין קאן די קאנסטיטוירטע רעפובליק? דער אלימפיש רוהי-

קער באַרראָ האט זיך פאַרוואַנדלט אין א וואנזיניקן אָרלאַנד, ווען ער האט דערזעען, אז דער פאסטן פון ערשטן מיניסטער, וואָס איז אים אָנגעקומען מיט אַזויפיל שוועריקייט, דראט צו פארשווינדן פון זיינע הענט. ווייניק נאָך, וואס די רעפובליקאַנער האבן אים געצוואונגען צו וואַרטן אַף דעם פאסטן א גאַנצן יאָרצענדליק,—אַך, ניין—צען כאַדאָשים,—איז ער אינגאַנצן צוויי וואָכן געווען ערשטער מיניסטער,—און שוין ווידער פארלירן דעם פארגעניגן! און אָט האט באַררא אין זיין באַגיין זיך מיט אָט דער אָרעמער פארזאמלונג אין זיין טיראַנישקייט איבערגעשטיגן דעם טיראַן אַליין. זיין ווייכסטער אויסדריק איז געווען: „מיט איר איז קיין שום צוקונפט נישט מעגליך“. און ווירקליך, זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט בלויז די פארגאנגענהייט. „זי איז נישט פייהיק“,—פלעגט ער איראָניש צוגעבן,—„אַרומצורינגלען די רעפובליק מיט די אנשטאלטן, וועלכע זיינען גויטיק צוליב איר פאַרפעסטיקונג“. און בעעמעס! צוזאַמען מיט איר אויסשליסליכן אנטאגאניזם מיטן פרלעטאַריאט איז צעבראָכן געוואָרן די בורזשואַזע ענערגיע פון דער פאַרזאַמלונג, און צוזאַמען מיט איר אנטאגאניזם מיט די ראיאליסטן האט ווידער אויפגעלעבט איר רעפובליקאַנישער פאטאָס. זי איז אַף אַזאַ אויפן געווען דאפלט אומפייהיק צו פארפעסטיקן מיט די געהעריקע אַנשטאַלטן די בורזשואַזע רעפובליק, וועלכע זי האט מער נישט פארשטאנען.

איינצייטיק מיט ראַטאַ׳ס פאָרשלאַג האט דאס מיניסטעריום ארויסגערופן איבערן גאַנצן לאַנד אַ גאַנצן *שטורם פון פעטיציעס*; טאָג־טעגליך זיינען פון אַלע ווינקעלאך פון פראַנקרייך געפלויגן דער קאָנסטיטואַנטע אפן קאָפּ גאַנצע פעק פון אט די billets-doux [1], אין וועלכע מע האָט זי מער אָדער ווייניקער קאַטעגאָריש געבעטן זיך פונאַנדערלאָזן און אָנשרייבן איר צוואָע. די קאָנסטיטואַנטע פון איר זייט האט אַרויסגערופן קאָנטר־פעטיציעס, אין וועלכע מע האט פון איר געפאָדערט, זי זאָל בלייבן לעבן. דער וואַל־קאַמף צווישן נאפאלעאנען און קאוועניאַקן האט זיך באַנייט אינם קאַמף דורך פעטיציעס פאַר און קעגן פונאַנדערלאָזן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. די פעטיציעס זיינען געווען אַ צוגאַב־קאָמענטאַריום צום 10־טן דעצעמבער. די דאָזיקע אַגיטאַציע האט געדויערט אין משך פונם גאַנצן כוידעש יאַנוואַר.

אין איר קאָנפליקט מיטן פרעזידענט האָט די קאָנסטיטואַנטע זיך נישט געקאָנט שטיצן דערויף, וואָס זי איז די פאָרשטייערן פונם אַלגעמיינעם וואַלרעכט, ווייל די קעגנערס אירע האבן אַפּעלירט קעגן איר גראַד צום אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. זי האָט זיך נישט געקאָנט שטיצן—אַף קיין שום רעכטמעסיקע מאכט, ווייל געגאַנגען איז עס וועגן אַ קאַמף קעגן דער געזעצלעכער מאַכט. זי האט נישט געקאָנט אַראָפּוואַרפן דאָס מיניסטעריום מיט קיינע אומצוטרויאפשטימונגען, ווי זי האט עס געפרואווט טאָן דעם 6־טן און 26־טן יאַנוואַר, ווייל דאס מיניסטעריום האט גאר נישט געפאָדערט איר צוטרוי. געבליבן איז איר איין אויסוועג: אַן *אויפשטאַנד*. די קריגס־קראַפט פאר אן אויפשטאנד

[1] ליבע צעטעלעך.

האָבן געבילדעט: דער רעפּובליקאַנישער טייל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, די מאָבילע גוואַרדיע און צענטערן פונם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, די קלובן. די מאָבילן, די העלדן פון די יוני־טעג, האָבן אין דעצעמבער געבילדעט די אָרגאַניזירטע קריגס־קראַפט פון דער רעפּובליקאַנישער בורזשואַזיע פּונקט אַזוי, ווי ביז יוני זײַנען די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן געווען די אָרגאַניזירטע קריגס־קראַפט פונם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. פּונקט ווי די אויספיר־קאָמיסיע פון דער קאָנסטיטואַנטע האָט, באַשליסנדיק מער נישט צו פאַרלײַדן די רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגען פונם פּראָלעטאַריאַט, זיך ברוטאַל אַ וואָרף געטאָן אויף די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן, אַזוי האָט באָנאַפּאַרטס מיניסטעריום, אַנבעמענדיק דעם באַשלוס אַ סוף צו מאַכן צו די פאַר איר אומדערטרעגליכע פאָדערונגען פון די רעוואָליוציאָנערע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע, זיך אַ נעם געטאָן צו דער מאָבילער גוואַרדיע. עס האָט באַשלאָסן זי פונאַנדערצולאָזן. איין העלפט אירע איז אָפּגעזאָגט געוואָרן און אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס, די צווייטע האָט באַקומען אַ נײַע אָרגאַניזאַציע, אַ מאָנאַרכיסטישע, אַנשטאָט דער דעמאָקראַטישער, און איר געהאַלט איז פאַרקלענערט געוואָרן ביז צו דער גרויס פונם געוויינטלעכן געהאַלט פונם רעגולערן מיליטער. די מאָבילע גוואַרדיע איז געבליבן אין דער לאַגע פון די יוני־אינסורגענטן. פון דעמאָלט אָן זײַנען זיך די מאָבילן קימאַט אין יעדן צײַטונגס־נומער עפנטלעך מיסוואָדע אין ווייערע כאַטאָאים און בעטן זיך באַם פּראָלעטאַריאַט ער זאָל זיי מוחל זײַן זייער אויפפירונג אין די יוני־טעג.

און די קלובן? פון דעם אויגנבליק אָן, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז אין דער פּערזאָן פון באַררא אַנגעפאַלן אויפן פּרעזידענט, און דער פּערזאָן פונם פּרעזידענט געשטעלט אין קאָן די גאַנצע בורזשואַזע רעפּובליק ביכלאַל,—האָבן זיך ארום דער פאַרזאַמלונג אומפאַרמײַדלעך קאָנצענטרירט אַלע גרינדונגס־עלעמענטן פון דער פּעוויראַלער רעפּובליק, אַ׳ע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע רעפּובליק און איבערגוואַלט אומקערן זי צו איר פריערדיקן צושטאַנד, פּאַרוואַנדלען זי אין אַ רעפּובליק וועלכע דריקט אויס זייערע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן און פּרינציפּן. דאָס, וואָס עס איז געשען, איז אויסגעמעקט געוואָרן פונם לעבן, די קריסטאַליזירונג פון די פאַרשיידענע עלעמענטן פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג איז צעשוואומען געוואָרן, עס האָט זיך ווידער אויפגעהויבן דער קאַמף פאַר דער אומבאַשטימטער רעפּובליק פון די פּעווראַלער טעג, וואָס יעדע פּאַרטיי האָט זיי אויסגעטייטשט אויף איר שטייגער. אויף איין ווײַלע האָבן די פּאַרטייען צוריק פאַרנומען זייערע אַלטע פּעווראַלער פּאָזיציעס, נישט צעטיילנדיק פונדעסטוועגן די פּעווראַלער אילוזיעס. די דרײַפאַרביקע רעפּובליקאַנער פונם „נאַסיאָנאַל“ שטיצן זיך ווידער אויף די דעמאָקראַטישע רעפּובליקאַנער פון דער „רעפאָרם“. שטויסן זיי פאָרויס אין די ערשטע רייען פונם פּאַרלאַמענט־קאַמף. די דעמאָקראַטישע רעפּובליקאַנער שטיצן זיך ווידער אויף די סאָציאַליסטישע רעפּובליקאַנער — דעם 27־טן יאַנואַר האָט אַן אָפיציעלער מאַניפעסט געמאָלדן וועגן זייער שאָלעם און פאַראייניקונג—און גרייטן צו אין די קלובן אַ באָדן

פאַר אָן אויפשטאנד. די מיניסטאַרישע פּרעסע האט גאנץ ריכטיק איינגעזען אין די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער פון „נאַסיאָנאַל“ די טכיאַס-האַמייסים אויפגעשטאנענע יוני'ער אינסורגענטן. קדיי אײַנצוהאלטן זיך בעראש פון דער נײַער רעפּובליק, האבן זיי אין קאָן געשטעלט די גאנצע עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזער רעפּובליק גופע. דעם 26-טן יאנוואר האט דער מיניסטער פאָשע אַרײַנגעטראָגן אַ געזעץ וועגן די רעכט פון פאראיינען, וואָס זײַן ערשטער פאראַגראַף האָט געזאָגט: „די קלובן ווערן פארבאָטן“. ער האט פארגעלייגט טייקעף צוטרעטן צו באַטראַכטן דעם דאזיקן געזעץ-פּראָיעקט, אלס אַ דרינגענדיקן. די קאָנסטיטואנטע האט אָפּגעוואָרפן די פראַגע וועגן דרינגליכקײַט, אין דעם 27-טן יאנוואר האט לעדריו-ראָללען אַרײַנגעטראָגן אַ פארשלאַג, אונטערגעשריבן דורך 230 דעפּוטאטן, איבערצוגעבן דאס מיניסטעריום צום געריכט פאר אויווער זײַן אַף דער קאנסטיטוציע. איבערגעבן דאס מיניסטעריום צום געריכט אין דעם דאָזיקן מאמענט וואלט געהייסן איינס פון די ביידע: אָדער אומטאַקטיש אַרויסווײַזן די אָנמעכטיקײַט פון די ריכטער, ד. ה. פון דער מערהײַט פון דער פאַרזאמלונג, אָדער דערקלערן אַן אנמעכטיקן פּראָטעסט פונם באשולדיקער קעגן דער מערהײַט אַליין. אָט דאס איז עס דער גרויסער רעוואָליוציאנערער טרומף („קאָזער“), וועלכן די קלעגליכע באַרג-פאַרטיי האט פון דעמאלס אָן אָנגעהויבן אויסצונוצן באַ יעדן דערצידירנדיקן קריטישן מאָמענט. אָרעמע באַרג-פארטיי, וואָס פאלט אונטערן לאסט פון איר אייגענעם נאמען!

בלאַנקי, בארבעס, ראספאיל א. אנד. האבן זיך געפּרואווט דעם 15 מאַי צעטרײַבן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אַרײַנרייסנדיק זיך בעראש פונם פאריזשער פּראָלעטאַריאט אין איר זיצונג-זאל. באַררא האט פאר דער זעלביקער פאַרזאמלונג צוגעגרייט אַ מאָראלישע איבערראַשונג פונם 15-טן מאַי, האבנדיק בעדייע איר צו דיקטירן דעם דעקרעט וועגן זיך אַליין פונאנדערלאָזן און צו פאַרשליסן דעם זאַל פון אירע זיצונגען. די זעלביקע פאַרזאמלונג האט עס געהאט איבערגעגעבן באַררא'ן אָנצוהויבן אַ אויספארשונג קעגן די שולדיקע אין די מאַי-געשעהענישן; איצט, ווען באַררא שפּילט בעניגייע צו איר די ראָליע פונם ראָיאליסטישן בלאנקי, און זי זוכט זיך פרײַנט קעגן אים אין די קלובן באם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט, בא בלאנקי'ס פארטיי,—איצט שלאגט זי דער אומבערעכנאָנעסדיקער באררא אַף צו לעהאכעס אין סאמע פונקט אַרײַן מיט זײַן פארשלאג נישט איבערצוגעבן די מאַי-געפאנגענע צום געריכט פון געשווארענע, נאָר צו א ספּעציעלן העכסטן געריכט, וואָס עס האָט ערפונדן די פארטיי פון „נאסיאָנאל“ דעם «Haute Cour». מערקווירדיק, ווי די מוירע צו פארלירן דעם מיניסטאָרישן פארטפעל זאָגט אונטער באררא'ן אזעלכע קונץ-שטיק, וואָס וואלטן געפּאסט פאר באמארשען! נאָך אַ לאנגער וואקלעניש האט די נאציאָנאלע פארזאמלונג אָנגענומען זײַן פארשלאג. דערזעענדיק פאר די אויגן דעם מאַי-אטענטאט, האט זי צוריק באקומען איר נארמאלן כאראקטער.

אויב דער פּרעזידענט און די מיניסטארן האבן געשטויסן די קאָנסטיטואנטע אַפּן וועג צו אָן אויפשטאנד, האט די קאָנסטיטואנטע, פון איר זײַט, געשטויסן זיי צו א מלוכע-איבערקערעניש, ווײַל זיי האבן נישט געהאט

קײַן שום געזעצליכע מעגליכקײַט זי פונאנדערצולאזן. די קאָנסטיטואַנטע איז אָבער געװען די מוטער פון זײער קאנסטיטוציע, און די קאָנסטיטוציע—די מוטער פונם פרעזידענט. דורך אַ מלוכע־איבערקערעניש װאָלט דער פרעזידענט אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע און צוזאַמען מיט איר אויך זײַן אײגענעם רעפּובליקאַניש־רעכטליכן יעסאָד. אים איז געבליבן נאָר אײנס—אָנכאַפּן זיך פאַר זײַנע קײסערליכע רעכט, אָבער די קײסערליכע רעכט װאָלטן ארויסגערופן צום לעבן די אָרלעאַניסטישע, און זײ בײדע װאָלטן בלאָז געװאָרן פאַר די לעגיטימיסטישע. דאָס פאַלן פון דער געזעצליכער רעפּובליק װאָלט בלויז געקאָנט פאַרגיכערן דעם טריאומף פון איר קעגנזאַץ, פון דער לעגיטימיסטישער מאָנאַרכיע; די אָרלעאַניסטן זײַנען בלויז געװען אַ „סאָאיר לאַזאָזל“ פאַר די פּעװראַלער־טעג, און באַנאַפּאַרט, פון זײַן זײַט, איז בלויז געװען דער זיגער פון 10-טן דעצעמבער,—װאָס זשע האָט ער געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער רעפּובליקאַנישער אוזורפּאַציע, אויב נישט זײַנע פּונקט אַפן זעלביקן אויפן אוזורפּירטע מאָנאַרכיסטישע רעכט? די לעגיטימיסטן האָבן אָנערקענט, אַז די סיטואַציע איז פאַר זײ אַ גינציקע, זײ האָבן קאָנספּירירט אין מיטן העלן טאָג. זײ האָבן געקאָנט האָפן צו געפינען אין גענעראַל שאַנגאַרניע זײער אַ מאָנק [1]. דאָס גיכע אָנקומען פון דער װ ײַ ס ע ר מ א נ א ר כ י ע איז אין זײערע קלובן פּונקט אַזױ אָפן פּראָקלאַמירט געװאָרן, װי אין די פּראָלעטאַרישע קלובן—דאָס אָנקומען פון דער ר ױ ט ע ר ר ע פּ ו ב ל י ק.

א געלונגענע דערשטיקונג פון אַן אויפשטאַנד װאָלט באַפרײַט דאָס מיניסטעריום פון אַלע שװעריקײַטן. „געזעצליכקײַט—איז אַ טויט פאַר אונדז“, האָט אויסגערופן אָדילאָן באַראָ. אַן אויפשטאַנד װאָלט געגעבן די מעגליכקײַט פונאנדערצולאזן די קאָנסטיטואַנטע מיט אַן אויסרײד פון ראַטעװען די געזעלשאַפט, ער װאָלט געגעבן די מעגליכקײַט אויװער צו זײַן אַף דער קאָנסטיטוציע צוליב דער קאָנסטיטוציע אַלײן. באַראָ'ס גראָבע אויפפירונג אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, זײַן פאַרשלאָג צו פאַרמאַכן די קלובן, די דימיסיע פון די 50 דרײַפאַרביקע פּרעפעקטן, װאָס זײַנען פאַרבײַטן געװאָרן אַף ראָיאַליסטן, װאָס עס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רױשעם, דאָס פונאַנדער־לאָזן די מאָבילע גװאַרדיע, דאָס שלעכטע באַגײן זיך פון שאַנגאַרניע מיט אירע אָנפירערס, דאָס אומקערן די קאַטעדרע דעם פּראָפעסאָר לערמיניע, װאָס איז געװאָרן אומערטרעגליך שױן אין גיזאָ'ס צײַטן, די טאָלעראַנטע באַציאונג צו די אַרויסטרעטונגען פון די לעגיטימיסטן—דאָס אַלץ האָט געהאַט דעם צװעק אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד. די אויפשטאַנד־אַרמײ האָט זיך אָבער נישט גערירט. זי האָט געװאַרט אַף אַ סיגנאַל פון דער קאָנסטיטואַנטע, און נישט פונם מיניסטעריום.

ענדליך, איז געקומען דער 29-טער יאַנואַר, דער טאָג, אין װעלכן עס האָט געדאַרפט באַטראַכט װערן דער פאָרשלאַג פון מאַטיע (פון דראָמער דעפּאַרטאַמענט) װעגן אָפּװאַרפן אָן שום טנאָאים ראַטאָ'ס פּראָיעקט. די לעגיטימיסטן, די אָרלעאַניסטן, די באָנאַפּאַרטיסטן, די מאָבילע גװאַרדיע, די באַרג-

[1] גענעראַל מאָנק האָט אין 1660 יאָר פאַרניכטעט די ענגלישע רעפּובליק און האָט צוריק אויפגעשטעלט די סטואַרטס־דינאַסטיע.

פּאַרטיי, די קלובן—אלע האָבן קאָנספּירירט אין דעם דאָזיקן טאָג, קאָנספּירירט קעגן זייער אייגענעם קלומערשטן סוינע פּונקט אַזוי פיל, וויפל קעגן זייער קלומערשטן פריינט. באָנאַפּאַרט האָט רייטנדיק אַף אַ פערד, באַטראַכט די מיליטער-טיילן אפן אַנטאַנט-פּלאַץ. שאַנגאַרניע האָט נישט געקארגט קיין עפעקטע סטראַטעגישע מאַנעוורען. די קאָנסטיטואַנטע האָט געפונען די געביידע פון אירע זיצונגען ארומגערינגלט מיט מיליטער. דער דאָזיקער צענטער, אין וועלכן עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אַלע האָפענונגען, שרעקן, דערוואַרטונגען, אומרוהיקייט, אנשטריינגונגען, אַטענטאַטן—די דייבן-דרייסטע קאָנסטיטואַנטע האָט זיך נישט געוואַקלט קיין איין מינוט אין אט דעם פאַר איר וויכטיקן היסטאָרישן מאָמענט. זי האָט געהאַנדלט פּונקט ווי יענער סאָלדאַט, וועלכער האָט נישט נאָר מוירע געהאַט זיך צו באַנוצן מיט זיין אייגן געווער, נאָר ער האָט געפינט אַף זיך דעם כּיוו אָפּצוהיטן די גאַנצקייט אויך פון זיין סוינעס געווער. מיט פאַראַכטונג צום טויט האָט זי אונטערגעשריבן איר אייגענעם טויט-אורטייל און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אומבאַדינגטן אפּוואַרפן ראַטאָ׳ס פּראָיעקט. אריינפאַלנדיק אליין אין א באַלעגערונגס-צושטאַנד האָט זי אַ סאָף געמאַכט צו איר גרינדונגס-טעטיקייט, וואָס דער נויטווענדיקער סאָף דערפון איז געווען צו דערקלערן פאַריזש אין א באַלעגערונגס-צושטאַנד. איר נעקאָמע איז געווען צוגעפּאַסט צו איר גאַנצן וועזן: אַף מאָרגן האָט זי באַשטימט אַן אויספאָרשונג וועגן דער שרעק, וואָס דאס מיניסטעריום האָט אַף איר אנגעוואָרפן דעם 29-טן יאַנוואר. די בארג פּאַרטיי האָט ארויסגעוויזן דעם מאַנגל פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און פּאָליטישן זינען, דערלאָזנדיק די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל" אויסצונוצן זי אַלס א פאָרשטרייטער אין אָט דער גרויסער אינטריגע-קאָמעדיע. די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל" האָט געמאַכט דעם לעצטן פּרוּוו צו פאַרהאַלטן פאַר זיך אין דער איינגעאָרדנטער רעפּובליק די מאָנאָפּאָליע פון מאַכט, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט אין דעם פעריאָד, ווען די בורזשואַזע רעפּובליק איז אַנטשטאַנען. זי איז דורכגעפאַלן.

אינם יאַנוואַרער קריזיס איז די פראַגע געשטאַנען וועגן דער עקזיסטענץ פון דער קאָנסטיטואַנטע. דעם 21 מאַרט איז אין קאָן געשטאַנען די עקזיסטענץ פון דער קאָנסטיטוציע: אין ערשטן פאַל האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם פּערסאָנאַל פון דער פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל", אין צווייטן—וועגן איר אידעאַל. פאַרשטייט זיך, אז די „ריינע" רעפּובליקאַנער האָבן ביליקער פאַרקויפט זייער אונטערוואָלקנדיקע אידעאָלאָגיע, ווי דאָס ערדישע באַנוצן זיך מיט דער רעגירונגס-מאַכט.

דעם 21-טן מאַרט איז אַפן טאָג-סיידער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג געשטאַנען פאָשע׳ס געזעץ-פּראָיעקט, וואָס איז געווענדעט געווען קעגן די רעכט פון די פאַראיינען, דער פּראָיעקט וועגן פ א ר מ א כ ן  ד י  ק ל ו ב ן. דער 8-טער ארטיקל פון דער קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט אַלע פראַנצויזן דאס רעכט פון פאַראייניקונגען. פאַרבאָטן די קלובן וואָלט אלזאָ געהייסן בעפּירעשׁ אויוועך זיין אַף דער קאָנסטיטוציע, און די קאָנסטיטואַנטע אליין האט עס געזאָלט פאַרהייליקן די פאַרשוועכונג פון איר אייגן הייליקטום. די קלובן זיי-

נען אבער געווען זאמל=פונקטן פארן רעוואלוציאנערן פראָלעטאַריאַט, זייַנע קאָנספּיראַטיווע דירעס. די נאציאָנאלע פאַרזאמלונג אליין האָט פארבאטן די קאָאליציע פון ארבעטער קעגן דער בורזשואזיע. וואס זשע זייַנען דען אזוינס געווען די קלובן, אויב נישט קייַן קאאליציע פונם גאנצן ארבעטער=קלאס קעגן דער גאנצער בורזשואזיע, אויב נישט קייַן באזונדערע ארבעטער=מלוכע, געווענדעט קעגן דעם בורזשואזער מלוכע? זייַנען זיי דען אלע נישט געווען קייַן גרינדונגס=פארזאמלונגען פונם פראלעטאריאט, צום קאמף גרייטע גרופּן פון דער אויפשטאַנד=ארמיי? די קאנסטיטוציע האָט פריער פון אלץ געדארפט פארווירקליכן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע; קלאָר, הייסט עס, אז אונטערן רעכט פון פאראייניקונגען האט זי פריער פון אלץ געמיינט די פאראייניקונגען, וועלכע קאנען זיך צוזאמענלעבן מיט דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, דאס הייסט, מיט דער בורזשואזער ארדנונג. אויב זי האט צוליב טעאָרעטישער איידלקייַט זיך באנוצט מיט אן אלגעמיינעם אויסדרוק, איז דאך דערויף געווען א רעגירונג און די נאציאנאלע פארזאמלונג, אף אויסצוטייַטשן און באנוצן אים אין יעדן איינצלנעם פאל. און אויב שוין גאר אינם ערשטן, כאאָטישן פעריאָד פון דער רעפובליק זייַנען די קלובן פאקטיש געווען פארבאטן, א דאנק דעם באלאגערונגס-צושטאַנד, האט מען זיי דען נישט געקאָנט פארבייַטן אָף א געזעצליכן אופן אין אן אייַנגעארדנטער, סיידערדיקער רעפובליק? די דרייפארביקע רעפובליקאנער ווארטן קעגן אַזאַ פּראָזאאישער אויסטייַטשונג פון דער קאָנסטיטוציע געקאָנט ארויסשטעלן בלויז אַן אויפגעבלאזענע קאָנסטיטוציאנעלע פראזע. א טייל פון זיי, פאניער, דיוקלערק א. אנד. האבן געשטימט פארן מיניסטעריום און האָבן אים אף אַזאַ אופן געשאפן די מערהייַט. א צווייטער טייל, מיטן מאלאך קאווענייאַק און פאָטער פון קלויסטער מאַראַ בעראָש, זייַנען, נאָכדעם, ווי דער ארטיקל וועגן פארבאָטן די קלובן איז אנגענומען געוואָרן, אוועק צוזאַמען מיט לעדריו=ראללען׳ען און מיט דער בארגפארטיי אין דער דירע פון איינער פון די קאמיס׳עס פון קאָנסטיטואנטע און האבן זיך דארט... „געהאלטן אן אייצע". די נאציאנאלע פארזאַמלונג איז פאראליזירט געווארן, זי האָט נישט געהאט מער די געזעצליכע צאל דעפּוטאַטן, אַן וועלכער עס איז אוממעגליך געווען אנצונעמען וועלכע נישט איז באשלוסן. דאָ האָט זיך ה' קרעמיע באצייַטנס דערמאנט, אז פון דער דירע פון דער קאָמיס׳יע איז פאראן א וועג גלייַך אפן גאס ארויס, און אז איצט איז נישט פעווראַל פון 1848 יאָר, נאר מארט פון 1849 יאר. די פארטיי פון „נאציאנאל", אומגעריכט געבראכט צו אירע קלארע געדאנקען, האט זיך אומגעקערט אין זיצונג-זאל און נאך איר—די ווידער אפגענארטע בארג=פארטיי. די בארג=פארטיי האט טאָמיד געליטן פון רעוואלוציאנערע ווייען, נאר מיט דער זעלביקער באשטענדיקייַט האט זי טאָמיד געזוכט א קאנסטיטוציאנעלן אויסוועג; זי האט זיך נאָך אלץ געפילט בעסער אף איר ארט אונטער דער פלייצע פון די בורזשואזע רעפובליקאנער, איידער פאראויס פאר דעם רעוואלוציאנערן פּראלעטאריאט. אט אזוי איז עס פונאַנדערגעשפּילט געווארן די דאזיקע קאָמעדיע.

די קאָנסטיטואַנטע אַליין האָט באַשטימט, אַז אויווער זיין אַפּן טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע איז די איינציק ריכטיקע אויסטייטשונג פון איר זינען.

עס איז געבליבן צו ברענגען אין אָרדנונג נאָך איין פאַקט, די באַציהונג פון דער רעפּובליק צו דער איראָפּייאישער רעוואָלוציע, איר אויסערליכע פּאָליטיק. דעם 8-טן מאַי 1849 יאָר האָט אין דער קאָנסטיטואַנטע, וואָס האָט שוין געלעבט אירע לעצטע טעג, געהערשט אַן אויסערגעוויינליכע אויפרעגונג אַפּן טאָג-סיידער איז געשטאַנען דער אָנפאַל פון דער פראַנצויזישער אַרמיי אַף רוים, דער אָפּשטויס, וואָס זי האָט באַקומען פון די רוימער, איר פּאָליטישער שאַנד און מיליטערישע פיאַסקאָ, דער מאָרד פון אונטער אַ ווינקל, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן איבער דער רוימישער רעפּובליק דורך דער פראַנצויזישער רעפּובליק, די ערשטע איטאַליענישע קאַמפּאַניע פונם צווייטן באָנאַפּאַרט. די באַרג-פּאַרטיי האָט זיך נאָך אַמאָל באַנוצט מיט איר גרויסן „קאָזער“, לעדריו-ראָללען האָט ווידער איינגעלייגט פאַרן פּרעזידענט אַפן טיש דעם אייביקן באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דעם מיניסטעריום, אַ אַקט, וואָס איז דאַסמאָל געווענדעט געווען אויך קעגן באָנאַפּאַרטן פאַרן אויווער זיין אַף דער קאָנסטיטוציע.

די מעלאָדיע פון 8-טן מאַי כאַזערט זיך איבער שפּעטער, דעם 13-טן יוני. לאָמיר אַקוק טאָן, וואָס איז עס אַזוינס געווען אָט די רוימישע עקספּעדיציע.

קאַוועניאַק האָט אין מיטן נאָוועמבער 1848 יאָר אַוועקגעשיקט דעם קריגס-פלאָט אין טשיוויטאַ-וועקקיאַ מיט דער שליכעס צו פאַרטיידיקן דעם פּויפּסט פון דער רעוואָלוציע, נעמען אים אַפן שיף און אַריבערפירן קיין פראַנקרייך. דער פּויפּסט האָט עס געזאָלט געבן זיין בראָכע דער „ערנסטליכער רעפּובליק“ און גאַראַנטירן קאַוועניאַקן זיין אויסוואַל פאַר אַ פּרעזידענט. אין דער פּערזאָן פון פּויפּסט האָט קאַוועניאַק געוואָלט כאַפּן אַף דער ווענטקע די גאַלאָכים, צוזאַמען מיט די גאַלאָכים — די פּויערים און צוזאַמען מיט די פּויערים — די פּרעזידענטשאַפט. האַלבנדיק אַלס איר נאָענסטן צוועק די וואַל-רעקלאַמע — איז קאַוועניאַקס עקספּעדיציע איינצייטיק געווען אויך אַ פּראָטעסט און אַ האַס-ראָע קעגן דער רוימישער רעוואָלוציע. אין איר איז שוין עמבריאָנאַל געלעגן די אַריינמישונג פון פראַנקרייך לעטויוועס דעם פּויפּסט.

די אַריינמישונג פון פראַנקרייך אין פאַרבאַנד מיט עסטרייך און נעאַפּאָל לעטויוועס דעם פּויפּסט איז באַשלאָסן געוואָרן דעם 23-טן דעצעמבער אַף דער ערשטער זיצונג פון באָנאַפּאַרטס מיניסטאַרן-ראַט. פאַלו איננם מיניסטעריום — דאָס האָט געהייסן, דער פּויפּסט אין רוים, איננם פּויפּסטליכן רוים. באָנאַפּאַרט האָט זיך מער נישט גענויטיקט איננם פּויפּסט אַף צו ווערן אַ „פּויערשער פּרעזידענט“, ער האָט זיך אָבער גענויטיקט איננם פאַרהיטן די פּויפּסטליכע מאַכט, קדיי צו פאַרהיטן פאַר זיך זיינע פּויערים. זייער לייכטגלויביקייט האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּרעזידענט. צוזאַמען מיטן גלויבן וואָלטן זיי פאַרלוירן זייער לייכטגלויביקייט, און צוזאַמען מיטן פּויפּסט — זייער גלויבן. וואָס איז שאַיעך די אָרלעאַניסטן און לעגיטימיסטן, וועלכע האָבן געהערשט אין באָנאַפּאַרטס נאָמען, איז פריער, איידער אויפשטעלן דעם קעניג, האָט מען געדאַרפט אויפשטעלן די מאַכט, וואָס זאַלבט קעניגען; שוין נישט ריידנדיק וועגן זייער ראָיאַליזם, —

איז אָן דעם אלטן רוים, אָן דער וועלטליכער מאַכט פונם פויפסט נישטאָ קיין פויפסט, אָנ'ם פויפסט איז נישטאָ קיין קאטוליציזם, אָנ'ם קאטוליציזם איז נישטאָ קיין פראַנצויזישע עמונע, און אָן עמונע — וואס וואלט דען געווארן מיט דער אלטער פראנצויזישער געזעלשאַפט? די היפּאָטעק, וואס די רעליגיע גיט דעם פויער אַף וואוילטאג אין הימל, דינט פאַר אַ גאַראַנטיע פאַר דער היפּאָטעק פונם בורזשואַ אַף דער פויערישער ערד. די רוימישע רעוואָליוציע וואלט אַלזאָ געווען אַן אַטענטאַט אַפן אייגנטום, אַף דער בורזשואַזער אָרדנונג, פונקט אַזאַ שרעקליכער, ווי די יוני-רעוואָליוציע. קדיי צוריק אויפצושטעלן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אין פראנקרייך איז נויטיק געווען צו רעסטאַווירן דאס פויפסטנטום אין רוים. און, ענדליך, אין דער פּערזאָן פון די רוימישע רעוואָ ליוציאָנערן האָבן געצילט אַ מאַפּאָלע די פאַרבינדעטע פון די פראַנצויזישע רעוואָליוציאָנערן. דער פאַרבאַנד פון די קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע קלאַסן אין דער יונגער פראנצויזישער רעפּובליק האָט געפונען זיין נאַטירליכע דערגענצונג איום פאַרבאַנד צווישן דער פראַנצויזישער רעפּובליק מיטן הייליקן בונד, מיט נעאַפּאָל און עסטרייך. שוין דעם 8-טן יאַנוואַר האָט לעדריו-ראָללען געמאַכט וועגן דעם אַן אָנפראַגע דעם מיניסטעריום. דאס מיניסטעריום האָט דערקלערט, אַז עס ווייסט וועגן דעם גאָרנישט, און די פאַרזאַמלונג איז אַריבער צו די וויטערדיקע טאָג-פראַגן. האָט זי געטרויט די רייד פונם מיניסטעריום? דעם גאַנצן כוידעש יאַנוואַר האָט זי געטאָן נאָר איין זאַך—געהאַלטן אין איין אויסדריקן איר אומצוטרוי דעם מיניסטעריום. נאָר אויב דער שעקער איז אַריין אין דער ראָליע פונם מיניסטעריום, איז די ראָליע פון דער פאַרזאַמלונג געווען קלוימערשטער גלויבן אין אָט דעם שעקער, זי האָט געראַטעוועט די רעפּובליקאַנישע אַנשטענדיקייט.

פאַר דער צייט איז פּיעמאָנט צעקלאַפּט געוואָרן, קאַרל אַלבערט האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם טראָן, די עסטרייכישע אַרמיי האָט געקלאַפּט אין די טויערן פון פראַנקרייך. לעדריו-ראָללען האָט געהאַלטן אין איין אינטערפּעלירן. קדיי זיך צו באַרעכטיקן האָט דאָס מיניסטעריום דערוויזן, אַז עס האָט אין צפון-איטאַליען בלויז פאָרגעזעצט קאַוויניאַקס פּאָליטיק, וואָס ער, פון זיין זייט, האָט געפירט די פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג, דאָס הייסט, לעדריו-ראָללענ'ס. דאָס מאָל האָט עס שוין אַפילע אַרויסבאַקומען בײַ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַ וואָטום פון צוטרוי און איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאַרנע-מען אַ פּאַסיקן פונקט אין צפון-איטאַליען; דאָס האָט געזאָלט מיטהעלפן די שאָלעם-אונטערהאַנדלונגען מיט עסטרייך וועגן דער אומצעטיילבאַרקייט פון סאַרדיניען און וועגן דער רוימישער פראַגע. עס איז באַקאַנט, אַז דעם גורל פון איטאַליען באַשליסן די שלאַכטן אַף די פעלדער פון צפון-איטאַליען. דערי-בער, האָט מען געדאַרפט אויסקלייבן איינס פון די ביידע: אָדער דערלאָזן, אַז נאָך לאָמבאַרדיען און פּיעמאָנט זאָל פאַלן אויך רוים, אָדער דערקלערן מילכאָמע עסטרייך, און צוזאַמען מיט איר אויך דער איירָאָפּייאישער קאָנטער-רעוואָלוציע. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָבער געקאָנט איר אָדילאָנען; צי דען האָט זי פלוצלונג אָנגענומען באַראָ'ס מיניסטעריום פאַרן אַלטן קאָמיטעט פון געזעל-

שאַפטליכער רעטונג? אָדער זיך אַליין פאַרן קאָנווענט? צו וואָס זשע האָט מען אין אַזאַ פאַל געדאַרפט פאַרנעמען מיט פראַנצויזיש מיליטער אַ באַקוועמען פונקט אין צאָפן-איטאַליען? אונטער אָט דעם דורכזיכטיקן אויסרייד איז באַהאַלטן געווען די רוימישע עקספעדיציע.

דעם 14=טן אַפריל זײַנען 14.000 מענטשן אונטער דער אָנפירונג פון אודינאָ אָפגעשוואומען קײַן טשיוויטאַ-וועקקיאַ, דעם 16=טן אַפריל האָט די נאציאנאלע פארזאמלונג וואטירט דעם מיניסטעריום אַ קרעדיט פון 1.200.000 פראַנק, קדיי אין מעשאַך פון דרײַ כאַדאָשים צו האלטן גרייט אין די וואסערן פון מיטללענדישן יאַם די פראנצויזישע עסקאדרע. אַף אזא אויפן האָט זי אין די הענט פונם מיניסטעריום געגעבן אלע מיטלען זיך אַרײַנצומישן קעגן רוים, און אליין האָט זי געמאכט אַן אָנשטעל, פונקט ווי זי צווינגט אים ארויסצוטרעטן קעגן עסטרײַך. זי האט נישט געזען, וואָס דאָס מיניסטעריום טוט, זי האט בלויז געהערט דאס, וואס דאס מיניסטעריום האט גערעדט. אזא עמונע איז אוממעגליך געווען צו געפינען אפילע בײַם פאלק איסראעל. די קאנסטיטואנטע איז אַרײַנגעפאלן אין אזא לאגע: זי האט זיך נישט דערוועגט צו וויסן, וואס עס האט געדארפט טאן די רעפובליק, וואס זי אליין האט קאנסטיטואירט.

ענדליך, דעם 8=טן מאי איז פונאנדערגעשפילט געווארן די לעצטע סצענע פון דער קאמעדיע. די קאנסטיטואנטע האט געפאדערט פונם מיניסטעריום, אז עס זאל גלײַך אננעמען מיטלען אײַנצוהאלטן די איטאליענישע עקספעדיציע אין די גרעניצן, וואס זײַנען איר געשטעלט געווארן. באָנאַפארט האט אינם זעלביקן אוונט אפגעדרוקט אין „מאניטער" א בריוו, אין וועלכן ער האט ארויסגעזאגט די גרעסטע אנערקענונג פאר אודינאָ'ן. דעם 11-טן מאַי האט די נאציאנאלע פארזאמלונג אפגעוואָרפן דעם באשולדיקונגס=אקט קעגן באָנאפארטן און זײַנע מיניסטאָרן. און די בארג=פארטיי האָט אנשטאָט צו צערײַסן די נעץ פון שעקער, געמאכט א טראגעדיע פון אט דער פארלאמענטארישער קאמעדיע, ווילנדיק אויך דאָ שפילן די ראָליע פון פוקיע-טענווילל, נאָר אונטער דער לייבן=פעל פונם קאנווענט ווייזט זי אַרויס איר אייגענע קליינבירגערליכע שעפסענע פעל.

די לעצטע העלפט פונם לעבן פון דער קאָנסטיטואַנטע באַשטייט אָט אין וואָס: דעם 29-טן יאַנוואַר איז זי מאַסקים דערמיט, אַז די ראָיאַליסטישע פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע זײַנען די נאַטירליכע באַלעבאַטים אין דער רעפובליק, וועלכע זי האָט אײַנגעאָרדענט, דעם 21=טן מאַרט — דערמיט, אז אויווער זײַן אַף דער קאָנסטיטוציע הייסט פאַרווירקליכן זי, דעם 11=טן מאַי — דערמיט, אַז דער פאַסיווער פאַרבאַנד פון דער רעפובליק מיט די אייראָפייאישע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר זייער באַפרײַאונג, וואָס איז פראָקלאַמירט אין דער רעוואָליוציאָנער=היציקער צײַט, באַטײַט אַן אַקטיוון פאַרבאַנד מיט דער אייראָפייאישער קאָנטער=רעוואָליוציע.

אײדער זי איז אַראָפ פון דער אַרענע, האָט זיך אָט די נעבעכדיקע פאַרזאַמלונג פאַרשאַפט דעם פאַרגעניגן, וואָס נאָך צוויי טעג פאַר איר יאָרצײַט, דעם 4=טן מאַי, האָט זי אָפגעוואָרפן דעם פראָיעקט פון אַן אַמניסטיע פאַר די יוניער

אינסורגענטן. פאַרלירנדיק איר גאַנצע מאַכט, זייַענדיק שטערבליך פאַרהאַסט פונם פאָלק, זייַענדיק געצוואונגען אין דער צווייטער העלפט פון איר עקזיסטענץ אָפּצוזאָגן זיך פון דער ערשטער, אָן אירע רעפּובליקאַנישע אילוזיעס, אָן גרויסע מייסים אין דער פאַרגאַנגענהייַט, אָן האָפענונגען אין דער צוקונפט, פוילנדיק לעבעדיקערהייד, האָט די קאָנסטיטואַנטע געקאָנט בלויז האַלוואַניזירען איר אייגענעם גוף, טאָמיד אַרויסרופנדיק פאַר זיך דעם שאָטן פון דעם יוני-ניצאָכן, ווידער איבערלעבנדיק און האַנאָע קרייַבנדיק פון אים, ווידער פאַר-מישפּעטנדיק די שוין-פאַרמישפּעטע און איבערצייַגנדיק זיך אַף אַזאַ אויפן אין איר עקזיסטענץ. א וואַמפּיר, וואָס האָט געלעבט מיטן בלוט פון די יוני'ער אינסורגענטן!

זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם פריערדיקן מלוכע-דעפיציט, פאַרגרעסערט דורך די הוצאָעס פון די יוני-טעג, דורך דער אָפּשאַפונג פונם זאַלץ-שטייער, דורך די באַלוינונגען, וועלכע די פלאַנטאַטאָרן האָבן באַקומען פאַרן אָפּשאַפן די נעגערן-שקלאַפעריַי, דורך די הוצאָעס אַף דער רוימישער עקספּעדיציע, ענד-יך, דורכן אָפּשאַפן דעם אָפּצאָל פון וויַין. דעם דאָזיקן אָפּצאָל האָט די קאָנסטיטואַנטע אָפּגעשאַפט פאַרן סאַמע סאָף אירן, ווי אַ בייזער זאָקן, וועלכן עס פאַרשאַפט פאַרגעניגן אָנצוב'נדן זייַן גליקלי'כן יורעש אַ קאָמפּראָמעטירנדיקן ערן-כוויו.

אין די ערשטע טעג פון מאַרט כוידעש האָט זיך אָנגעהויבן די וואַל קאַמפּאַניע אין דער געזעצגעבערישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. געקעמפט צווישן זיך האָבן הויפּטזעכליך די אָרדנונגס-פאַרטיי און די דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישע אָדער די רויטע פאַרטיי: צווישן זיי זייַנען געשטאַנען די „קאָנסטיטוציאָנס-פרייַנט"—אונטער דער דאָזיקער פאָן האָבן זיך די דרייַפאַרביקע רעפּובליקאַנער פון „נאַציאָנאַל" געפרואווט פאַר-שטעלן זיך פאַר אַן אייגענער פאַרטיי. די אָרדנונגס-פאַרטיי האָט זיך אויסגעבילדעט באַלד נאָך די יוני-טעג. אָבער ערשט נאָכן 10-טן דעקאַבער, ווען זי האָט זיך באַפרייַט פון די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער, פון דער קליקע פון „נאַציאָנאַל", איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער סאָד פון איר עקזיסטענץ: אַ קאָאַליציע פון אָרלעאַניסטן און לעגיטימיסטן. דער בורזשואַזער קלאַס איז צעפאַלן געווען אַף צוויי גרויסע פראַקציעס, וועלכע האָבן קעסיידער איינע נאָך דער אַנדערער, געהאַלטן אין זייערע הענט די מאָנאָפּאָליע פון דער מאַכט: דער גרויסער ערדבאַזיץ — בעשאַס דער רעסטאַוראַציע, און די פינאַנסיעלע אַריסטאָקראַטיע און אינדוסטריעלע בורזשואַזיע אין דער צייַט פון דער יולי-מאָנאַרכיע. דער קעניגליכער הערב פון די בורבאָנען איז געווען דער דעוויז פאַר דער פרעוואַלירונג פון די אינטערעסן פון איין פראַקציע, אָרלעאַן איז געווען דער קעניגליכער דעוויז פאַר דער פרעוואַלירונג פון די אינטערעסן פון דער צווייטער פראַקציע — ב'ויז אין דער אַנאָנימער מלוכע פון דער רעפּובליק האָבן ביידע פראַקציעס געמיינזאַם געקאָנט פאַרפאָלגען זייערע קלאַסן-אינטערעסן, נישט אויפהערנדיק אין דער זעלביקער צייט צו קאָנקורירן איינע מיט דער

אַנדערער. די בורזשואַזע רעפּובליק האָט ניט געקאָנט זיין עטוואָס אַנדערש, ווי אַ ריינע, פאַרענדיקטע פאָרמול פון דער הערשאַפט פונם גאַנצן בורזשואַזן קלאַס, אנדערש געזאָגט, זי איז געוועזן די מלוכה פון די אָרלעאַניסטן, פאַראייניקט מיט די לעגיטימיסטן, און פון די לעגיטימיסטן, פאַראייניקט מיט די אָרלעאַניסטן, זי איז געוועזן דער סינטעז פון דער רעסטאַוראַציע און פון דער יולי-מאָנאַרכיע. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער פון „נאַסיאָנאַל“ זיינען גלאַט נישט געוועזן קיין ברייטע פראַקציע פון זייער קלאַס, וואָס זאָל זיך באַזירן אַף אַן עקאָנאָמישן יעסאָד. זיי האָבן אָבער אָפּגעשפּילט זייער ראָליע אין דער געשיכטע; בעשאַס דער יולי-מאָנאַרכיע האָבן זיי אַלס קעגנזאַץ צוביידע בורזשואַזע פראַקציעס, וועלכע האָבן געקאָנט בלויז זייער אייגענעם באַזונדערן רעזשים, — אָנגעשריבען אַף זייער פאָן דעם אַלגע-מיינעם רעזשים פונם בורזשואַזן קלאַס, די אַנאָנימע מלוכה פון דער רעפּובליק, אידעאַליזירנדיק זי און באַפּוצנדיק זי מיט אַלטערטימליכע באַצירונגען. און פריער פון אַלץ האָבן זיי אין איר באַגריסט, פאַרשטייט זיך, די הערשאַפט פון זייער קליקע. די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל“ איז צעטומעלט געוואָרן, ווען בעראָש פון איר רעפּובליק האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן די פאַראייניקטע ראָיאַליסטן, — אָבער אויך די לעצטע האָבן זיך טויע געוועזן אינם פאַקט פון זייער געמיינזאַמער הערשאַפט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז אויב יעדע פון זייערע פראַקציעס, באַזונדער גענומען, איז געוועזן ראָיאַליסטיש, מוז דער פּראָדוקט פון זייער כעמישער פאַראייניקונג אומבאַדינגט זיין אַ רעפּובליקאַנישער: זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז די ווייסע און העל-בלויע מאָנאַרכיע מוזן נייטראַליזירט ווערן מיט דער דרייפאַרביקער רעפּובליק. דער אַנטאַגאָניזם מיטן רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און מיט די איבערגאַנגסקלאַסן, וועלכע זיינען נויטע צו אים, האָט פאַראייניקט די פאַרשיידענע פראַקציעס פון דער אָרדנונגס-פּאַרטיי אין איין גאַנצעס צוליבן געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע; יעדע פון זיי האָט געוואָרפן אַנטקעגנווירקן דער אַנדערער אין אירע רעסטאַוראַציאָנס-כאַלוימעס, ווייל צוזאַמענלעבן זיך האָבן זיי געקאָנט בלויז אין דער רעפּובליק. אַף אַזאַ אויפן זעען מיר, אַז אין די ערשטע צייטן פון דער רעפּובליק גלויבן נאָך די ראָיאַליסטן אין דער באַלדיקער רעסטאַוראַציע, דערנאָך הויבן זיי אָן מיט שוים אַף די ליפּן צו פאַרטיידיקן די רעפּובליק, זיינען שעלטנדיק זיך ענדליך מודה, אַז צוזאַמענלעבן זיך קאָנען זיי נאָר אין דער רעפּובליק, און זיי לייגן אָפּ די רעסטאַוראַציע אַף אַן אומבאַשטימטער צייט. די געמיינזאַמע הערשאַפט האָט פאַרשטאַרקט יעדע פון די ביידע פראַקציעס און געמאַכט זיי פאַר נאָך ווייניקער נויטע אונטערצוּוואַרפן זיך איינע דער אַנדערער, דאָס הייסט מאַסקים זיין אַף דער רעסטאַווירונג פון דער מאָנאַרכיע.

די אָרדנונגס-פּאַרטיי האָט אין איר וואַל-פּראָגראַם אָפּן פּראָקלאַמירט די הערשאַפט פונם בורזשואַזן קלאַס, דאָס פאַרהיטן די לעבנס-באַדינגונגען פאַר זיין הערשאַפט: אייגנטום, פאַמיליע, רעליגיע, אָרדנונג! פאַרשטייט זיך, אויב מע זאָל איר גלויבן, האָט די הערשאַפט פון דער בורזשו-

אזיע און די טנאָאים פון דער דאָזיקער הערשאפט באַטײַט די הערשאפט פון דער ציוויליזאציע און דאָס זײַנען ביז געװען די נויטיקע טנאָאים פאר דער רעפּראָדוקציע פון די מאטעריעלע װאוילשטאנד-מיטלען און פאר די געזעלשאפטליכע פאַרהעלטענישן, װאָס שטאמען דערפון ארויס. די ארדנונגס-פארטײַ האט פארמאגט אומגעהײַערע געלט-מיטלען, זי האט ארגאניזירט איבער גאנץ פראנקרײַך אירע אפטײלונגען, זי האט ארויסגעהאלטן אף געהאלט אלע אידעאלאגען פון דער אלטער ארדנונג, האט זיך באנוצט מיט דער גאנצער װירקונג פון דער עקזיסטירנדער אדמיניסטראציע און האט ענדלעך געהאט אן אומזיסט װאסאלן-כאאיל אין דער גאנצער מאסע שטאט-בירגער און פויערים, װעלכע זײַנען נאך פארבליבן פון דער װײַטענס פון דער רעװאליוציאנערער באװעגונג און האבן אין די אריסטאקראטישע פארשטייערס פונם אייגנטום געזען די נאטירליכע פארשטייערס פון זייער אייגנטום און פון זײַנע קליינליכע פאראורטיילן.
די ארדנונגס-פארטײַ האט אין איר רעשוס געהאט אן א צאל קלײנינקע מלאכים-לאך, צעשאטן איבערן גאנצן לאנד. זיי זײַנען אימשטאנד געװען שטרייוג צו באשטראפן דאס לאנד פאר נישט אננעמען אירע קאנדידאטן, האבן געקאנט אפזאגן אלע װידערשפעניקע ארבעטער, ארויסטרײַבן די נישט געהארכזאמע באטראקעס, דינערשאפט, אנגעשטעלטע, אײַזנבאן-באאמטע, שרײַבערס, אלע אנגעשטעלטע, װאס זײַנען זיי אונטערגעװארפן געװען אינם בירגערליכן לעבן. ערטערװײַס, ענדליך, האט די פארטײַ זיך געניצט באנוצן מיט דער באבע-מײַסע, אז די קאנסטיטואנטע האט קאַמערשט געשטערט באנאפּארטן ארויס-צוװײַזן דעם 10-טן דעקאבער זײַנע װאונדערשאפנדיקע קויכעס. רײדנדיק װעגן דער ארדנונגס-פארטײַ, האבן מיר נישט דערמאנט װעגן די באנאפּארטיסטן. זיי זײַנען נישט געװען קײַן ערנסטע פראקציע אינם בורזשואזן קלאס. — דאס איז געװען א געמיש פון אלטע, אבערגלויבערישע אינװאלידן און יונגע, אומגלויביקע אװאנטיוריסטן. — די ארדנונגס-פארטײַ האט געזיגט אף די װאלן און האט געשיקט א געװאלטיקע מערהײַט אין דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג.

פאָנים צו פאָנים מיט דער קאָאַליציע פון דער קאָנטער-רעװאלוציאנערער בורזשואזיע, האָבן אלע שוין רעװאלוציאניזירטע עלעמענטן פון דער קלײנבורזשואזיע און פויערטום נאטירליך זיך געמוזט פאראייניקן מיטן הויפּט-טרעגער פון רעװאלוציאָנערע אידייען, מיטן רעװאלוציאנערן פראלעטאַריאַט. מיר האבן געזען, װי די פּאַרלאַמענט-מאַפּאָלעס האבן געשטויסן די דעמאקראטישע פארשטײערס פון דער קלײנבורזשואזיע אין פארלאמענט, ד. ה. די באַרג-פארטײַ, צו א בונד מיט די סאָציאליסטישע פירערס פונם פראלעטאריאט, װי ארויסערן פארלאמענט האט דאס אפּװאַרפן די concordats à l'ámiable, דאס מעגושעמע פארטיידיקן די בורזשואזע אינטערעסן און דער באנקראט האבן געשטויסן די קלײנבורזשואזיע אין די רייען פון די פראלעטאריער. דעם 27-טן יאנואר האבן די באַרג-פארטײַ און די סאציאליסטן געפײַערט זייער שאָלעם, אפן גרויסן פעװראל-באנקעט אין 1849 יאר האבן זיי נאך דורכגעפירט א פאראייניקונגס-אקט. די סאציאלע און דעמאקראטישע פארטייען, די פארטײַ פונם ארבעטער קלאס

און די פארטיי פון די קליינבירגער, האבן זיך פאראייניקט אין דער **סאציאל־דעמאקראטישער פאַרטיי**, דאס הייסט, אין א **רויטער פארטיי**.

אף איין אויגנבליק פאראליזירט דורך דער אַגאניע, וואס איז געקומען נאך די יוני־טעג, לעבט איבער די פראנצויזישע רעפובליק פון 14־טן אקטיאבר אן, ד. ה. פון זינט עס איז אַראפגענומען געוואָרן דער באלאגערונגס־צושטאנד, אן אומאויפהערליכע ריי פון פיבערהאפטיקע אויפרעגונגען. ערשטנס, דער קאמף פארן פרעזידענטן־שטול, דערנאך דער קאמף צווישן דעם פרעזידענט מיט דער קאנסטיטואנטע; דער קאמף צוליב די קלובן, דער בורזשער פראָצעס, אין וועלכן עס זיינען זייט בא זייט מיט די קליינליכע פיגורן פונם פרעזידענט, פון די ראָיאַליסטן און סאַלאָן־רעפובליקאנער, פון דער בארג־פארטיי און די סאָציא־ליסטישע דאָקטרינערן פונם פראָלעטאריאט — זיינען די עכטע רעוואלוציאנערן ארויסגעטראטן ווי פאר־היסטארישע העלדן, ווי די רעשטן פונם סאָציאלן מאבל ארער ווי זיינע אנזאגערס; די וואל־אגיטאציע, די קעמפונג פון ברייס מערדער, די אומאויפהערליכע פראצעסן איבער פרעסע־איניאנים; די פאליצייאישע גוואלט־אריינמישונגען פון דער רעגירונג אין די באנקעטן, די פרעכע פראוואָקאציעס פון די ראָיאליסטן, די פארטרעטן פון לואי־בלאַן און קאסידיער ביים שאנד־סלופ; דער אומערמידליכער קאמף צווישן דער גרינדונגס־פארזאמלונג און דער רעפובליק, וואס זי האָט אליין געגרינדעט א קאמף, וואָס האָט יעדעס מאָל געבראכט די רעוואָלוציע צוריק צו איר אויסגאנגס־פונקט, האָט יעדעס מאָל פארוואנדלט דעם זיגער אין א באזיגטן און דעם באזיגטן אין א זיגער, האָט אין איין אויגנבליק פארשטיינערט די לאַגע פון פארטייען און קלאַסן, זייערע שפאלטונגען און פאראייניקונגען; דער שנעלער גאנג פון דער אייראָפייאישער קאָנטער־רעוואָלוציע; דער וואונדערבארער קאמף פון די אונגארן, די דייטשישע אויפשטאַנדן, די רוימישע עקספעדיציע, די שענדליכע לאגע פון דער פראנצוי־זישער ארמיי באַ די טויערן פון רוים — אָט אין דעם שטורמישן קעסל־גרוב פון דער רעוואָלוציע, אָט אין די ליידן פון היסטאָרישער אויפרעגונג, אט אין דעם דראמאטישן צופלוס און אפגוס פון רעוואָלוציאנערע ליידנשאפטן, האפענונגען און אנטוישונגען האָבן פארשיידענע קלאסן פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט אין מעשאך פון וואָכן איבערגעלעבט גאנצע אנטוויקלונגס־עטאפן, וועלכע האָבן פריער געדויערט האלבע יאָר־הונדערטער. א באַדייטנדער טייל פון די פויערים און פראָווינצן זיינען רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן. זיי האָבן זיך אנטוישט אין נאפּאָלעאָנען; די פארטיי פון די רויטע האָט זיי געגעבן נישט נאר א נאָמען, נאָר אויך אן אינהאַלט, נישט נאָר א מיטישע באפרייאונג פון שטייערן, נאר דעם צוריקקער פון דעם מיליארד, וואס איז איינגעצאָלט געוואָרן די לעגיטימיסטן, די איינאָרדנונג פון די היפאָטעקן און די ליקווידירונג פון די וואָכערניקעס.

די אַרמיי גופא איז אנגעשטעקט געוואָרן מיטן רעוואָלוציאָנערן פיבער. אין דער פערזאָן פון באָנאפּארטן האט זי געשטימט פאר א ניצאָכן, און גע־בראכט האָט ער איר א מאפּאָלע. זי האָט געשטימט פארן קליינעם קאפראל[1],

---

1) אזוי האָט מען אין דער ארמיי גערופן נאפאלעאָן דעם 1־טן.

אונטער וועלכן עס איז באהאַלטן געווען דער גרויסער ארמייען-פיבער פון דער רעוואָלוציע, און געגעבן האָט ער איר די זעלביקע אנגעבלאָזענע גענעראַלן, אונטער וועלכע עס זײַנען באהאלטן געווען די בייזסטע קאפראַלן. עס איז קיין סאָפעק נישט, אז די רויטע פארטיי, דאס הייסט, די פאראייניקטע דעמאָקראַטישע פארטיי, האָט זיך געדארפט דערשלאגן אויב ניט צו קיין ניצאָכן, איז אלנפאלס צו גרויסע ערפאָלגן: פאַריזש, די ארמיי, דער גרעסטער טייל פון די פראָווינצן זײַנען געווען אָף איר זײַט. לעדריו-ראללען, דער אנפירער פון דער בארג-פאַרטיי, איז אויסגעקליבן געוואָרן אין פינף דעפארטאמענטן; קיין איין פירער פון דער ארדנונגס-פארטיי האָט נישט באַקומען אזוי פיל לארבערן, קיין איין טוער פון צווישן די רייען פון דער אייגנטליכער ארבעטער-פאַרטיי פון דער אנדערער זײַט, איז די בארג-פארטיי, אט דער פארלאמענטאַרישער אַוואַנגאַרד פונם דעמאקראַטישן קלײנבירגערטום, געצוואונגען געווען זיך צו פאראייניקן מיט די סאציאליסטישע דאקטרינערן פון פראָלעטאַריאַט; און דער פראלעטאַריאַט האט, נאכדעם ווי ער האט אין יוני געליטן א מאַטעריעלע מאַפּלע, געזיכט א שטיצע אין די מאָראַלישע ניצכוינעס—ער איז נאך נישט פייִק געווען צו רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור, די איבעריקע קלאסן זײַנען נאָך נישט אינגאנצן אנטוויקלט געווען דערצו. דערפאר האט ער זיך געמוזט וואַרפן אין די ארעמס פון די דאקטרינערן פון זײַן באַפרײַאונג, די גרינדערס פון סאציאַליסטישע סעקטעס. פון דער אנדערער זײַט, האבן זיך די רעוואליוציאנערע פויערים, די ארמיי, די פראווינצן געשטעלט אף דער זײַט פון דער באַרג-פאַרטיי. צו איר איז אלזא אַריבער די אנפירונג איבער די פאראייניקטע רעוואליוציאנערע קויכעס נאכדעם, ווי איר בונד מיט די סאציאַליסטן האט באזײַטיקט יעדווידער שפּאַלטונג אינעם רעוואליוציאנערן לאַגער. אין דער לעצטער העלפט פון דער עקזיסטענץ פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט די באַרג-פארטיי הויך געהאַלטן איר רעפובליקאנישע פאָן און געצוואונגען צו פארגעסן אירע כאַטאָאים פאַר דער צײַט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, אויספיר-קאָמיסיע און פון די יוני-טעג. בעשאס ווען די פאַרטיי פון „נאַסיאנאַל“ האט, ווי טאמיד,—נישט פלײשיק, נישט מילכיק—געטאנצט אונטערן פײַפל פונם ראיאַליסטישן מיניסטעריום, איז די בארג-פאַרטיי, וואס איז באַזײַטיקט געווען פון דער אַרענע בעשאַס דער אַלמעכטיקער הערשאַפט פון דער פאַרטיי פון „נאַסיאנאַל“, איצט ארויסגעטראטן אפן פאדערגרונט, געווארן די איינציקע פאָרשטייערן פון דער רעוואליוציע אינם פאַרלאַמענט. און ווירקליך, די פארטיי פון „נאַסיאנאַל“ האט גארנישט נישט געהאַט קעגן די איבעריקע ראיאַליסטישע פראַקציעס, אַכוץ דער באַליידיקטער ערן-ליבע און אידעאלאגישע פראַזן. די באַרג-פאַרטיי, פאַרקערט, האט פארגעשטעלט די מאַסע פון דער נאַציע, וועלכע שטייט צווישן דער בורזשואזיע און פראלעטאַריאַט, די מאַסע, פאַר וועלכער די דעמאקראַטישע אנשטאַלטן זײַנען געווען אַ מאַטעריעלע באַדערפעניש. זײַט באַ זײַט מיט די קאוועניאַקס און מארראַ'ס זײַנען לעדריו-ראללען און די באַרג-פאַרטיי ווירקליך געשטאַנען אַף אַ רעוואליוציאנערן באָדן, און דער באַוואוסטזײַן פון אט דער וויכטיקער ראליע האט זיי אף אזויפיל צוגעגעבן אלץ מער

ד ייסטקייט. אַף וויפיל זיי האבן זיך אינם ארויסווייזן זייער רעוואָליוציאָנערע ענערגיע באגרעניצט מיט פאַולאַמענטאַרישע שפּיצלאך, מיט צוזאַמענשטעלן באַשילדיקונגס־אַקטן, דראָהונגען, הויבן די שטים, דונערנדיקע ריידעס און עקסטרעמיטעטן, וואס זיינען נישט געגאַנגען ווייטער פון פראַזן. די פויערים האבן זיך געפונען בעעראַך אינם זעלביקן צושטאַנד, ווי די קליינבירגער, זייערע סאציאַלע פאדערונגען זיינען בעעראַך געווען איינע און די זעלביקע. דעריבער האבן אַלע מיטעלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אַף וויפיל זיי זיינען פאַרכאַפּט געווארן דורכן שטראָם פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, געמוזט זעען אין לעדריו־ראָללענען זייער העלד. לעדריו־ראָללען איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער דעמאָקראַטישער קליינבורזשואַזיע. אינם קאַמף מיט דער ארדנונגס־פּאַרטיי האבן געמוזט אַרויפשווימען אין דער הויך פריער פון אַלץ די האַלב־קאָנסערוואַטיווע, האַלב־רעוואָליוציאָנערע און אינגאַנצן אוטאָפּישע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם מין.

די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל“, די „קאָנסטיטוציאָנס־פריינט quand même“ (אום וואָס פאַר א פרייז עס זאָל נישט זיין), די républicains purs et simples (ריינע און פּאָשעטע רעפּובליקאַנער) זיינען אינגאַנצן צעקלאַפּט געוואָרן אין די וואלן. א נישטיקע מינדערהייט זייערע איז אַריינגעפאלן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג; זייערע באַרימטעסטע פירער זיינען פארשוואונדן געוואָרן פון דער טריבונע, אַפילע מאַראַ דער רעדאַקטאָר en chef (הויפּט־רעדאַקטאָר) און אַרפעאוס פון דער „ריינער רעפּובליק“.

דעם 29־טן מאי האט זיך צוזאמענגעקליבן די לעגיסלאַטיווע (געזעצגעבערישע פארזאמלונג), דעם 11־טן יוני האָט זיך באַנייט דער צוזאַמענשטויס פון 8־טן מאי. לעדריו־ראללען האט אין נאמען פון דער בארג־פּארטיי צוגעשטעלט אַ באשולדיקונגס־אקט קעגן דעם פרעזידענט און קעגן דעם מיניסטעריום, וועלכע זיינען באשולדיקט געוואָרן אין אויפער זיין אַף דער קאָנסטיטוציע, אין באָמבארדירן רוים. דעם 12־טן יוני האט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג אָפּגעווארפן דעם דאזיקן באַשולדיקונגס־אקט, פונקט ווי עס האָט אים אָפּגעווארפן די גרינדונגס־פארזאמלונג דעם 11־טן מאי, אָבער דאס מאל האָט דער פּראָלעטאריאט ארויסגעטריבן די בארג־פּארטיי אפן גאס—עמעס, נישט צוליב קיין גאסן־קאמף, נאר צוליב א גאסן־פּראצעסיע. גענוג איז צו זאָגן, אז די באַרג־פּארטיי איז געשטאנען בעראש פון דער דאָזיקער באוועגונג אום צו וויסן, אז די באוועגונג איז דערשטיקט געוואָרן און אז דער יוני־כוידעש פון 1849 יאר איז געווען פונקט אַזאַ לעכער׳יכער, ווי א נישט פּאַסיקע קאריקאטור אפן יוני־כוידעש פון 1848 יאר. דעם גרויסן אָפּטריט פון 13־טן יוני האט בלויז עפּשער פארטונקלט דער נאך גרעסערער באריכט וועגן דער שלאכט גופע, וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך שאַנגארניע׳ן, וועמען די אָרדנונגס־פּארטיי האט געמאכט פאר א גרויסן מענטשן. יעדע געזעלשאפטליכע עפּאכע נויטיקט זיך אין גרויסע מענטשן, און אויב אזוינע זיינען נישטאָ, ערפינדעט זי זיי—ווי עס זאָגט העלוועלציוס.

דעם 25-טן דעקאבער האט עקזיסטירט בלויז איין העלפט פון דער פארקערפערטער בורזשואזער רעפובליק, דער פרעזידענט; דעם 29-טן מאי איז דערצו צוגעקומען די צווייטע העלפט, די געזעצגעבערישע פארזאמלונג — אין יוני 1848 יאר האט די בורזשואזע רעפובליק, וואס האט אנגעהויבן פארקערפערט צו ווערן, אריינגעטראגן איר נאמען אינם מעטריקעס-בוך פון דער געשיכטע דורך אן אומדערהערטער שלאכט קעגן דעם פראלעטאריאט; אין יוני 1849 יאר האט זיך די שוין פארקערפערטע בורזשואזע רעפובליק ארויסבאוויזן דורך אן אומדערהערטער קאמעדיע, וואס איז פונאנדערגעשפילט געווארן מיט דער קליינבורזשואזיע. דער כוידעש יוני פון 1849 יאר האט נעקאמע גענומען פארן כוידעש יוני פון 1848 יאר. אין יוני פון 1849 יאר זיינען באזיגט געווארן נישט די ארבעטער, נאר די קליינבירגער, וועלכע זיינען געשטאנען צווישן זיי און דער רעוואלוציע. דער יוני-כוידעש פון 1849 יאר איז געווען נישט קיין בלוטיקע טראגעדיע, וואס האט זיך פונאנדערגעשפילט צווישן קאפיטאל און ארבעט, נאר א קלאגעדיקע, מיט טורמע-פאלגן, פארשטעלונג, וואס איז פונאנדערגעשפילט געווארן דורכן באלכויוו און קרעדיטאר. די ארדנונגס-פארטיי האט געזיגט, זי איז געווען אלמעכטיק — זי האט זיך איצט געמוזט באווייזן אין איר גאנצן גרויס.

---

III.

# פון 13-טן יוני 1849 ביזן 10-טן מארט 1850 י.

(פונם 3-טן נומער).

דעם 20-טן דעקאבער האט דער רעפובליקאנישער יאנוס באוויזן נאר איין פנים זיינעם, דעם אויספיר-פנים, מיט די צעשוואומענע פלאכע שטריכן פון לואי-באנאפארטן. דעם 29-טן מאי באווייזט ער דעם צווייטן פנים זיינעם, דעם געזעצגעבערישן, באדעקט מיט שראמען, וואס זיינען פארבליבן נאך די ארגיעס פון דער רעסטאווראציע און פון דער יולי-מאנארכיע. די געזעצגעבערישע נאציאנאלע פארזאמלונג האט באקרוינט דעם בינין פון דער קאנסטיטוציאנעלער רעפובליק, ד. ה. פון דער רעפובליקאנישער רעגירונגס-ארדנונג, אין וועלכער עס האט געפונען איר אויסדרוק די הערשאפט פונם בורזשואזן קלאס, דאס הייסט, די געמיינזאמע הערשאפט פון ביידע גרויסע רויאליסטישע פראקציעס, אף וועלכע עס צעפאלט זיך די פראנצויזישע בורזשואזיע, די לעגיטימיסטן און ארלעאניסטן, — די הערשאפט פון דער ארדנונגס-פארטיי. אין דער צייט, ווען די פראנצויזישע רעפובליק איז אריינגעפאלן אין די הענט פון דער קאאליציע פון די רויאליסטישע פארטייען, ווען זי איז געווארן זייער מאנאפאלער פארמעגן, האט די אייראפייאישע קאאליציע פון קאנטער-רעוואלוציאנערע מלוכעס אונטערגענומען אן אלגעמיינעם קרייץ-צוג קעגן די לעצטע באהעלטענישן פון די מארט-רעוואלוציעס. רוסלאנד האט זיך אריינגעריסן אין אונגארן, דאס פרייסישע מיליטער איז ארויסגעטראטן קעגן די אנהייגערס פון דער רייכס-קאנסטיטוציע, און

אודינאָ האט באָמבאדירט רוים. דער אייראָפּייאישער קריזיס האט זיך, ווייַזט
אויס, דערנעענטערט צום באשליסנדיקן ווענדפּונקט, די בליקן פון גאנץ אייראפּע
זייַנען געווענדעט געווען אַף פּאריזש, און די בליקן פון גאנץ פּאריזש אַף דער
געזעצגעבערישער פּארזאמלונג.

דעם 11-טן יוני איז לעדריו-ראָללען ארויף אַף איר טריבונע. ער האָט
נישט געהאלטן קייַן רעדע, ער האָט בלויז פאָרמולירט די באשולדיקונג קעגן
די מיניסטארן, א הוילע, נישט קייַן באפּוצטע, קאנדענסירטע, מעכטיקע בא-
שולדיקונג.

דער אנפאל אף רוים איז אן אָנפאל אף דער קאָנסטיטוציע, דער אָנפאל
אף דער רוימישער רעפּובליק איז אן אָנפאל אף דער פראנצויזישער רע-
פּובליק. דער 5-טער ארטיקל פון דער קאָנסטיטוציע זאָגט: „די פראנצויזישע
רעפּובליק וועט קיינמאָל נישט באנוצן אירע מיליטערישע קויכעס קעגן דער
פרייַהייַט פון א וועלכן נישט איז פאלק", און דאָ שיקט דער פּרעזידענט דאָס
פראנצויזישע מיליטער קעגן דער רוימישער פרייַהייַט. דער 4-טער ארטיקל פון
דער קאָנסטיטוציע פארווערט דער אויספיר-מאכט צו דערקלערן מילכאמע אָן
דעם העסקעם פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג. די באשטימונג פון דער
גרינדונגס-פארזאמלונג פון 8-טן מאי באפעלט קאטעגאָריש די מיניסטארן ווי
ווייַט מעגליך גיכער אומצוקערן די רוימישע עקספּעדיציע צו איר אלערערשטער
ציל, זי פארווערט אלזא נישט ווייניקער קאטעגאָריש די מילכאָמע קעגן רוים.—
און דא באָמבאדירט אודינאָ רוים. לעדריו-ראָללען האָט אף אַזא אויפן גערופן
די קאָנסטיטוציע אליין פאר אן איידעס קעגן באנאפּארטן מיט זייַנע מיניס-
טארן. דער רעאַליסטישער מערהייַט פון דער פארזאמלונג האָט ער, דער טרי-
בון פון דער קאָנסטיטוציע, אין פּנים אריַין געוואָרפן דעם דראהענדיקן
ארויסרוף: „די רעפּובליקאנער וועלן קאָנען אייַך צווינגען צו שעצן די קאָנ-
סטיטוציע; זיי וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאר קייַן שום מיטלען, אפילע פאר
דער קראפט פון געווער!.. „מיט דער קראפט פון געווער!" האָט אי-
בערגערכאזערט דאָס הונדערטמאָליקע עכא פון דער בארג-פארטיי, די מערהייַט
האָט געענפערט מיט א גערויש און טומל, דער פּרעזידענט פון דער נאצי-
אָנאלער פארזאמלונג האָט גערופן לעדריו-ראללען'ען צו אָרדנונג, לעדריו-ראָל'ען
האט איבערגעכאזערט זייַן ארויסרופנדיקע מעלדונג און האט צום שלוס אוועק-
געלייגט צום פּרעזידענט אפן טיש דעם פאָרשלאָג איבערצוגעבן צום געריכט
באָנאפארטן און זייַנע מיניסטארן. די נאציאָנאלע פארזאמלונג האט מיט א
מערהייַט פון 361 קעגן 203 באשלאסן פאָשעט אריבערגיין פון דער באָמבאר-
דירונג פון רוים צו די לויפנדיקע איניאָנים.

צי דען האָט לעדריו-ראללען געהאפט צו באזיגן די נאציאנאלע פארזאמ-
לונג מיט דער הילף פון דער קאָנסטיטוציע, און דעם פּרעזידענט—מיט דער
הילף פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג?

אוואדע האט די קאָנסטיטוציע פארבאטן יעדווידער אָנפאל אף דער
פרייַהייַט פון פרעמדע פעלקער, אבער אין די אויגן פונם מיניסטעריום איז די
פראנצויזישע ארמיי אָנגעפאלן אין רוים נישט אף דער „פרייַהייַט", נאָר אפן

„דעספּאָטיזם פון דער אַנאַרכיע". האָט דען די באַרג־פּאַרטיי, נישט קוקנדיק אויף איר דערפאָרונג אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, אַז אויסטייטשן און באַנוצן די קאָנסטיטוציע קאָנען נישט די, וועלכע האָבן זי צונויפגעשטעלט, נאָר די, וואָס האָבן זי אָנגענומען? אַז איר טעקסט דאַרף מען אויסטייטשן אין זיין לעבנספעיִקן זינען און אַז דער בורזשואַזער זינען איז געווען איר איינציקער לעבנספעיִקער זינען? אַז באָנאַפּאַרט און די ראָיאַליסטישע מערהייט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זיינען געווען די געזעצליכע מעפאָרשים פון דער קאָנסטיטוציע, פּונקט ווי דער גאַלעך איז דער געזעצליכער אויסטייטשער פון דער ביבל און דער ריכטער — דער געזעצליכער אויסטייטשער פונם געזעץ? צוליב וואָס פאַר אַ טאַמים זאָל עס די פאַרזאַמלונג, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פונם שויס פון אַלגעמיינע וואַלן, זיך בינדן מיט דער טויטער קאָנסטיטואַנטע, בעשאַס ווען נאָך בײַ איר לעבן האָט עפּעס אַן אָדילאָן באַראָ אויווער געוועזן אויף איר ווילן? שטיצנדיק זיך אויפן באַשלוס פון דער קאָנסטיטואַנטע פון 8־טן מאַי, האָט לעדריו־ראָלען פאַרגעסן, אַז די זעלביקע קאָנסטיטואַנטע האָט דעם 11־טן מאַי אָפּגעוואָרפן זיין ערשטן פאָרשלאַג איבערצוגעבן צום געריכט באָנאַפּאַרטן מיט זיינע מיניסטאָרן, אַז זי האָט באַרעכטיקט דעם פּרעזידענט און זיינע מיניסטאָרן און האָט, אויף אַזאַ אופן, סאַנקציאָנירט די באָמבאַרדירונג פון רוים; לעדריו־ראָלען האָט אַפּעלירט קעגן דעם שוין אַרויסגעטראָגענעם באַשלוס, האָט אַפּעלירט פון דער רעפּובליקאַנישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג צו דער ראָיאַליסטישער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג. די קאָנסטיטוציע אַליין ווענדעט זיך צו דער הילף פון אַן אויפשטאַנד, רופנדיק אין אַ באַזונדער אַרטיקל יעדן איינציקן בירגער אָפּצוהיטן זי. לעדריו־ראָלען האָט אָנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן אַרטיקל. אָבער אויף צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע זיינען דאָך פאַראַן געזעלשאַפטלעכע מאַכטן; דאָס אויווער זיין אויף דער קאָנסטיטוציע הייבט זיך דאָך טאַקע אָן פון דעם מאָמענט, ווען איינע פון די דאָזיקע מאַכטן טרעט אַרויס קעגן דער אַנדערער. און דאָ זיינען דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, די מיניסטאָרן פון דער רעפּובליק, די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון דער רעפּובליק געווען אינגאַנצן איינפאַרשטאַנדן איינער מיטן אַנדערן.

דעם 11־טן יוני האָט די באַרג־פּאַרטיי איינגעאָרדנט **„אַן אויפשטאַנד אין די גרעניצן פון ריינעם פאַרנונפט"**, ד. ה. אַ ריין **פּאַרלאַמענטאַרישן אויפשטאַנד**. זי האָט דערוואַרט, אַז די מערהייט פון דער פאַרזאַמלונג וועט זיך דערשרעקן פאַר דער פּערספּעקטיוו פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן און וועט פאַרניכטן איר אייגענע קראַפט און די באַדייטונג פון איר אייגענעם אויסוואַל, אָפּזאָגנדיק זיך פון באָנאַפּאַרטן און פון זיינע מיניסטאָרן. האָט דען די קאָנסטיטואַנטע זיך נישט געפּרוּווט אויף אַן ענליכן אופן צו קאַסירן דעם אויסוואַל פון באָנאַפּאַרטן בעשאַס זי האָט אַזוי האַרטנעקיק געפאָדערט די דעמיסיע פון באַראָ־פאַלו'ס מיניסטעריום?

ערשטענס, האָט די באַרג־פּאַרטיי געוווּסט אַ סך ביישפּילן פון דער עפּאָכע פון קאָנווענט, ווען די פּאַרלאַמענטאַרישע אויפשטאַנדן פלעגן פּלוצלונג

דורכפירן א גרינטליכע איבערקערעניש אין די פאר־העלטנישן צווישן דער מערהייט און דער מינדערהייט, — פאר וואס זשע זאל זיך דער יונגער בארג-פארטיי נישט איינגעבן דאס, וואס עס פלעגט זיך איינגעבן דער אלטער? צווייטענס, האבן די אומשטענדן פונם געגעבענעם מאמענט נישט אויסגעזעען צו זיין אומגינציק פאר אזא אונטערנעמונג. די פאלקס-אויפרעגונג אין פאריזש האט דערגרייכט ביז צו א געפערליכער מאדרייגע; אויב מע זאל אורטיילן לויט דער אפשטימונג, איז די ארמיי נישט געווען נויטע צו דער רעגירונג, די מערהייט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג איז נאך געווען נישט רייף און האט נאך נישט באוויזן זיך צונויפגיסן אין איין פארטיי, דערצו נאך איז זי באשטאנען בלויז פון אלטע לייט. ווען דער בארג-פארטיי זאל זיך געווען איינגעבן דער פארלאמענטארישער אויפשטאנד, וואלט דער רודער פון דער מאכט אריבער דירעקט צו איר אין די הענט. דאס דעמאקראטישע קליינבירגערטום האט זיך, ווי טאמיד, געקאנט בלויז פרייען, וואס דער קאמף וועט פארקומען איבער זיינע קעפ, אין די וואלקנס, צווישן די פארלאמענטארישע שאטנס. ענדליך, דורך א פארלאמענטארישן אויפשטאנד וואלט דאס דעמאקראטישע קליינבירגערטום און זיין פארשטייער, די בארג-פארטיי, דערגרייכט צו איר גרויסער ציל: זיי וואלטן צעשטערט די מאכט פון דער בורזשואזיע, נישט פונאנדערבינדנדיק די הענט דעם פראלעטאריאט, באווייזנדיק אים בלויז אין דער פערספעקטיוו; זיי וואלטן זיך באנוצט מיטן פראלעטאריאט, אן שום סאקאנע פאר זיך.

דעם 11-טן יוני, נאך דער אפשטימונג פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג איז פארגעקומען אַ באַגעגעניש צווישן אייניקע מיטגלידער פון דער באַרג-פּאַרטיי מיט דעלעגאטן פון געהיימע ארבעטער-געזעלשאַפטן. די לעצטע האָבן געפאָדערט, אַז דער אויפשטאַנד זאָל אויפגעהויבן ווערן נאָך אין דעם זעלביקן אָוונט. די באַרג-פּאַרטיי האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּלאַן. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון אירע הענט די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג; צו אירע פאַרבינדעטע האָט זי זיך באַצויגן מיטן זעלביקן כשד, ווי צו אירע סאָנים, און זי איז געווען גערעכט. די דערינערונג וועגן יוני פון 1848 יאָר איז נישט אָפּגעשטאָרבן אין די רייען פון פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט און איר ביטערניש האָט זיך איצט געפילט נאָך לעבהאַפטיקער, ווי ווען נישט איז. דאָך זיינען די ארבעטער געצוואונגען געווען אַריינצוטרעטן אין אַ פאַרבאַנד מיט דער באַרג-פּאַרטיי. זי האָט אינם פּאַרלאַמענט פאָרגעשטעלט דעם גרעסטן טייל דעפּאַרטאַמענטן, זי האָט איבערגעטריבן איר ווירקונג אין דער אַרמיי, זי האָט פאַרמאָגט אין איר רשות דעם דעמאָקראַטישן טייל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אַף איר זייט איז ענדליך געווען דער מאָראַלישער אַווטאָריטעט פונם קרעמל. אָנהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דעם ווילן פון דער באַרג-פּאַרטיי — דאָס וואָלט פאַרן פּראָלעטאַריאַט, וועמענס רייען עס זענען דערצו נאָך שיטער געוואָרן פון דער כאָלערע און פון דער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס האָט אַ באַטייטנדיקע מאַסע פון אים פאַרטריבן פון פּאַריזש, — דאָס וואָלט פאַר אים באַטייט אָן שום נוצן איבערצוכאַזערן די יוני-טעג פון 1848 יאָר, נישט האבנדיק די באַדינגונגען, וועלכע האָבן אים דעמאָלס געשטויסן אַף אַזאַ ייאוש-קאַמף. די

ארבעטער-דעלעגאטן האבן געטאָן דאס איינציקע סייכלדיקע, וואס זיי האבן געקאנט טאָן. זיי האבן פאַרפליכטעט די באַרג-פארטיי זיך צו קאָמפּראָמעטירן, ד. ה. אַרויסצוטרעטן פון די גרעניצן פונם פארלאמענטארישן קאמף, אויב איר באַשולדיקונגס-אַקט וועט אָפּגעוואָרפן ווערן דורך דער פארזאמלונג. אין משך פונם גאנצן 13-טן יוני פאַרנעמט דער פּראָלעטאַריאַט אַ סקעפּטיש-צושויערישע פּאָזיציע און וואַרט אויס אַף דעם ערנסטן, אנטשליסנדיקן צוזאמענשטויס צווישן דער דעמאָקראַטישער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און דער אַרמיי, כדי דעמאלט זיך צו וואַרפן אין קאַמף און צו שטויסן די רעוואָלוציע ווייטער פון איר אָנגעוויזענער קליינבירגערלעכער ציל. אין פאַל פון אַ נצחון איז שוין אָרגאַניזירט געווען אַן אַרבעטער-קאָמונע, וועלכע האט געדאַרפט טעטיק זיין צוגלייך מיט דער אָפיציעלער רעגירונג. די פּאַריזער ארבעטער זיינען געווען אנגעלערנט דורך דער בלוטיקער יוני-שול.

דעם 12-טן יוני האָט דער מיניסטער לאַקראָס אליין אריינגעטראָגן אין דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג א פאָרשלאג אריבערצוגיין צום באַלדיקן באטראכטן פון דעם באשילדיקונגס-אקט. פאר דער נאכט האט די רעגירונג אנגענומען אלע מיטלען אף צו באשיצן זיך און אף אנפאלן; די מערהייט פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג האט באשלאסן ארויסצוטרייבן אפן גאס די ווידערשפּעניקע מינדערהייט, די מינדערהייט האט שוין ניט געקענט אפטרעטן, דער גורל איז געווען געוואָרפן: 377 שטימען קעגן 8 האבן אפגעוואָרפן דעם באשולדיקונגס-אקט; די בארג-פארטיי, וואס האט זיך אפגעהאלטן פון שטימען, זייענדיק אויסער זיך פון אויפרעגונג, גיט זיך א לאָז אין די פראפאגאנדע-זאלן פון דער „פרידנליבנדער דעמאקראטיע", אין ביורא פון דער צייטונג "Démocrate pacifique".

די דערווייטערונג פונם פארלאמענט-בנין האט קראַפטלאָז געמאכט די בארג-פארטיי, פונקט ווי עס פלעגט ווערן קראפטלאז דער גיגאנט אנטעאוס פארלירנדיק די בארירונג מיט דער מוטער-ערד. א שמשון הגיבור אין די ווענט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, איז די בארג-פארטיי געווען א פּאשעטער פיליסטער אין די זאלן פון דער „פרידנליבנדער דעמאקראטיע". עס האבן זיך אנגעהויבן לאנגע, טומלדיקע און פוסטע וויכּוחים. די בארג-פארטיי האט זיך אנטשלאסן צווינגען צו שיצן די קאנסטיטוציע, נישט אפּשטעלנדיק זיך פאר קיינע מיטלען, „אחוץ בלויז די קראַפט פון געווער". אין דעם דאזיקן באשלוס האט זי אונטערגעשטיצט דער מאניפעסט פון די „קאנסטיטוציאנס-פריינט". אזוי האבן געהייסן די רעשטן פון דער קליקע פון „נאסיאנאל", די פארטיי פון די בורזשואזע רעפּובליקאנער. אין דער צייט, ווען פון אירע גאנץ געבליבענע פארשטייערס אין פארלאמענט האבן אלע, אויסער זעקס, געשטימט פארן אפּוואָרפן דעם באשילדיקונגס-אקט, אין דער צייט, ווען קאוועניאַק האט זיין שווערד איבערגעגעבן אין רשות פון דער ארדנונגס-פארטיי,—האָט זיך אַ מער אדער ווייניקער באדייטנדיקער אויסערפארלאמענטארישער טייל פון דער קליקע דורשטיק אנגעכאפּט פארן מעגלעכן צופאל ארויסצוגיין פון דער לאגע פון פאליטישע פּאַריער און דורכשטופן זיך אין די רייען פון דער דעמאקראטישער פארטיי. אין דער עמעסן, זיי זיינען דאָך געווען די נאטירלעכע

פאנצערטרעגערס פון דער דאָזיקער פארטיי, וועלכע האט זיך באהאַלטן אונטער זייער פרינציפּ, אונטער דער קאנסטיטוציע.

מיטן מאָרגנש ערן האט די בארג-פארטיי געהאט דאס קינד. זי האט געבוירן א „פראקלאמאציע צום פאָלק", וועלכע האט זיך באוויזן אין דער פרי דעם 13-טן יוני אין א באשיידענעם ווינקל פון צוויי סאציאליסטישע צייטונגען. זי האָט דערקלערט „אויסער דער קאנסטיטוציע" דעם פרעזידענט, די מיניסטארן און די מערהייט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג און האט גערופן זיך „אויפצוהייבן" די נאציאנאַלע גוואַרדיע, די אַרמיי, ווי אויך דאָס גאנצע פאָלק. „זאל לעבן די קאָנסטיטוציע" איז געווען איר פּאַראָל—דער פּאַראָל, וואָס האָט באטייט נישט קיין אנדער זאַך, ווי „נידער מיט דער רעוואָלוציע".

צו דער קאנסטיטוציאנעלער פּראקלאַמאציע פון דער בארג-פארטיי איז צוגעפאַסט געווען די אזוי גערופענע פרידליכע דעמאָנסטראציע, וועלכע עס האָבן איינגעאָרדנט דעם 13-טן יוני די קליינבירגער. דאס איז געווען א גאַסן-פּראָצעסיע פון Château d'Eau דורך די בולוואַרן; 30 טויזנט מענטשן, מערנסטיילס נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, אָן געווער, אויסגעמישט מיט די מיטגלידער פון די געהיימע ארבעטער-סעקציעס זיינען געגאַנגען איבער די בולוואַרן מיט געשרייען: „זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע". בא די דעמאנסטראנטן אליין האבן די דאזיקע אויסרופן געקלונגען מעכאניש, קאלט, ווי בא מענטשן מיט אן אומריינעם געוויסן, און דער אוילאם, וואס האט זיך געשטופּט אף די טראטוארן, האט זיי אפגעענטפערט מיט אַן איראנישן עכא, אנשטאט צו פארשטארקן זיי ביז צו א דונער-געריש. דעם פילשטימיקן געזאנג האט געפעלט די ברוסט-שטימע. ווען די פּראָצעסיע האט זיך אויסגעגלייכט מיט דער געביידע, וואו עס זיינען געזעסן די „קאנסטיטוציאנס-פריינט", האט זיך אף זיין פראנטאן באוויזן א געדונגענער העראלד פון דער קאנסטיטוציע; פאכענדיק מיט אַ קוילעס מיט זיין קלאקער-הוט האט ער איינגעריסן זיינע איינגעהוירע לונגען און האט אראפגעווארפן אף די קעפּ פון די פּילגרימען (אוילייי-רעגן) אַ גאנצן האגל מיט אויסריפן: „זאל לעבן די קאנסטיטוציע! זאל לעבן די קאנסטיטוציע!". אין דעם מאמענט האַבן זיך, דוכט זיך, די אנטיילנעמערס פון דער פּראָצעסיע אליין אונטערגעגעבן דעם קאָמיזם פון דער סיטואציע. עס איז באקאנט, וואס פאר אן אומאנגענעמענעם קאַל נישט קיין פּאַרלאַמענטאַרישן אויפנאַם עס האבן צוגעגרייט פאר דער פּראָצעסיע ביים עק פון דער Rue de la Paix די דראַגונער און שאנגארניע'ס יעגערס, ווי זי איז זיך אין איין אויגנבליק צולאָפן אין אלע פיר זייטן, און בלויז לויפנדיק ארויסגעלאזן קלאגליכע אויסרופן: „צו געווער!"—אן ענטפער אפן פּאַרלאַמענטאַרישן רוף צו אן אויפשטאנד.

די מערהייט פון די מיטגלידער פון דער בארג-פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַף דער Rue du Hazard זיינען זיך שנעליך צעלאָפן אָט אין דעם אַנטשליסנדיקן מאָמענט, ווען דער גוואַלטאַט איבער דער פּרידליכער פּראָצעסיע, די שטומע קלאַנגען וועגן מאָרד פון אומבאַוואָפנטע בירגער אַף די בולוואַרן, די אַלץ וואַקסנדיקע גאַסן-באַוועגונג,—אַלץ האָט געשיינט אָנצוזאָגן

די דערנעטערונג פון אַן אויפשטאַנד. לעדריו-ראָללען, בעראָש פון אַ קליינער גרופּע דעפּוטאַטן, האָט געראַטעוועט דעם קאָוועד פון דער בארג-פּאַרטיי. אונטערן שוץ פון דער פּאַריזשער אַרטילעריע, וועלכע האָט פאַרנומען דעם Palais National, זיינען זיי אַוועק אין דער Conservatoire des arts et métièrs (היכשול פון קונסט און געווערב), וואוהין עס האָבן געדאַרפט אָנקומען דעם 5-טער און זעקסטער לעגיאָן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די מאָנטאַניארן[1]) האָבן אָבער אומזיסט געוואַרט אַף די לעגיאָנען; די דאָזיקע פאָרזיכטיקע גוואַרדיסטן האָבן געלאָזן זייערע פאָרשטייערס אַפן פרייען שיקזאַל; די פּאַריזשער אַרטילעריע ווידער האָט אַליין געשטערט דעם פאָלק צו בויען באַריקאַדן; דער כאַאָס און טומל האָבן אוממעגליך געמאַכט יעדווידער באַשלוס. דאָס רעגולערע מיליטער האָט זיך דערנעטערט מיט ד באַגנעטן אין די הענט, אַ טייל דעפּיטאַטן איז גענומען געוואָרן אין געפענגעניש, אַ טייל האָט זיך באַהאַלטן. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער 13-טער יוני

דער 23-טער יוני פון 1848 יאָר איז געווען דער טאָג פונם אויפשטאַנד פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, דער 13-טער יוני פון 1849 יאָר איז געווען דער טאָג פונם אויפשטאַנד פונם דעמאָקראַטישן קליינבירגערטום: יעדער פון די דאָזיקע אויפשטאַנדן איז געווען די קלאַסיש-ריינע אָפּשפּיגלונג פון דעם קלאַס, וואָס האָט אים אויפגעהויבן.

ביז אין ליאָן איז די זאַך דערגאַנגען ביז צו אַ פּאַראַקשנטן, בלוטיקן צוזאַמענשטויס. אין דער דאָזיקער שטאָט שטייען די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע און דער פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט אוממיטלבאַר פּאָנים צו פּאָנים, די אַרבעטער-באַוועגונג איז נישט איינגעשלאָסן, ווי אין פּאַריזש, אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג און ווערט דורך איר נישט באַשטימט; דעריבער האָט די אָפּשפּיגלונג פון 13-טן יוני דאָ פאַרלאָרן איר אורשפּרינגליכן כאַראַקטער. אין די איבעריקע ערטער אין דער פּראָווינץ האָט דער דאָזיקער קלאַפּ, אַף וויפל ער האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּיגלט, אין ערגעץ נישט ארויסגערופן קיין ריפּ—דאָס איז געווען אַ קאַלטער בליץ.

דעם 13-טן יוני ענדיקט זיך דער ערשטער פּעריאָד אינם לעבן פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק; אָנגעהויבן האָט ער זיך דעם 29-טן מאַי 1849 יאָר, פון דער ערשטער זיצונג פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען דער פּראָלאָג. די גאַנצע צייט ציט זיך אַ טומלדיקער קאַמף צווישן דער אָרדנונג-פּאַרטיי און די מאָנטאַניארן, צווישן דער גרויסער און קליינער בורזשואַזיע; די קליינבורזשואַזיע פּרוּווט זיך אומזיסט אַנטקעגנצושטעלן דער איינריכטונג פון אַ בורזשואַזער רעפּובליק, האַגאַם זי אַליין האָט אָן אויפהער קאָנספּירירט צוליב איר טויווע אין דער צייטווייליקער רעגירונג און אין דער אויספיר-קאָמיסיע, האָט זיך אַליין מיט פאַרביטערונג געשלאָגן פאַר איר מיטן פּראָלעטאַריאַט אין די יוני-טעג. דער 13-טער יוני האָט צעבראָכן איר ווידערשטאַנד און האָט גע-

1) מיטגלידער פון דער בארג-פּאַרטיי. ל. ג.

מאַכט די לעגיסלאַטיווע[2] דיקטאַטור פון די פאַראייניקטע ראָיאַליסטן פאַר אַ געשעענעם פאַקט. פון דעם מאָמענט אָן איז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג בלויז אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער שוץ אין די אינטערעסן פון דער אָרדנונגס־פאַרטיי.

פאַריזש האָט איבערגעגעבן צום געריכט דעם פּרעזידענט, די מיניסטאָרן און די מערהײַט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג; אַלס ענטפער דערויף האָבן זיי דערקלערט פאַריזש אין אַ באַלאַגערונגס צושטאנד. די מאנטאניארן האָבן דערקלערט די מערהײַט פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג „אויסער דער קאָנסטיטוציע"; די מערהײַט ווידער פון איר זײַט האָט איבערגעגעבן די בארג־פאַרטיי צום העכסטן געריכט פאַרן אויוועך זײַן אַף דער קאָנסטיטוציע און האָט אויסגעשלאָסן פון דער פאַרזאַמלונג אירע בעסטע מיטגלידער. געבליבן פון איר איז בלויז דער קערפּער, אָן אַ קאָפּ און אָן אַ האַרץ. די מינדערהײַט איז דערגאַנגען ביז צו אַ פּרוואו פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישן אויפשטאנד, די מערהײַט דערפירט איר פּאַרלאַמענטאַרישן דעספּאָטיזם ביז צו דער מאדרייגע פון אַ געזעץ. זי האָט דעקרעטירט אַ נײַע דעבאטן־אָרדנונג, וועלכע האָט פאַרניכטעט די פרײַהײַט פון דער טריבונע און האָט געגעבן דעם פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג די מעגליכקײַט צו באשטראָפן די דעפּוטאטן פארן שטערן די אָרדנונג מיט אפנעמען דאס ווארט, געלט־שטראפן, אפנעמען דאס געהאלט, צײַטווײַליק דערווײַטערן פונם פּארלאמענט, קארצער. די מערהײַט האט איבערן קערפּער פון דער בארג־פּארטיי אויפגעהאנגען נישט קיין שווערד, נאר א קאנטשיק. דער ערן־כויוו וואלט געפאדערט, אז די גאנץ־געבליבענע בארג־דעפּוטאטן זאלן דעמאנסטראטיוו ארויס פון דער פּארזאמלונג. דאס וואלט פארגיכערט די צעפאלונג פון דער פּארטיי. אין דער ווירקליכקײַט האט זי פאראייניקט בלויז דער אנטאגאניזם מיט די רויטע; אן אים וואלט זי צעפאלן געווארן אף איר'ע באשטאנד־טיילן.

איינצײַטיק מיט איר פּארלאמענטארישן געווער איז בא דער קליינבורזשואזיע אפגענומען געווארן אויך איר באוואפנטע קראפט; די רעגירונג האט פונאנדערגעלאזן די פּאריזשער ארטילעריע און דעם 8־טן, 9־טן און 12־טן לעגיאנען פון דער נאציאנאלער גווארדיע. פּארקערט, דער לעגיאן פון דער פינאנסיעלער אריסטאקראטיע, וועלכער איז דעם 13־טן יוני אנגעפאלן אף בולע'ס און רו'ס דרוקערײַען, האט צעהאקט די מאשינען, כארעוו געמאכט די קאנטאר פון די רעפּובליקאנישע צײַטונגען און האט ווילקירליך ארעסטירט זייערע רעדאקטארן, זעצערס, דרוקערס, עקספּעדיטארן און טרעגערס—ער האט באקומען א דאנק פון דער טריבונע פון דער נאציאנאלער פּארזאמלונג. איבערן גאנצן לאנד איז פארגעקומען דאס זעלביקע; די נאציאנאלע גווארדיסטן, וועלכע זײַנען פארדעכטיק געווען אין רעפּובליקאניזם, זײַנען אומעטום פונאנדערגעלאזן געווארן.

---

2) געזעצגעבערישע. ל. ג.

אַ נײַער געזעץ וועגן פּרעסע, אַ נײַער געזעץ וועגן פּאַראַיי-נען, אַ נײַער געזעץ וועגן באַ/אַגערונגס-צושטאַנד, איבערגע-פּולטע טורמעס אין פּאַריז, דער גיירוש פון אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן, דאָס אָפּשטעלן פון אַלע צײַטונגען, וואָס האָבן איבערגעשטיגן די גרעניצן פון „נאַ-סיאָנאַל", דאָס אונטערוואַרפן ליאָן און פינף שכײניש דעפּאַרטאַמענטן דעם גראָבן סאָלראַטישן דעספּאָטיזם, אַ נײַע רײניקונג פון דער שוין אַזוי פיל מאָל געריינקטער אַרמיי פון באַאַמטע—דאָס זײַנען די אומפאַרמײַדליכע, טאָמיד זיך איבערכאַזערנדיקע אַלגעמיינע ערטער פון דער זיגרײַכער רעאַקציע, וואָס זײַנען ווערט דערמאָנט צו ווערן נאָך דער יוני-שכיטע און נאָך די אַרויסשיקונגען נאָר דערפאַר, וואָס דאָס מאָל זײַנען זיי געווענדעט געווען נישט נאָר קעגן פּאַריז, נאָר אויך קעגן די דעפּאַרטאַמענטן, נישט נאָר קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר פריער פון אַלץ קעגן די מיטעלע קלאַסן.

די גאַנצע געזעצגעבערישע טעטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין משך פון יוני, יולי און אַווגוסט איז אײַנגעשלונגען געוואָרן דורך די רעפּרעסיווע געזעצן, וועלכע האָבן געגעבן דער רעגירונג די פרײַהײַט צו דערקלערן באַלאַגערונגס-צושטאַנד, האָבן אונטערגעוואָרפן די פּרעסע אונטער נאָך גרעסערע אונטערדריקונגען און האָבן פאַרניכטעט דאָס רעכט פון פאַר-איינען.

דאָך אָבער ווערט די דאָזיקע עפּאָכע כאַראַקטעריזירט נישט דורך דעם פּאַקטישן, נאָר דורך דעם פּרינציפּיעלן אויסנוצן דעם ניצאָכן, נישט דורך די באַשלוסן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, נאָר דורך די מאָטיווי-רונגען פון די דאָזיקע באַשלוסן, נישט דורכן טאַט, נאָר דורך דער פּראַזע, נישט דורך דער פּראַזע, נאָר דורכן אַקצענט און די זשעסטן, וואָס האָבן זי באַלעבט. דאָס פרעכע אַרויסװײַזן פון די ראָיאַליסטישע טענדענצן, די פאַראַכטנדיקע באַציאונג צו דער רעפּובליק, דאָס קאָקעטישע, פריוואָלע אויס-פּלאַפּלען די רעסטאַווראַציאָנס-צילן—מיט איין וואָרט—דאָס ציניש צעשטערן די רעפּובליקאַנישע אָנשטענדיקײַט—אָט וואָס עס האָט צוגעגעבן דעם דאָזיקן פּעריאָד אַ באַזונדערן טאָן און אויסזען. „זאָל לעבן די קאָנסטי-טוציע!"—דאָס איז געווען דער קאַמף-רוף פון די באַזיגטע אין דעם 13-טן יוני. דאָס האָט באַדײַט די זיגער פון דער צוויעס פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער, ד. ה. רעפּובליקאַנישער שפּראַך. די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט באַזיגט אונגאַרן, איטאַליען און דײַטשלאַנד, און זיי האָבן שוין געזען די רעסטאַווראַציע באַ די טויערן פון פראַנקרײַך. צווישן די פירערס פון די אָרדנונגס-פּראַקציעס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עכטע קאָנקורענץ; זיי האָבן, איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, זיך באַמיט צו דערווײַזן דורכן „מאָניטער" זייער ראָיאַליזם, זיך מיסיואַדע זײַן, זיך „אַלכעט" שלאָגן פאַר די ליבעראַלע אײַנרעלאַך, וואָס זיי זײַנען באַגאַנגען בעשאַס דער מאָנאַרכיע, אויסבעטן פאַר זיי מעכילע באַ גאָט און לײַט. עס איז נישט אַריבער קיין איין טאָג, אַז מען זאָל פון דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג נישט דערקלערן די פעווראַלער רעוואָלוציע פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן אומגליק, אַז אַ וועלכער נישט איז לעגיטימיסטישער

גוטבאַזיצער פון דער פּראָווינץ זאָל נישט דערקלערן פייערליך, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל נישט אָנערקענט די רעפּובליק, אַז עמיצער פון די פּאַכדאָנישע איבערלויפערס און פאַררעטערס פון דער יולי-מאָנאַרכיע זאָל נישט דערציילן וועגן זײַנע פאַרשפּעטיקטע העלדנטאַטן, וואָס דורכפירן זיי האָט אים בלויז געשטערט לואי-פיליפּס מענטשנליבע אָדער אַנדערע מיספאַרשטייענישן. לויט זייערע רייד, האָט אין די פעווראַל-טעג פאַרדינט באַוואונדערונג נישט די גרויסמוטיקייט פונם זיגרײַכן פאָלק, נאָר די זעלבסטאָפּפערונג און די מעסי-קייט פון די ראָיאַליסטן, וועלכע האָבן אים דערלויבט, ער זאָל זיי באַזיגן. איין פאָלקס-פאָרשטייער האָט פאָרגעלייגט ארויסצוגעבן א טייל פונם געלט, וואָס איז באַשטימט געווען אף צו שטיצן די פאַרוואונדעטע אין די פעווראַל-טעג, די *מוניציפּאַלע גוואַרדיסטן*, וואָס זיי אַליין האָבן אין יענע טעג געדינט דעם פאָטערלאַנד. א צווייטער האָט פאָרגעלייגט אויפצובויען א רײַטער-סטאַטוע פונם הערצאָג פון אָרלעאַן אפן קאַרוסעלן-פּלאַץ. טיער האָט געזאָגט, אַז די קאָנסטיטוציע איז א שטיק שמוציק פּאַפּיר. איינע נאָך די אַנדערע זײַנען אף דער טריבונע ארויף אָרלעאַניסטן, קדיי זיך צו קלאַפּן אַלכעט אף די אוולעס, וואָס זיי זײַנען באַגאַנגען קעגן דעם לעגיטימיסטישן קעניגרײַך, — לעגיטימיסטן, וועלכע האָבן זיך פאָרגעוואָרפן, אַז זייער ווידערשטאַנד קעגן דעם לעגיטימיסטישן קעניגרײַך האָט פאַרגיכערט דאָס פאַלן פונם קעניגרײַך ביכלאַל; טיער האָט זיך געקלאַפּט אַלכעט דערפאַר, וואָס ער האָט אינטריגירט קעגן מאָלע, מאָלע האָט זיך געקלאַפּט אַלכעט אף זײַנע אינטריגעס קעגן גיזאָ, באַררא האָט זיך געקלאַפּט אַלכעט דערויף, וואָס ער האָט אינטריגירט קעגן זיי אַלע דרײַ. דער אויסרוף: „זאָל לעבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רעפּובליק!" איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן אַנטיקאָנסטיטוציאָנעלן; דער אויסרוף: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" איז פאַרפאָלגט-געוואָרן אַלס א סאָציאַל-דעמאָקראַטישער. אינם יאָרצײַט פון דער שלאַכט בײַ וואַטערלאָאָ האָט איינער פון די דעפּוטאַטן דערקלערט: „איך האָב נישט אַזוי מורא פאַרן ארײַנרײַסן זיך פון די פּרײַסן, ווי פאַרן ארויפטריט פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן אפן פראַנצויזישן באָדן". אַלס ענטפער אף אַן באַקלאָגן זיך אפן טעראָר, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין ליאָן און אין די שכיינישע דעפּאַרטאַמענטן, האָט באַרע ד׳אילער געזאָגט: „איך האָב גערנער דעם ווײַסן טעראָר, ווי דעם רויטן". די פאַרזאַמלונג האָט גוואַלטיק אַפּלאָדירט יעדעס מאָל, ווען פונם רעדנערס מויל פלעגט ארויס אַן עפּיגראַם קעגן דער רעפּובליק, קעגן דער רעוואָלוציע, קעגן דער קאָנסטיטוציע, פאַרן קעניגרײַך, פאַרן הייליקן בונד. יעדווידע צעשטערונג פון די רעפּובליקאַנישע פאָרמאַליטעטן, ווי לעמאָשל, די ווענדונג צו די דעפּוטאַטן נישט מיטן וואָרט „citoyens" (בירגער), פלעגט ברענגען די אָרדנונגס-ריטערס אין היספּאַילעס.

די פּאַריזשער צוגאַב-וואַלן פון דעם 8-טן יולי, וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אונטערן אײַנדרוק פונם באַלאַגערונגס-צושטאַנד, ווען א באַדײַטנדיקער טייל פונם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען, דאָס פאַרנעמען רוים דורך דער פראַנצויזישער אַרמיי, דער ארײַנטריט אין רוים פון די

הייליקע רויטע מאנטיעס[1], און אין זייער סוויטע—די אינקוויזיציע און דער טעראריזם פון די מאנאכן—דאס אלץ זיינען געווען נייע ערפאלגן, דאס אלץ האט פארשטארקט די האפערדיקייט און זעלבסטזיכערקייט פון דער ארדנונגס-פארטיי.

ענדליך, אין מיטן אויגוסט דעקרעטירן די ראיאליסטן א צווייכאדאשים-דיקע האפסאקע אין די זיצונגען פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג—איינע האבן באדארפט בייזיין אין די נאר וואס צונויפגעקליבענע דעפארטאמענטס-ראטן, די אנדערע האבן זיך געוואלט אפרוען נאך דער פילכאדאשימדיקער ארגיע פון זייער ראיאליזם. מיט א נישט באהאלטענער איראניע האבן זיי אלס שטעלפארטרעטער פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג, אלס היטערס פון דער רעפובליק איבערגעלאזן א קאמיסיע פון פינף און צוואנציק דעפוטאטן, דאס אויבערשטע פון דער לעגיטימיסטישער און ארלעאניסטישער פארטיי, ווי מאלע, שאנגארניע א. אנד. די דאזיקע איראניע איז געגאנגען נאך טיפער, ווי זיי האבן כוישעד געווען. פארמישפעט דורך דער געשיכטע מיטצוהעלפן דעם פאלן פון דער מאנארכיע, וועלכע זיי האבן ליב געהאט, זיינען זיי געווען באשטימט צו פארהיטן די רעפובליק, וועלכע זיי האבן פארהאסט.

מיט דער האפסאקע אין די זיצונגען פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג ענדיקט זיך די צווייטע עפאכע אינם לעבן פון דער קאנסטיטוציאנעלער רעפובליק.

דער באלאגערונגס-צושטאנד אין פאריז איז ווידער אפגעשאפט געווארן, די פרעסע איז צוריק אריינגעטראטן אין אירע רעכט. פאר דער צייט, וואס עס זיינען אפגעשטעלט געווארן די סאציאל-דעמאקראטישע צייטונגען, אינם פעריאד פון רעפרעסיווע מיטלען און ראיאליסטישע ארגיעס, איז דער „Siècle", וואס איז פריער געווען דער ליטערארישער פארשטייער פון דער מאנארכיסטיש-קאנסטיטוציאנעלער קליינבורזשואזיע, געווארן א רעפובליקאנישער ארגאן, די „Presse"—אן אלטער ארגאן פון די בורזשואזע רעפארמאטארן, איז געווארן דעמאקראטיש, און דער „National"—דער קלאסישער ארגאן פון די בורזשואזע רעפובליקאנער,—א סאציאליסטישע צייטונג. מיטן פארבאט פון די קלובן באקומען אלץ א גרעסערע באדייטונג די געהיימע געזעלשאפטן. די פראדוקציאנס-געזעלשאפטן פון די ארבעטער, וועלכע ווערן געליטן, אלס ריינע האנדלס-קאמפאניעס, ווערן די פאליטישע צענטערן פונם פראלעטאריאט. דעם 13-טן יוני האבן פארשיידענע האלב-רעוואלוציאנערע פארטייען פארלארן זייערע אפיציעלע קעפ, דערפאר איז בא די גאנץ-געבליבענע מאסן אויסגעוואקסן אן אייגענער קאפ אף די אקסלען. די ארדנונגס-ריטערס האבן געסטראשעט דאס פאלק מיט די שרעקן פון דער רויטער רעפובליק, אבער די נידערטרעכטיקע האריגעס און די שוידערהאפטע מייסים פון דער זיגרייכער קאנטער-רעוואלוציע אין אונגארן, אין באדען, אין רוים האבן

1) די קאטוילישע קארדינאלן גייען אנגעטאן אין רויטע מאנטיעס. ל. ג.

ביז אַף ווײַס אָפּגעריייניקט די „רויטע רעפּובליק״. דו אומצופרידענע מיטע׳ע קלאַסן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט הויבן אָן מער צו סימפּאַטיזירן די צוזאָגן פון דער רויטער רעפּובליק מיט אירע פּראָבלעמאַטישע שוידערהאַפטיקײַטן, ווי די שוידערהאפטע מײַסים פון דער רויטער מאָנאַרכיע מיט איר פאַקטישער האָפענונגסלאָזיקײַט. קיין איין סאָציאַליסט האָט נישט געפירט אין פראנקרײַך אַזאַ געלונגענע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, ווי האַינאַו[1] („A chaque capacitè selon ses oeuvres!״ (יעדער פייהיקײַט לויט אירע מײַסים).

פאַר דער צײַט האָט זיך לואי באָנאַפּאַרט באַנוצט מיט די קאַניקולן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פאַר אַן אַלערהעכסטער רײַזע איבער דער פּראָווינץ, די הייסעסטע לעגיטימיסטן זײַנען אַוועק קיין עמס זיך צו בוקן פאַר לואי דעם הייליקנס אייניקל, און די דעפּוטאַטן-מאסע פון דער אָרדנונגס-פּאַרטיי האָט אינטריגירט אין די נאָר וואָס צוזאמענגעקליבענע דעפּאַרמאמענטן-ראטן. מע האָט געדארפט צווינגען אָט די לעצטע ארויסצוזאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך נאָר דערוועגט ארויסצורײדן די מערהײַט פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, עס איז נויטיק געווען, אז זיי זאָלן פאָדערן גלײַך איבערקוקן די קאָנסטיטוציע. לויט דער קאָנסטיטוציע, האָט דאָס דאָזיקע איבערקוקן געקאָנט פאָרקומען ערשט אין 1852 יאָר, אין א ספּעציעל צו דעם צוועק צונויפגערופענער נאציאָנאלער פארזאמלונג. זאָל זיך אָבער נאָר די מערהײַט אין די דעפּארטאמענטן-ראטן ארויסזאָגן פארן איבערקוקן—וועט דען די פארזאמלונג נישט מאקריוו זײַן מיט די בסולים (בתולים) פון דער קאָנסטיטוציע פאר דער שטים פון פראנקרײַך? די נאציאָנא׳ע פארזאמלונג האט פון אָט די פּראָווינציעלע פארזאמלונגען דערווארט דאָס זעלביקע, וואָס די נאנע (מאָנאכיניע) אין וואלטערס הענריאדע האָט דערווארט פון די פאנדורן. אָבער, אויסער קליינע אויסנאמען, האָבן זיך די פּויטיפערעס פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג אָנגעשטויסן אין דער פּראָווינץ אף פּע׳זנפּעסטע יויסעף האצאדיק׳ס. די גרעסטע מערהײַט האָט נישט געוואלט פארשטיין די צודרינגליכע אינסינואציעס דעם איבערקוקן די קאנסטיטוציע האט געשטערט דאס זעלביקע געוויער, וואס האט עס געזאלט ארויסרופן צום לעבן: די אפּשטימונג פון די דעפּארטאמענטן-ראטן. פראנקרײַך—דאס בורזשואזע פראנקרײַך—האט אפּגעגעבן איר שטים קעגן דעם איבערקוקן.

אין אָנהויב אָקטאָבער האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג ווידער געעפנט אירע זיצונגען—tantum mutatus ab illo. איר פיזיאָנאָמיע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. דאָס אומדערוואַרטעטע אָפּוואַרפן דעם פארשלאַג איבערצוקוקן די קאָנסטיטוציע מיצאַד די דעפּאַרטאַמענטן-ראַטן האָט זי צוריק אומגעקערט אין די גרעניצן פון דער קאָנסטיטוציע און האָט איר דערמאָנט. אַז עס דערנעענטערט זיך דער סאָף פון אירע פולמאַכטן. באַ די אָרלעאַניסטן האָבן אַרויסגערופן פאַרדאַכטן די רײַזעס פון די לעגיטימיסטן קיין עמס, די לעגי-

[1]) דער עסטרייכישער גענעראל האינאַו, וואס איז באקאנט מיט זיינע בלוטיקע מייסים בעזויגײַע צו די געפאנגענע אנפירערס פון די אויפגעשטאנענע אונגארן.

טימיסטן זײַנען באַאומרוהיקט געװען פון די באַציהונגען פון די ארלעאַניסטן מיט לאָנדאָן, די צײַטונגען פון בײדע פראַקציעס האָבן פונאַנדערגעבלאָזן דאָס פײַער און אויסגערעכנט די טויעס פון זײערע פרעטענדענטן. די אָרלעאַניסטן צוזאַמען מיט די לעגיטימיסטן האָבן געמורמלט אָף די אינטריגעס פונם באָנאַפּאַרטיזם, וואָס האָט זיך אַרויסבאַוויזן אין באָנאַפּאַרטס אלערהעכסטע רײזעס, אין זײַנע מער אָדער װײניקער דורכזיכטיקע פּרואװן אַראָפּצװאַרפן פון זיך יעדװידער קאָנסטיטוציאָנעלן צוים, אין דער גאַיװעדיקער שפּראַך פון די באָנאַפּאַרטיסטישע צײַטונגען; לואי-באָנאַפּאַרט פון זײַן זײַט האָט געמורמלט קעגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, װעלכע האָט אנערקענט דאָס רעכט נאָר פאַר דער קאָנסטיטוציע פון די לעגיטימיסטן און ארלעאַניסטן, אָף זײַן אײגן מיניסטעריום, וואָס האָט אים שטענדיק געשעלשט לעטויװעס דער פאַרזאַמלונג. אינם מיניסטעריום, ענדליך, איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג איבער דער פראַגע װעגן דער רױמישער פּאָליטיק און װעגן דעם הא כנא ס ע-ש ט ײ ע ר, װאָס דער מיניסטער פּאַסי האָט פאַרגעלײגט און װאָס די קאָנסערװאַטאָרן האָבן אַרײַנגעװאָרפן אין כײרעם, אַלס אַ סאָציאַליסטישן עקספּערימענט.

אײנער פון די ערשטע פאָרשלאָגן פון באַראָ'ס מיניסטעריום אין דער אויפסנײַ-צוזאַמענגעקליבענער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז געװאָרן די פאָדערונג פון אַ קרעדיט פון 300.000 פראַנק, אָף צו באַצאָלן אַ-מאָנע-פּענסיע דער הערצאָגין פון אָר-עאַן. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט װאָטירט די דאָזיקע סומע און האָט אָף אַזאַ אויפן פאַרגרעסערט די כויװעס פון דער פראַנצויזישער נאַציע אָף זיבן מיליאָן פראַנק. אין דער צײַט, װען לואי-פיליפּ האָט נישט אויפגעהערט מיט ערפאָלג צו שפּילן די ראָליע פון אַ „pauvre honteux“—אַ שעמעװדיקן אָרעמאַן, האָט דאָס מיניסטעריום זיך נישט באַשלאָסן פאָרצולײגן דער פאַרזאַמלונג צו פאַרגרעסערן באָנאַפּארטס געהאַלט, און די פאַרזאַמלונג האָט נישט אויסגעזען צו זײַן גענײגט צו דערלויבן אים אַזאַ הויסאָפּע. לואי-באָנאַפּאַרט איז װי שטענדיק געשטאַנען פאַר דער דילעמע: Aut Caesar, aut Clichy—(אָדער אַ קײסער אָדער קלישי—די כויװעס-טורמע.)

די צװײטע פאָדערונג פון אַ קרעדיט פון נײַן מיליאָן פראַנק אָף צו דעקן די הויצאָעס אָף דער רױמישער עקספּעדיציע האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אָנגעשטרײנגקטע באַציהונגען צװישן באָנאַפּארטן, פון אײן זײַט, און די מיניסטאָרן און דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג—פון דער צװײטער. לואי-באָנאַפּארט האָט אינם „מאָניטער“ פאַרעפנטליכט אַ בריװ צו זײַן אַדיוטאַנט עדגאַר נײ, אין װעלכע ער האָט געבונדן די פּויפּסטליכע רעגירונג מיט קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס. דער פּויפּסט, פון זײַן זײַט, האָט אַרויסגעגעבן זײַנע אַ רעדע „motu proprio“, אין װעלכער ער האָט אָפּגעװאָרפן יעדװידער באַגרעניצונג פון זײַן צוריק-אויפגעשטעלטער מאַכט. באָנאַפּארטס בריװ איז געװען אַ אונטערפּיסל זײַן אײגענעם קאַבינעט; באָנאַפּארט האָט זיך אַרויסגעװיזן, װי אַ נישט פאַרשטאַנענער זשעני, װאָס איז פול מיט גוטע שטרעבונגען, איז אָבער געשמידט אין זײַן אײגן הויז. ער האָט זיך שױן נישט דאָס ערשטע מאָל געפּוצט פאַרן פּובליקום און איז אַרויסגעפאָרן אָף די „שװאַכע

שוואונקען פון — די פרייַע פ,יגל״. טיער, דער פאָרטרעגער פון דער קאָמיסיע האָט אינגאַנצן איגנאָרירט באָנאַפּאַרטס פליגל=שוואונקען און האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעזעצט דעם פויפטס רעדע אַף פראַנצויזיש. נישט דאָס מיניסטעריום, נאָר וויקטאָר הוגאָ האָט געמאַכט אַ פּרואוו ארויסצוהעלפן דעם פרעזידענט, פארלייגנדיק דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ארויסצוזאָגן איר באַוויליקונג פאַר נאַפּאָלעאָנס בריוו. Allons donc! Allons donc! (וואָס רעדט איר! וואָס רעדט איר!) — האָבן געענטפערט הוגאָ'ן די לייַכטזיניקע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן שוין אינגאַנצן פאַרלאָרן דאָס געפי, פון דערעך-ערעץ. דעם פרעזידענטס פּאָליטיק? דער פרעזידענט אַליין? Allons donc! Allons donc! וואָס פאַר אַ שעד נעמט עס ערנסט דעם monsieur באָנאַפּאַרט? מיינט איר דען, monsieur וויקטאָר הוגאָ, אַז מיר גלויבן אייך, אַז איר גלויבט דעם פרעזידענט? Allons donc! Allons donc!

די שפּאַלטונג צווישן באָנאַפּאַרטן מיט דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָבן ענדליך פאַרגיכערט די דעבאַטן וועגן דעם פּראָיעקט צוריק צו רופן אין לאַנד די אָרלעאַנען און בורבאָנען. אנשטאָט די מיניסטאָרן האָט דעם פרעזידענטס קוזען, דער זון פונם עקס=קעניג פון וועסטפאַליען, אַרייַנגעטראָגן אין פאַרלאַמענט דעם דאָזיקן פאָרש,אַג. ער האָט געהאַט די ציל אַוועקצושטעלן די לעגיטימיסטישע און אָרלעאַניסטישע פרעטענדענטן אף איין ברעט מיטן באָנאַפּארטיסטישן פרעטענדענט, אדער ריכטיקער, נידריקער פון אים, ווייַל ער איז דאך, לעכאָל האַפּאכעס, פאקטיש געשטאנען בעראָש פון דער מאַכט.

נאפּאלעאָן באָנאפּארט זואט אפגעטאן זעער נישט קיין דערעכערעצדיק שפּיצל: ער האט פאראייניקט אין איין פארשלאג דאס צוריקקערן פון די דורכגעטריבענע קעניגליכע פאמיליעס און די אמניסטיע פאר די יוני'ער אינסורגענטן. די אויפרעגונג פון דער מערהייַט האט אים גלייַך געצוואונגען צוריק צו נעמען אט די צונויפמישונג פון הייליקע און זינדיקע, פון קעניגליכע ראַסן און פראלעטאריש ב,וט, פון אומבאוועג,יכע שטערן פון דער געזעלשאפט און אירע בלאנזשענדיקע זומפן=פייַערלאך; ער האט געמוזט יעדן פון די ביידע פארשלאגן אפגעבן זייַן ארט. די מערהייַט האט ענערגיש אפגעווארפן דעם פראיעקט פון צוריק-רופן אין לאנד די קעניגליכע פאמיליעס, און בעריע, דער לעגיטימיסטישער דעמאספען, האט פארניכטעט יעדווידע ספּייקעס וועגן דער באדייַטונג פון אט דער אפשטימונג ארא פווארפן די פרעטענדענטן און מאכן זיי פאר פאשעטע בירגער — אט וואס עס איז באנאפּארטס ציל! מע וויל בא זיי אפנעמען די ליכט=קרוין פון הייליקע י,עצטע בא זיי פארבליבענע גרויסקייַט, די גרויסקייַט פון פארטריבענע! וואס איז דאס פאר א פרעטענדענט, וואס וועט, פארגעסנדיק זייַ אלערהעכסטע אפשטאמונג, צוריק קומען קייַן פראנקרייַך, קדיי צו וואוינען דאָ, ווי א פאשעטע, פריוואטע פערזאן? באָנאפּארט האט דערפון געדארפט קלאר, וואס קלארער קאן שוין ניט זייַן, פארשטיין אז ער האט מיט זייַן אנוועזנהייַט גארנישט נישט געוואונען: ער איז נויטיק געוועז פאר די פאראיי=

ניקטע ראָיאַליסטן דא, אפן פרעזידענטן-שטול, ווי א נייטראלער מענטש, אבער די עמעסע פרעטענדענטן אפן טראָן זיינען באהאלטן געווען פון די פראפאנען-בליקן אונטערן נעפּל פון גיירוש.

דעם 1-טן נאוועמבער האט לואי-באנאפּאַרט געענטפערט דער געזעצגע-בערישער פארזאמלונג מיט א בריוו, אין וועלכן ער האט איר אין גאנץ שארפע אויסדריקן געמאלדן וועגן דער דעמיסיע פון באַררא'ס מיניסטעריום און וועגן דער אויסבילדונג פון א נייעם מיניסטעריום. באררא-פאלו'ס מיניסטעריום איז געווען דאס מיניסטעריום פון דער ראיאַליסטישער קאָאַליציע, דאס מיניסטעריום פון ד'אָפּול'ן איז געווען באַנאפּאַרט'ס א מיניסטעריום, דאס געוועזענע פרעזידענט קעגן דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, דאס איז געווען א מיניסטעריום פון אנגעשטעלטע.

באַנאפּארט איז שוין איצט נישט געווען בלויז די נייטראלע פערזענליכקייט פון 10-טן דעצעמבער 1848 יאר. אלס ראש פון דער אויספיר-מאכט, איז ער געווארן דער צענטער פון באשטימטע אינטערעסן. דער קאַמף מיט דער אנארכיע האט געצוואונגען די ארדנונגס-פּארטיי אַליין צו פארגרע-סערן זיין מאכט, און אויב ער איז נישט געווען מער פּאפּולער, איז זי דערפאר געווען נישט פּאפּולער. די קאנקורענץ צווישן די ארלעאניסטן און לעגיטימיסטן, פון איין זייט, און די נויטווענדיקייט פון א וועלכער נישט איז מאנארכיסטישער רעסטאווראציע, פון דער אנדערער,—אט דאס זיינען געווען באנאפּארטס הויפּט-טרומפן („קאזערן"); זיי האבן אים געגעבן די מעגליכקייט האפן, אז די ביידע פראקציעס וועלן אים אנערקענען, ווי א נייטראלן פרעטענדענט.

פונם 1-טן נאוועמבער 1849 יאר אן הויבט זיך אן דער דריטער פעריאד אינם לעבן פון דער קאָנסטיטוציאנעלער רעפּובליק, וואס האט זיך פארענדיקט דעם 10-טן מארטש 1850 יאר. עס הויבט זיך אן די רעגלמעסיקע פונקציאנירונג פון דער קאנסטיטוציע, פון וועלכער גיזא קלייבט אזויפיל היספּיילעס, ד. ה. די סיכסוכים צווישן דער אויספיר-און געזעצגעבערישער מאכט. באנאפּארט פירט זיין טעטיקייט אינם נאמען פון דער רעפּובליק. די רעפּובליק סאנקצי-אנירט זיין פאקטישע מאכט, ער פארטיידיקט זי פון די רעסטאווראציאנס-שטרעבונגען פון די פאראייניקטע לעגיטימיסטן און ארלעאניסטן. אבער די אָרדנונגס-פּארטיי איז אויך טעטיק אינם נאמען פון דער רעפּובליק. די רע-פּובליק סאנקציאָנירט איר געמיינזאמע הערשאפט; די אָרדנונגס-פּארטיי פּאר-טיידיקט די רעפּובליק פון באַנאפּארטס רעסטאַווראציאָנס-שטרעבונגען. אף צעלאָכעס די אָרלעאַניסטן שטעלן די לעגיטימיסטן, און אף צעלאָכעס די לעגיטימיסטן שטעלן די אָרלעאניסטן פאָר דעם עקזיסטירנדיקן status quo, די רעפּובליק. די אלע פראקציעס פון דער אָרדנונגס-פּארטיי, פון וועלכע יעדע האָט in petto איר אייגענעם קעניג און איר אייגענע רעסטאַווראציע, שטעלן יענע ארויס קעגן די אוזורפאציאָנס-און ווידערשפעניקייטס-שטרעבונגען פון זייערע קעגנערס די אלגעמיינע הערשאפט פון דער בורזשואזיע, די

מלוכע־פארם, בא וועלכער אלע זייערע באזונדערע טוויעס פארבלײַבן אין דער נייטראליזירטער פארם—אין דער רעפובליק.

בא קאנטן איז די רעפובליק, אלס די איינציקע, פארנונפטיקע-מלוכע־ארדנונג, אַ פאסטולאט פון פראקטישן פארנונפט: מיר וועלן קיינמאל נישט דערגרייכן צו איר פולער פארווירקליכונג, אבער דארפֿן שטענדיק שטרעבן צו איר, טאמיד האבן פאר זיך אט דעם דאזיקן אידעאל, פונקט אזוי האבן די ראָיאליסטן געקוקט אף דער מאנארכיע.

די קאנסטיטוציאנע׳ע רעפובליק, וואס איז פון די הענט פון די בורזשוּאזע רעפובליקאנער ארויס, ווי א פוסטע אידעאלאגישע פארמול, איז אין די הענט פון די פאראייניקטע ראיאליסטן, אף אזא אויפן געווארן פול מיט אינ־האלט, מיט א לעבעדיקער מלוכע־פארם. טיער האט אפילע נישט כוישעד געווען, וויפל עמעס עס ליגט באהאלטן אין זײַנע ווערטער: „מיר, ראיא׳יסטן, זײַנען די זיכערסטע שטיצע פאר דער קאנסטיטוציאנעלער רעפובליק״.

דאס פאקן פונם מיניסטעריום פון דער ראיאליסטישער קאָאליציע, דאָס וואס אף דער סצענע איז ארויסגעטראָטן דאס מיניסטעריום פון אנגעשטעלטע, האט געהאט נאך א באדײַטונג. אלס פינאנס־מיניסטער איז אינם נײַעם קאבינעט באשטימט געווארן פולד. מאכן פולדן פאר א פינאנס־מיניסטער האט געהייסן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אפיציעל איבערגעבן דאס פראנצויזישע נאציאנאלע רײַכטום אין די הענט פון דער בערזע, פארוואלטן מיטן מלוכע־פארמעגן מיט דער הילף פון דער בערזע און אין די אינטערעסן פון דער בערזע. צוזאמען מיט פו׳דס באשטימונג האט די פינאנס-אריסטאָקראטיע פראקלאמירט אינם „מאָניטער״ איר רעסטאווראציע. די דאזיקע רעסטאווראציע איז געווען א נויטווענדיקער צוגאב צו די אלע איבעריקע רעסטאווראציעס און איז צוזאמען מיט זיי געווען א רינג אין דער קייט פון דער קאנסטיטוּציאנעלער רעפובליק.

לואי-פיליפ האָט זיך קײַן איין מאל נישט דערוועגט צו מאכן פאר אַ פינאנס-מיניסטער אַן עמעצן loup-cervier (בערזן-וואָלף). זײַן מאנארכיע איז געווען אַן אידעאַלע שירמע פאַר דער הערשאַפט פון דער גרויס-בורזשואַזיע; אין זײַן מיניסטעריום זײַנען די פריווילעגירטע אינטערעסן פאַרמאסקירט געווען אונטער אידעאָלאָגיש-נייטראלע נעמען. אין דער בורזשואַזער רעפובליק טרעט אַפן פאָדערגרונט ארויס דאָס, וואָס די פאַרשיידענע מאנאַרכיעס, די לעגיטי־מיסטישע און ראָיאַליסטישע האבן באהאלטן אונטער די קוליסן. זי האָט אַראָפּ-געשלעפּט אַף דער ערד דאס, וואָס זיי האבן אַרויפגעטראָגן אפן הימל. די נע-מען פון די הייליקע האָט זי פאַרביטן אַף בורזשואַזע אייגננעמען פון די הער־שנדיקע קלאַסן־אינטערעסן.

אַלץ, וואָס מיר האבן דאָ איבערגעגעבן באַווײַזט, אַז די רעפובליק האט גלײַך פונם ערשטן טאָג אָן פון איר עקזיסטענץ נישט נאר נישט פאַרניכטעט די הערשאַפט פון דער פינאנסיע׳ער אַריסטאקראַטיע, נאר פארקערט, זי האָט זי פאַרפעסטיקט. געטאָן האט זי עס אָבער קעגן איר ווילן, צוליב נויטווענדי־

קייט. צוזאַמען מיט פולדן אָבער האָט זיך די מלוכע-איניציאַטיוו צוריק אומגעקערט אין די הענט פון דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע.

דער לעזער קאָן פרעגן, אַף וואָס פאַר אַ אופן האט עס די גאַנצע בורזשואַזיע צוזאַמענגענומען געקאָנט אויך איצט פאַרלירן די הערשאַפט פון דער פינאַנס-אַריסטאָקראַטיע, וואָס האט זיך אין לואי-פיליפס צייטן באַזירט אַף דעם באַזייטיקן פון דער מאַכט אָדער אונטערטעניק מאַכן די איבעריקע שיכטן פון דער בורזשואַזיע?

דער ענטפער איז אַ פאָשעטער,

די זאַך באַשטייט פריער פון אַלץ דערין, וואָס די פינאַנס-אַריסטאָקראַטיע אַליין בילדעט אַ וויכטיקע אָנפירנדיקע גרופּע אינעווייניק אין דער ראַיאַליסטישער קאָאַליציע, וועלכע פירט געמיינזאַם אָן מיט דער רעפּובליק. זיינען דען די רעדנערס און פירערס פון די אָרלעאַניסטן נישט געווען קיין אַלטע פאַרבינדעטע און שותפים פון דער פינאַנס-אַריסטאָקראַטיע? איז דען די פינאַנסיעלע אַריסטאָקראַטיע נישט געווען די גאָלדענע פאַלאַנגע פון די אָרלעאַניסטן? וואָס איז שייך די לעגיטימיסטן, האָבן זיי שוין אין לואי-פיליפס צייטן אָנטייל גענומען אין אַלע אָרגיעס פון די בערזן-, באַרג-, אין אייזנבאַן-ספּעקולאַציעס. ביכלאַל, איז דער בונד צווישן דעם גרויסן ערדבאַזיץ מיט דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. אַ ביישפּיל—איינגלאַנד, אַ ביישפּיל—אַפילע עסטרייך.

אין אַזאַ לאַנד, ווי פראַנקרייך, וואו די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע שטייט אַף אַ פּראָפּאָרציאָנעל נידעריקער שטופע אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פונם מלוכע-כויוו, וואו די מלוכע-רענטע איז דער וויכטיקסטער אָביעקט פאַר ספּעקולאַציע און די בערזע איז דער הויפּט-מאַרק פאַר דער נישט פּראָדוקטיווער באַנוצונג פון קאַפּיטאַלן—אין אַזאַ לאַנד מוז אַן אומגעהייער גרויסע צאָל מענטשן פון אַלע בורזשואַזע און האַלב-בורזשואַזע קלאַסן פאַראינטערעסירט זיין אינם מלוכע-כויוו, אין דער בערזן-שפּיל, אין די פינאַנסן. און אָט די אַלע צווייט-ראַנגיקע אָנטיילנעמערס פון דער בערזע געפינען זייער נאַטירלעכע שטיצע און אָנפירונג אין דער פראַקציע, וועלכע איז די קאָלאָסאַלע טרעגערן פון די בערזן-אינטערעסן אין זייער גאַנצער גרויס.

וואָס איז די סיבע פונם איבערגאַנג פון דעם מלוכע-פאַרמעגן אין די הענט פון דער פינאַנסיעלער אַריסטאָקראַטיע? די אָן אויפהער וואַקסנדיקע פאַרשולדיקטקייט פון דער מלוכע. און די סיבע פון אָט דער פאַרשולדיקטקייט פון דער מלוכע? דער שטענדיקער איבערוויכט פון אירע הויצאָעס איבער די האַכנאָסעס, וואָס דאָס איז, פון איר זייט, דער פּויעל-יויצע און די סיבע פון דער סיסטעם פון מלוכע-האַלוואָעס.

קדי אויסצומיידן אָט די פאַרשולדיקטקייט, דאַרף די מלוכע באַגרעניצן אירע הויצאָעס, ד. ה. פאַראיינפאַכן, פאַרקירצן דעם מלוכע-אָרגאַניזם, וואָס ווייניקער פאַרוואַלטן, באַשעפטיקן אַ ווי ווייט מעגלעך קלענערן פּערסאָנאַל פון באַאַמטע, וואָס ווייניקער אַרייַנטרעטן אין באַרירונג מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט,—די אָרדנונגס-פּאַרטיי האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אַף אַזאַ

אויסוועג; פאַרקערט, זי האט געמוזט פארשטארקן אירע מיט׳ען, איר פייהיקייט צו זיין צומעטום אין דער פּערזאָן פון די מלוכה-אָרגאַנען, זי האט געמוזט אַלץ אָפטער און אָפטער ארויסטרעטן אין דער פו׳ער באַוואָפנקייט פון דער מלוכה, ווייל פון אַלע זייטן האבן איר הערשאַפט געדראָט אַלץ נייע סאקאָנעס. עס איז אוממעגליך צו פארקלענערן דעם באַשטאַנד פון דער פאליציי אין דער צייט, ווען עס וואקסט די צאל פארברעכנס קעגן פּערזענליכקייט און אייגנטום.

עס איז פאַראַן נאך אנ׳אַנדער אויסוועג: מע קאָן באַפרייען די מלוכה פון כויוועס, פעסטשטעלן א באַלדיקע, האגאם גיך פאַרבייגייענדיקע, גלייכגעוויכט אינם ביודזשעט דורך אַן אויסעראָרדנטליכן שטייער אַף די פאַרמעגליכסטע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג. אָבער צי דען וועט די אָרדנונגס-פאַרטיי ברענגען פאַר א קאָרבן אפן מיזבייאַך פונם פאָטער-לאַנד איר אייגן רייכטום, קדיי צו ראטעווען דאָס נאַציאָנאלע רייכטום פון בערזן-עקספּלאָאַטאַציע? Pas si bête! (זי איז נישט אַזוי נאריש!)

אלזא, אָן אַ גרינט׳יכער איבערקערעניש אין דער פראנצויזישער מלוכה איז אוממעגליך אַ רעפארם פון דער מלוכה-ווירטשאַפט אין פראנקרייך. און מיט אָט דער מלוכה-ווירטשאַפט איז איינג צוזאַמענגעבונדן די פארשולדיקטקייט פון דער מלוכה, מיט דער פאַרשולדיקטקייט פון דער מלוכה—די ספעקוליאציע אַף די מלוכה-כויוועס, די הערשאַפט פון די מלוכה-קרעדיטאָרן, די באַנקירן, געלט-הענדלער, „בערזן-וועלף". בלויז איין פראקציע פון דער אָרדנונגס-פאַרטיי איז געווען דירעקט פאראינטערעסירט אינם פאַלן פון דער פינאנסיע׳ער אַריסטאקראַטיע—דאס זיינען געווען די פאַבריקאַנטן. מיר ריידן נישט וועגן די מיטעלע, נישט וועגן די קליינע אינדוסטריעלער, נאָר וועגן די קעניגען פון דער פאַבריק-וועלט, וואָס האבן אין לואי-פיליפס צייטן געבילדעט די קאדרן פון דער דינאסטישער אָפּאָזיציע. זייערע אינטערעסן האָבן אָן ספק געפאָדערט, אַז עס זאָלן פארקלענערט ווערן די פראָדוקציעס-הוצאָעס, הייסט עס, עס זאָלן פאַרקלענערט ווערן די שטייערן, וואָס פאלן סאָף קאָל סאָף אַף דער פראָדוקציע. עס זאָלן פארקלענערט ווערן די מלוכה-כויוועס, וואָס די פראָצענטן דערויף גייען אַריין אין די שטייערן,—אנדערש געזאָגט, זיי האבן געפאדערט, אַז עס זאָל פאלן די פינאנס-אריסטאקראַטיע.

אין ענגלאַנד—און די גרעסטע פראנצויזישע פאבריקאַנטן זיינען דאך פּאָשעטע באלמעלאָכעס אין פארגלייך מיט זייערע ענגלישע קאָנקורענטן—זעען מיר ווירקליך פאבריקאַנטן, קאָבדען און ברייט, בעראָש פון אַ קאָמפאניע קעגן דעם באַנק און קעגן דער בערזן-אַריסטאָקראַטיע. פארוואָס זשע איז עס נישטאָ אין פראַנקרייך? אין ענגלאַנד נויטיקט זיך די אינדוסטריע אין free trade (פרייען האנדל), אין פראנקרייך—אין באשיצנדיקע גרעניץ-אָפּצאָלן, אין אַ נאַציאָנאַל׳ער מאנאפּאליע, צוגלייך מיט אַלער׳ליי אנדערע מאנאָפּאָליעס. די פראַנצויזישע אינדוסטריע פאַרנעמט נישט דעם ערשטן אָרט אין דער נאַציאָנאַלער פראָדוקציע פון פראַנקרייך, דעריבער פאַרנעמען די פראנצויזישע פאבריקאַנטן נישט דעם ערשטן ארט אין די רייען פון דער פראנצויזישער בורזשואַזיע. קדיי צו פארטיידיקן זייערע אינטערעסן קעגן די איבעריקע פראַקציעס

פון דער בורזשואזיע, קענען זיי זיך נישט שטעלן בעראש פון דער באַוועגונג, ווי אין איינגלאַנד, און אין דער זעלביקער צייט פאַרטיידיקן זייערע קלאַסן-אינטערעסן אין זייער שאַרפסטער פאָרם,—זיי מוזן גייען אינם עק פון דער רעוואָליוציע און דינען די אינטערעסן, וואָס זײַנען קעגנזעצליך די אלגעמיינע אינטערעסן פון זייער קלאס. אין פעוורואַל האבן זיי נישט פארשטאנען זייער לאַגע, אָבער פעוורואַל האט זיי אויסגעלערנט. ווער־זשע שטייט נעענטער פון אלעמען די גע־אר מיצאַד די אַרבעטער, אויב נישט דעם אַרבעט-געבער, דעם אינדוסט־ריעלער, דעם פאַבריקאַנט? דער פאַבריקאַנט איז דעריבער געוואָרן דער הייסע־סטער פאַנאַטיקער פון דער אָרדנונגס-פּאַרטיי. עמעס, די בערזן-לײַט שנײַדן אַרום זײַנע רעוואָכים, אָבער וואָס איז עס אין פאַרגלײַך מיט זייער פולער פאַרניכטונג דורכן פּראָלעטאַריאַט?

אין פראַנקרײַך דערפילט די קליין-בורזשואזיע דאס, וואס בא נאָרמאַלע באַדינגונגען וואלט עס געווען די ארבעט פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע; די ארבעטער ווידער נעמען אף זיך די אויפגאַבע, וועלכע עס וואלט בא נאָר־מאלע באַדינגונגען אויספאַלן אפן גורל פון דער קליין-בורזשואזיע. ווער אָבער באַקומט די אויפגאבע פון די ארבעטער, ווער לעזט זי? קיינער נישט. זי ווערט נישט געלעזט אין פראַנקרײַך, זי ווערט דאָ בלויז געשטעלט אפן טאָג-סיידער. זי קאָן נישט געלייזט ווערן אינעווייניק, אין די נאציאַנאַלע גרעניצן: דער קלאסן־קאמף אין דער פראנצויזישער געזעלשאפט ווערט טאָמיר פאַרוואַנדלט אין א וועלט-קריג צווישן אלע נאציעס.

די לייזונג פון אָט דער דאָזיקער גרויסער אויפגאבע וועט מעגליך ווערן ערשט דאַן, ווען א וועלט-מילכאָמע וועט אוועקשטעלן דעם פּראָלעטאריאַט בע־ראָש פון דעם פאָלק, וועלכער הערשט איבערן אלוועלטליכן מאַרק, בעראָש פון איינגלאנד. דאָך וועט אויך דעמאָלס די רעוואָ-לוציע נישט קומען צו איר סאָף, זי וועט בלויז געפינען איר אָנהויב.

דאס וועט נישט זײַן קיין פארבײַגייענדיקע רעוואָליוציע. דער איצטיקער דאָר דערמאָנט אן די יידן, וואס מוישע האט געפירט דורכן מידבאר. ער דאַרף אויסקעמפן די נײַע וועלט, אבער אים איז שוין נישט באַשערט זי צו זען. ער מוז אומקומען, קדיי צו לאָזן אן אָרט פאר די מענטשן, וואָס זײַנען ווערט די נײַע וועלט.

לאָמיר זיך אומקערן צו פולדן.

דעם 14-טן נאָיאבר 1849 יאר, איז פולד ארויף אף דער טריבונע פון דער נאַציאָנאלער פארזאַמלונג און האָט איבערגעלייענט זײַן פינאנסיעלע פּראָג־ראַם: אַן אַפּאָלאָגיע [1] פון דער אלטער שטײַערן-סיסטעם, איבערלאָזן דעם אָפּצאָל פון ווײַן, אָפּזאָגן זיך פון פאַססי'ס האַכנאָסע-שטײַער!

און פאססי איז נישט געווען קיין רעוואָליוציאָנער, ער איז געווען א וואַ־פיליפּס אן אלטער מיניסטער. ער האָט געהערט צו די פּוריטיינער פון דיופאָרס שניט און צו די אינטימסטע פרײַנט פון טעסטן, אט דעם „סאָאיר לאַאַזאָל"

[1] לויב-געזאַנג.

פון דער יולי-מאָנארכיע [2]) און פאַססי איז אויך געווען אַן אָנהייגער פון דער אלטער שטײַערן-סיסטעם, ער האָט אויך געוואלט פארהיטן דעם אָפּצאָל פון ווײַן, אָבער אין דער זעלביקער צײַט האט ער ארונטערגעריסן דעם שלייער פונם מלוכע-דעפיציט. ער האָט געמאָלדן, אז אויסמיידן אַ מלוכע-באנקראָט קאָן מען נאר מיט דער הילף פון אַ נײַעם שטײַער, א האַכנאָסע-שטײַער. פולד, וואס האָט אמאל געהאט פארגעלייגט לעדריו-ראָללען׳ען צו דערקלערן א מלוכע-באנקראָט, האט פאָרגעלייגט דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג דעם מלוכע-דעפיציט. ער האָט צוגעזאָגט אפצושפּאָרן. דער סאַך פון אט דעם „שפּאָרן" האט זיך ארויסבאוויזן דערנאך; לעמאָשל, די הויצאָעס זײַנען קלענער געווארן אף 60 מיליאן, און דער לויפנדער כויוו איז גרעסער געוואָרן אף 200 מיליאן,—פארדעכטיקע פאקוסן אינם גרופירן די ציפערן, אין אונטערפירן די כעשבוינעס, און סאָף קאָל סאָף פירט דאס אלץ צו נײַע האַלוואָעס.

אין פולדס צײַטן איז די פינאנס-אריסטאקראטיע, פארשטייט זיך, נישט ארויסגעטראָטן מיט אזא אומפארשעמטן ציניזם, ווי בא לואי-פיליפּן. דער טאָך איז אבער פארבליבן דער זעלביקער. דער זעלביקער אומאויפערליכער וואוקס פון די מלוכע-כויוועס, דער זעלביקער פארמאסקירטער דעפיציט. און מיט דער צײַט איז די אלטע בערזן-שווינדל-ערײַ ארויסגעטראטן אָפּענער. אַ באווײַז: דער געזעץ וועגן אַוויניאנער אײַזנבאן, די געהיימניספולע וואקלונגען פון די מלוכע-פאפירן, וואס איז געווארן די ברענענדיקסטע טאָג-פראַגע אין גאנץ פאריזש, ענדליך, פולדס און באנאפּארטס נישט-געלונגענע ספעקולאציעס אף די וואלן פון דעם 10-טן מארט.

נאָך דער אפיציעלער רעסטאווראציע פון דער פינאנסיעלער אריסטאקראטיע האט פראנקרײַך דערווארטעט א נײַער 24-טער פעווראַל.

די גרינדונגס-פארזאמלונג האט אף צעלאכעס איר יורעשטע אפגעשאפט דעם ווײַן-שטײַער פון 1850 יאָר אָן. דאָס אפשאפן די אלטע שטײַערן האט נישט געגעבן קיין מיטלען אף צו באצאָלן די נײַע כויוועס. קראָטאָן, דער קרעטין פון דער ארדנונגס-פּאַרטיי, האט פארגעלייגט דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג ווידער אײַנצופירן דעם ווײַן-שטײַער. די פארזאמלונג האט געמוזט באַשליסן די דאזיקע פראגע נאך פארן אפלייגן פון אירע זיצונגען. פולד האט אנגענומען דעם דאָזיקן פארשלאג אינם נאמען פונם באָנאפארטיסטישן מיניסטעריום, און דעם 20-טן דעצעמבער 1850 יאר, אינם יארצײַט פון באָנאפארטס אויסוואל, האט די נאציאנאלע פארזאמלונג דעקרעטירט די רעסטאווּרירונג פונם ווײַן-שטײַער.

---

[2]) דעם 8-טן יוני 1849 יאָר האָט זיך אינם פערן-הויז (די אויבערשטע פּאלאַטע) אָנגעהויבן דער פראָצעס קעגן פארמאנסיע און גענעראַל קיוביער—זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין אונטער-קויפן באַאַמטע מיטן צוועק צו באקומען א היפּשע קאָנצעסיע—און קעגן דעם דאַמאָלסדיקן מיניסטער פאַר געזעלשאַפטליכער אַרבעט טעסט, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן דערין, וואָס ער האט באַ זיי גענומען כאַבאַר. דער לעצטער האָט בעשאַסן פּראָצעס געמאכט א פּרואוו זיך צו נעמען דאָס לעבן. אלע באַשולדיקטע זײַנען צוגעמישפּעט געוואָרן צו גרויסע געלט-שטראָפן. טעסט—א כוץ דעם—צו דרײַ יאָר געפענגעניש. פ. ע.

דער אַדוואָקאַט פון דער דאָזיקער רעסטאַװראַציע איז געװען נישט קײן פינאַנסיסט, נאָר דער אָנפירער פון די יעזױאיטן מ אָ נ ט אַ ל אַ מ ב ע ר. זײַן אַרגומענטאַציע איז געװען פּשוט ביז גאָר. װאָס איז אַזױנס אַ שטײַער? אַ שטײַער —דאָס איז אַ מוטער-ברוסט, װאָס דערנערט די רעגירונג; די רעגירונג—דאָס איז אַ געװער פאַר רעפּרעסיעס, דאָס זײַנען די אָרגאַנען פון געזעלשאַפטלעכער מאַכט און אױטאָריטעט, דאָס איז די אַרמײ, די פּאָליציי, די באַאַמטע, דאָס געריכט, די מיניסטאָרן, דאָס זײַנען ענדליך, די ג אַ ל אָ כ י ם. אַן אַטענטאַט אױפן שטײַער איז אַן אַטענטאַט פון אַנאַרכיסטן אױף די היטערס פון אָרדנונג, װאָס באַשיצן דאָס פּראָדוצירונג פון די מאַטעריעלע און גײַסטלעכע אױצרעס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט קעגן דעם אַרײַנרײַסן זיך פון די פּראָלעטאַרישע װאַנדאַלן. דער שטײַער, דאָס איז דער פינפטער גאָט, צוגלײַך מיטן אײגנטום, פאַמיליע, אָרדנונג און רעליגיע. און דער שטײַער אױף װײַן איז אָן ספק אַ שטײַער און דערבײַ נישט קײן געװײנלעכער, נאָר גאָר אַן אַלטער רעספּעקטאַבעלער שטײַער מיט מאָנאַרכיסטישע טענדענצן. Yive limpôt des boissons! (זאָל לעבן דער שטײַער אױף װײַן! Three cheers and one cheer more! דרײַ מאָל הוראַ און נאָך אַמאָל הוראַ!).

װען דער פּראָװינציעלער פּױער מאַלט אױפן װאַנט אַ שעד, מאַלט ער אים אין דעם פּערזאָן פונם שטײַערן-זאַמלער. פון דעם מאָמענט אָן, פון זינט מאָנטאַלאַמבער האָט דערקלערט דעם שטײַער פאַר אַ פינפטן גאָט, איז דער פּױער געװאָרן אַ „קױפער בעאיקער", אַן אַטעאיסט, און האָט זיך אַ װאָרף געטאָן אין די אָרעמס פונם טײַװל, פון ס אָ צ י אַ ל י ז ם. די רעליגיע פון דער אָרדנונג האָט אים לײַכטזיניק אַרױסגעלאָזן פון אירע הענט. דער פּױער איז אַװעק פון די יעזױאיטן, אַװעק פון באָנאַפּאַרטן. דער 20-טער דעצעמבער פון 1849 יאָר— האָט אױף טאָמיד קאָמפּראָמעטירט דעם 20-טן דעצעמבער פון 1848 יאָר. „װײַן פּעטערס פלימעניק" איז נישט געװען אין זײַן מישפּאָכע דער ערשטער, װעמען עס האָט געשלאָגן דער װײַן-שטײַער, אַ שטײַער, װעלכער שמעקט, לױט מאָנטאַלאַמבערס רײד, מיטן רעװאָלוציאָנערן שטורם. דער עמעסער גרױסער נאַפּאָלעאָן האָט זיך אױפן אינזל פון דער הײליקער העלענע אַרױסגעזאָגט אין דעם זינען, אַז די צוריק-אױפשטעלונג פונם װײַן-שטײַער איז געװען שיער נישט די הױפּט-סיבע פון זײַן פאַלן, װײַל דאָס האָט אױפגערעגט קעגן אים די פּױערים פון דאָרעם-פראַנקרײַך.

שױן בײַ לואי דעם 14-טן איז דער דאָזיקער שטײַער געװען דער הױפּט-אָביעקט פון דער פאָלקס-שינע (זע די װערק פון בואַגיבער און װאָבאַן); די גרױסע רעװאָלוציע האָט אים אָפּגעשאַפט, און נאַפּאָלעאָן האָט אים װידער אײַנגעפירט אין 1808 יאָר אין אַ ביסל אַ געענדערטער פאָרם. װען די בורבאָנען האָבן זיך אומגעקערט קײן פראַנקרײַך, האָבן אין זײער אַװאַנגאַרד גאַלאָפּירט נישט נאָר קאָזאַקן; צוזאַמען מיט זײ איז אױך געגאַנגען דער צוזאָג אָפּצושאַפן דעם װײַן-שטײַער.

די Gentilhommerie (דער אַדעל—די פּריצים) איז פאַרשטײט זיך נישט מעכױעװ געװען צו האַלטן דאָס װאָרט, װאָס עס האָבן געגעבן די -gens tail

(די רעכטלאזע נידעריקע שטאנדן פון lables à merci et misericorde
דער באפעלקערונג). דער 1830 יאר האט אויך צוגעזאגט אפצושאפן דעם וויין-
שטייער. אבער נישט אין זיין כאראקטער איז געווען צו טאן דאס, וואס ער
האט גערעדט און צו ריידן דאס, וואס ער האט געטאן. דער 1848 יאר האט
צוגעזאגט אפצושאפן דעם וויין-שטייער, פונקט ווי ער האט אלץ צוגעזאגט. די
גרינדונגס-פארזאמלונג, ענדליך, וואס האט גארנישט נישט צוגעזאגט, האט, ווי
דערמאנט, פארארדנט אין איר צוואוע, אז דער וויין-שטייער זאל אפגעשאפט
ווערן פונם 1-טן יאנואר 1850 יאר אן. אבער פונקט מיט 10 טעג פארן 1-טן
יאנואר פירט אים די געזעצגעבערישע פארזאמלונג ווידער איין. דאס פראנצוי-
זישע פאלק האט זיך אומזיסט געיאגט נאך דעם דאזיקן שטייער; עס האט אים
ארויסגעווארפן דורכן טיר, איז דער שטייער צוריק אריין דורכן פענסטער.

דער וויין-שטייער איז נישט אומזיסט געווען דער אביעקט פון דער פאלקס-
סינע: אין אים האבן זיך פאראייניקט די סאמע פארהאסטע זייטן פון דער
פראנצויזישער שטייערן-סיסטעם. דאס אויפמאנען דעם שטייער איז צוזאמענ-
געבונדן געווען מיט אן א צאל צוטשעפענישן; די פארטיילונג זיינע איז געווען
נישט קיין גלייכמעסיקע, ווייל ער פאלט אין דער זעלביקער מאס אף געוויינ-
ליכסטע און אף די טייערסטע ווייגען. ער ווערט אלזא פארגרעסערט אין
א געאמעטרישער פראגרעסיע, פאראלעל דערמיט, אף וויפל עס ווערט קלענער
דעם געברויכערס פארמעגן: דאס איז א פראגרעסיווער שטייער אף פארקערט.
דאס איז א פרעמיע אף פאלשע און נאכגעמאכטע ווייגען און רופט אף אזא
אויפן ארויס סיסטעמאטישע פארגיפטיקונגען בא די ארבעטנדיקע קלאסן.
ער פאדקלענערט דעם געברויך, אויפשטעלנדיק בא די טויערן פון יעדער שטאט
מיט א באפעלקערונג פון העכער 4.000 מענטשן, אקציז-וואכן און פארוואנדלענ-
דיק יעדע פון די שטעט אין א פרעמד לאנד, וואס איז באשיצט פון פראנצוי-
זישן וויין מיט שוץ-אפצאלן. די גרויסע וויינהענדלערס, און נאך אין א גרעסערער
מאס די קליינע שיינקערס, די וויינקעלערס, וועלכע לעבן פון וויין-פארקויף,—
דאס זיינען אלץ פארביסענע סאנים פונם וויין-שטייער. און, ענדליך, פארקלענערנ-
דיק דעם געברויך, נעמט דער וויין-שטייער צו בא דער פראדוקציע אן אפזאץ-
מארק. אפנעמענדיק בא די שטאטישע ארבעטער די מעגליכקייט צו קויפן וויין,
נעמט ער צו בא די פויערים, די וויינמאכערס, די מעגליכקייט דעם וויין
צו פארקויפן. און פראנקרייך ציילט אן ערך 12 מיליאן וויינמאכערס. עס איז
דעריבער פארשטענדליך די פארביטערונג פונם גאנצן פאלק קעגן דעם וויין-
שטייער, פארשטענדליך איז באזונדערס די אויפרעגונג פון די פויערים. דערצו
נאך האבן זיי אין דער רעסטאווירונג פונם וויין-שטייער געזעען נישט קיין
איינצלנע, מער אדער ווייניקער צופעליקע געשעעניש. די פויערים האבן
זייערע אייגענע היסטארישע טראדיציעס, וועלכע גייען איבער פון פאטער
צו זון — אין דער דאזיקער היסטארישער שול האט מען געמורמלט צווישן זיך,
אז יעדע רעגירונג, ווען זי וויל אפנארן די פויערים, זאגט זי זיי צו אפצושאפן
דעם וויין-שטייער, און ווי נאר זי נארט זיי אפ, לאזט זי אים איבער אדער
פירט אים צוריק איין, אויב ער איז שוין געווען אפגעשאפט. אפן וויין-שטייער

פּראָוואָט דער פּויער דעם בוקעט פון דער רעגירונג, איר טענדענץ. די רעסטאַווריר־רונג פונם ווײַן־שטייער אין דעם 20־ן דעקאַבער האָט באַטײַט: לואי־באָנאַפּאַרט איז פּונקט אַזאַ, ווי אַלע איבעריקע. ער איז אָבער נישט געווען, ווי אַלע איבעריקע. ער איז געווען דער באַליבטעסטער מענטש בײַ די פּויערים, און אין די פּעטיציעס קעגן דעם שטייער, וואָס זײַנען באַדעקט געווען מיט מיליאָנען אונטערשריפטן, האָט דאָס פּויערטום צוריקגעצויגן זײַנע שטימען, וואָס עס האָט מיט אַ יאָר צוריק אָפּגעגעבן דעם „פּלימעניק פון זײַן פעטער“.

די דאָרפישע באַפעלקערונג, העכער צוויי דריט, פון דער גאַנצער פראַנ־צויזישער באַפעלקערונג, באַשטייט מערסטענטיילס פון די אַזוי גערופענע פרײַע ערדבאַזיצערס. דער ערשטער דור זייערער, וואָס איז אָן אָפּצאָל באַפרײַט געוואָרן דורך דער רעוואָליוציע פון די יאָר 1789 פון די פעאָדאַלע היסכײַוועסן האָט באַקומען זײַן ערד אומזיסט. אָבער די ווײַטערדיקע דורות האָבן שוין געמוזט צוקויפן ערד; דאָס, וואָס זייערע האַלב־פאַרשקלאַפטע זיידעס האָבן געצאָלט אין דער פאָרם פון רענטע, מײַסער, אַרבעטס־אָפּצאָל א. א. וו., האָבן זיי געצאָלט אין דער פאָרם פון פרײַז פאַר דער ערד. וואָס מער, פון איין זײַט, עס איז געוואַקסן די באַפעלקערונג, און וואָס מער עס איז, פון דער אַנדערער זײַט, פאַרגרעסערט געוואָרן די צעברעקלונג פון דער ערד, אַלץ טײַערער איז געוואָרן די פרײַז פונם קליינעם ערד־שטאַך, ווייל אַף וויפל עס זײַנען קלענער געוואָרן אָט די פאַרצעלן (כאַלאָקים), אַף אַזויפיל איז געוואַקסן די אָנפראַגע אַף זיי. צוזאַמען מיט דער פרײַז פון די פּויערישע פאַרצעלן איז געוואַקסן דעם פּויערס פאַרשולדיקטקײַט, דאָס הייסט, די היפּאָטעק — אַלץ איינס, צי האָט ער געקויפט די פאַרצעל דירעקט, אָדער זי איז אים פאַר־רעכנט געוואָרן דורך די איבעריקע יאָרשים, ווי אַ קאַפּיטאַל. דער כויוו, וואָס ליגט אַף דער ערד, הייסט היפּאָטעק, אַ שטאַרמאַשקן אַף דער ערד. אַף די מיטל־אַלטערישע שטיקער ערד זײַנען געלעגן פּריווילעגיעס, אַף די נײַעסטע פאַרצעלן — היפּאָטעקעס. פון דער אַנדערער זײַט איז בײַ דעם רעזשים פון קליינע שטאַכים די ערד פאַרן פּויער אַ פּאָשעטער פּראָדוקציאָנס־געצײַג, — און אַלץ פילבאַרער ווערט פאַר אים דער שאָדן פון ברעקלען די ערד, וואָס עס פאַרקלענערט איר פרוכטבאַרקײַט. באַנוצן מאַשינען בײַם באַאַרבעטן דעם באָדן, אַרבעטס־צעטיילונג, גרויסע מעליאָראַציאָנס־אונטערנעמונגען, ווי, לעמאָשל, אײַנאָרדנונג פון אָפּפיר־און באַוואַסערונגס־קאַנאַלן א. א. וו., — דאָס אַלץ ווערט אַלץ מער און מערער נישט צוטריטליך פאַרן אייגנטימער פונם פאַרצעל, און די נישט־פּראָדוקטיווקייט פון די הויצאָעס אַף צו באַאַרבעטן די ערד ווערט גרעסער צוזאַמען מיט איר צוברעקלונג. דאָס אַלץ איז נישט אָפּהייגיק דערפון, צי פאַרמאָגט דער פּויער אַ קאַפּיטאַל אָדער נישט. אָבער וואָס ווײַטער עס גייט דער פּראָצעס פון צעברעקלען די ערד, אַלץ נידעריקער פאַלט דער פּויער — דער אייגנטימער: זײַן אייגנטום ווערט אַלץ מערער און מערער באַגרענעצט מיט איין שטיקל ערד און מיט זײַן אָרעמען אין נישטיקן אינווענטאַר; די פאַכן פון באַנוצן קאַפּיטאַל צו דער ערד ווערן אַלץ וועלטענער;

דער פויער קען זיך נישט באַנוצן מיט די דערגרייכונגען פון דער אַגראָנאָמיע — דערויף סטאַיעט באַ אים נישט ניט קיין ערד, ניט קיין געלט, ניט קיין בילדונג; די ערד־באַאַרבעטונג גייט אַלץ מערער צוריק. ענדליך ווערט די ריינע האַכנאָסע פאַרקלענערט אין דער זעלביקער פּראָפּאָרץ, אין וועלכער עס ווערט פאַרגרעסערט דער אַלגעמיינער געברויך פון דער פויערשער פאַמיליע; דאָס באַאַרבעטן די פּאַרצע, שלינגט איין אַלע קויכעס פון דער פאַמיליע, נעמט אָפּ באַ איר די מעגליכקייטן פון אַנדערע באַשעפטיקונגען, אפער באַ דעם אַלעם פאַרזיכערט עס איר נישט קיין אָרימער, מינימאַלער עקזיסטענץ.

אַזוי, מיטן וואוקס פון דער באַפעלקערונג און מיט דער וואַקסנדיקער צעברעקלונג פון דער ערד ווערט טייערער דער פּראָדוקציאָנס־מיטל, די ערד, עס ווערט קלענער איר פרוכטבאַרקייט, עס פאַלט די ערד־אַרבעט און עס וואַקסן די פויערשע כויוועס. דאָס, וואָס עס איז געווען אַ פויעל־יויצע, ווערט פון זיין זייט אַ סיבע. יעדער דאָר לאָזט איבער אַלץ גרעסערע כויוועס דעם ווייטערדיקן, יעדער נייער דאָר הויבט אָן זיין קאַריער באַ אַלץ שווערערע און נישט־גינציקערע באַדינגונגען, די היפּאָטעק רופט אַרויס נייע היפּאָטעקן און, ווען דער פויער קאָן שוין מער נישט איבער אַ נייעס פאַרזעצן זיין שטיקל ערד אונטער נייע האַלוואָעס, ד. ה. באַלעסטיקן זי מיט נייע היפּאָטעקן, פאַלט ער אַריין אין די הענט פון פּראָצענטניק און צאָלט אים אַלץ גרעסערע און איבערדערמאָס פּראָצענטן.

אַף אַזאַ אויפן גיט דער פראַנצויזישער פויער אין דער פאָרם פון פּראָצענטן אַף די היפּאַטעקן, וואָס באַלעסטיקן זיין ערד, אין דער פאָרם פון פּראָצענטן אַף די נישט היפּאָטעזירטע האַלוואָעס באַ די פּראָצענטניקעס, גיט ער אַוועק די קאַפּיטאַליסטן נישט נאָר די ערד־רענטע, נישט נאָר דעם אינדוסטריעלן רעווח, מיט איין וואָרט, נישט נאָר די גאַנצע האַכנאַסע פון זיין שטיקל ערד, נאָר אַפילו אַ טייל פון זיין אַרבעטס־לוין; ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער מאַדרייגע פונם אירלענדישן אַרענדאַר — און דאָס אַלץ צוליב זיין פיקטיוון אייגנטום.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז פאַרגיכערט געוואָרן אין פראַנקרייך דורכן אַלץ וואַקסנדיקן יאָך פון שטייערן און געריכט־הויצאָעס; די דאָזיקע הויצאָעס זיינען זייער גרויס אין פראַנקרייך. די פראַנצויזישע געזעצגעבונג האָט אַרומגערינגלט דאָס ערד־אייגנטום מיט אָן אַ צאָל פאָרמאַליטעטן: דעם פויער קומט אויס איבערצוצאָלן דערויף אַ מאַטמען מיט געלט. ווייטער די פאַרצעלאַרע ווירטשאַפט מיט איר פּלאָנטער אין די ערד־כאַלאָקים רופט אַרויס אָפטע קאָנפליקטן, וואָס עס העלפט אויך מיט צו פאַרגרעסערן די געריכטס־הויצאָעס. דער פראַנצויזישער פויער איז, ענדליך, פּאָשעט באַהערשט דורך אַ מאַניע פון געריכטס פּראָצעסן, ער לאָזט זיך אַריין דערין מיט דער גאַנצער טייווע פון אַן אייגנטימער — דער איינציקער פאַרגעניגן, וועלכן עס גיט אים זיין פיקטיווער אייגנטום, זיין אייגנטום־רעכט.

לויט די סטאַטיסטישע אויסרעכנונגען פון 1840 יאָר, האָט דער סאַכהאַקלדיקער פּראָדוקט פון דער פראַנצויזישער ערד־אַרבעט באַטראָפן 5.237.178.000

פראַנק. פון אַט דער סומע דאַרף מען אַראָפּרעכענען 3.552.000.000 פראַנק אַף די הויצאָעס פון באַאַרבעטן, אייַנשליסנדיק דערין שוין דעם געברויך פון די ערד-באַזיצערס. בלייַבט איבער ריינער פּראָדוקט אַף אַ סומע פון 1.685.178.000 פראַנק, פון וועלכע 550 מיליאָן גייען אַוועק אַף פּראָצענט לויט די היפּאָטעקן, 100 מיליאָן אַף די געריכט-באַאַמטע, 350 מיליאָן אַף שטייַערן פון די היפּאַטעקן א. א. וו. בלייַבט אַ דריטכיילעך פונם ריינעם פּראָדוקט, 538 מיליאָן; אַף יעדן נעפעש פון דער באַפעלקערונג קומט נישט אויס אפילע קיין 25 פראַנק ריינע האַכנאָסע. אין דער דאָזיקער אויסרעכענונג זייַנען, פאַרשטייט זיך, נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט נישט די אויסער-היפּאַטעקישע פּראָצענטניקעס, נישט די הויצאָעס אַף אַדוואָקאַטן א. א. וו.

אַלזאָ, צו די א״ע שוועריקייַטן האַט נאָך די רעפּובליק צוגעגעבן נייַע. עס איז לייַכט זיך פאָרצושטעלן די לאַגע פונם פראַנצויזישן פויער. דער כילעק צווישן דער עקספּלאָאַטאַציע פונם פויערטום מיט דער עקספּלאָאַטאַציע פונם פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט באַשטייט בלויז אין דער אויסערליכער פאָרם. דער עקספּלאָאַטאַטאָר איז דער זעלביקער קאַפּיטאַל. איינצלנע קאַפּיטאַליסטן עקספּלאָאַטירן איינצלנע פויערים מיט דער הילף פון היפּאַטעקן און פּראָצענטן, דער קאַפּיטאַליסטן-קלאַס עקספּלאָאַטירט דעם פויערים-קלאַס דורך די מלוכע-שטייַערן. דער שאַטן פונם פויערשן אייגנטום איז געווען די קאַמייע, וואָס האַט אָפּגעגעבן די פויערים אין די הענט פונם קאַפּיטאַל; אינם נאָמען פונם דאָזיקן פאַקטאַסטישן אייגנטום האַט זיי דער קאַפּיטאַל אויפגעהעצט קעגן דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. נאָר דאָס פאַלן פונם קאַפּיטאַל האַט געקאָנט אויפהויבן דעם פויער, נאָר אַן אַנטיקאַפּיטאַליסטישע אַרבעטער-רעגירונג האָט געקאָנט מאַכן אַ סאָף צו זייַן עקאָנאָמישן דאַלעס און געזעלשאַפטליכער דעגראַדאַציע. די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק דאָס איז די דיקטאַטור פון זייַנע פאַראייניקטע עקספּלאָאַטאָרן, די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רויטע רעפּובליק—דאָס איז די דיקטאַטור פון זיינע פרייַנט און פאַרבינדעטע. די וואָגשאָלן פאַלן און הויבן זיך, אָפּהייַנגיק פון די שטימען וועלכע דער פויער וואַרפט אין דעם וואַל-קאַסטן. ער אַליין באַשליסט זייַן גוירל.—אַזוי האָבן גערעדט די סאָציאַליסטן אין די פּאַמפּלעטן, אין די קאַלענדאַרן, אין די פאַרשיידענע פלוג-בלעטלאַך און בראָשורן. די דאָזיקע שפּראַך איז נאָך פאַרשטענדליכער געוואָרן פאַרן פויער, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו ריידן די אָרדענונגס-פּאַרטיי. אין זייערע קעגן-אויסגאַבן האָט זי זיך אויך געווענדעט צו זייַן אורטייל, האָט מיט אירע גראָבע פאַרקריפּלונגען פון די סאָציאַליסטישע אידייען און שטרעבונגען גראָד געטראָפן אינם עכטן פויערשן טאָן און האָט פונאַנדערגעהיצט די גיריקייַט פונם פויער צו פאַרזוכן פון דער פאַרבאָטענער פּיירע. פאַרשטענדליכער פון אַלץ האָט אָבער גערעדט צו אים די דערפאַרונג, וועלכע די פויערים האָבן באַקומען, אַ דאַנק זייער אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. זייַנע אויסדערוויילטע האָבן אים ביטער אַנטוישט. איין אַנטוישונג איז געגאַנגען נאָך דער אַנדערער מיט רעוואָלוציאָנערער שנעלקייַט. די רעוואָלוציע דאָס איז דער לאָקאָמאָטיוו פון דער געשיכטע.

די בעהאדראגעדיקע איבערקערעניש אין דער שטימונג פונם פויערטום
האט זיך ארויסבאוויזן אין פארשיידענע סימפטאמען. זי האט זיך שוין ארויס=
באוויזן אין די וואלן פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, בא דעם באלא-
גערונגס צושטאנד, וואס איז דערקלערט געווארן אין די פינף דעפארטאמענטן
ארום ליאן, זי האט זיך ארויסבאוויזן אין עטליכע כאדאשים ארום נאכן 13-טן
יוני דערין, וואס אינם דעפארטאמענט פון דער זשיראנדע איז אויסגעקליבן
געווארן א מאָנטאניאר (א מיטגליד פון דער בארג=פארטיי) אנשטאט דעם
פריערדיקן פרעזידענט פון דער chambre introuvable (אומפארגלייכליכן
הויז[1]), זי האט זיך ארויסבאוויזן דעם 20=טן דעקאבר פון 1849 יאר אין דעם
אויסוואל פון א רויטן אנשטאט דעם פארשטארבענעם לעגיטימיסטישן דעפוטאט
פונם הארדער דעפארטאמענט, אט דע־ לעגיטימיסטישער פאלעסטינע, אינם לאנד
פון שוידערהאפטיק=בלוטיקע ראיאליסטישע מייסים קעגן די רעפובליקאנער אין
1794 אין 1795 יארן, דעם נעסט פון ווייסן טעראר אין 1815 יאר, ווען מען
האט אפן געהארגעט ליבעראלן און פראטעסטאנטן. די רעוואלוציאניזירונג
פונם קאנסערוואטיווסטן און שווערוואגיקסטן קלאס האט זיך בוילעטער פון
אלץ ארויסבאוויזן נאך דער צוריקאויפשטעלונג פונם וויין=שטייער. די רעגי=
רונגס=מאס=מיטלען און געזעצן אין מעשאך פון יאנוואר און פעווראל פון
1850 יאר זיינען געווענדעט געווען קימאט אויסשליסליך קעגן די דעפאר=
טאמענטן און קעגן די פויערים—דער איבערצייגנדיקסטער באווייז דע=
רויף, אז זיי האבן זיך אויפגעכאפט.

אָפּול'ס צירקוליאר, וואס האט זעם זשאנדארם פארוואנדלט אין
א אינקוויזיטאר ביים פרעפעקט, סוב=פרעפעקט און פריער פון אלץ ביים מער,
וואס האט ארגאניזירט שפיאנאזש ביז די באהאלטנסטע ווינקלאך פון די
פארווארפנסטע דערפער; דער געזעץ קעגן די דארף=לערערס,
וועלכע האט זיי, די גייסטיקע פירערס, דערציערס און פארשטייערס פונם פוי-
ערישן קלאס, אונטערטעניק געמאכט דעם ווילקיר פונם פרעפעקט, וועלכער
האט זיי, די פראלעטאריער פון געלערנטן קלאס, געטריבן, ווי פאריאגטע
ווילדע כאיעס, פון איין דארף אין אנדערן; דער געזעץ=פראיעקט קעגן
די מערן, וואס האט אויפגעהאנגען איבער זייערע קעפ די געפאר פון דע-
מיסיע און וואס האט זיי די פרעזידענטן פון די פויערשע געמיינדעס, געבראכט
צו א צוזאמענשטויס מיטן פרעזידענט פון דער רעפובליק און מיט דער ארד=
נונגס=פארטיי; דער באפעל, וואס האט 17 מיליטערישע דיוויזיעס פון
פראנקרייך פארוואנדלט אין פיר פאשאליקן און וואס האט געמאכט די קא=
זארמע און דאס לאגערן=ביידל פארן נאציאנאלן סאלאן פון די פראנצויזן;
ענדליך—דער געזעץ וועגן פאלקסבילדונג, דורך וועלכן די ארד=
נונגס=פארטיי האט פראקלאמירט, אז די אמהאראצעס און איבערגעוואלטיקע
פארפינסטערונג פון פראנקרייך איז אן אומבאדינגטער טנאי פאר איר עקזיס-

[1]) אזוי הייסט אין דער געשיכטע דאס פאנאטישע אולטרא-ראיאליסטישע און רעאקציאנערע
דעפוטאטן-הויז, וואס איז אויסגעקליבן געווארן אין 1815 יאר, גלייך נאכדעם, ווי נאפאלעאן איז
צום צווייטן מאל אראפגעווארפן געווארן.

טענץ בײַ דעם רעזשים פֿון אַלגעמײנעם וואַל־רעכט—דאָס אַלץ זײַנען געווען פּאַרצווײפֿלטע פּרוּוון פֿון דער אָרדנונגס־פּאַרטײ ווידער צו באַהערשן די דעפּאַרטאַמענטן און די פּויערים.

פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון רעפּרעסיע זײַנען עס געווען נישטיקע מיטלען, וועלכע האָבן געווירקט קעגן זייער אייגענער ציל. די גרויסע מיטלען, ווי דאָס פֿאַרהיטן דעם שטייער אויף ווײַן און די 45 סאַנטימיקע שטײַערן, דאָס אָפּוואַרפֿן די פּויערשע פּעטיציעס וועגן אומקערן צוריק דעם מיליאַרד א. א. וו. — די אַלע געזעצגעבערישע דונערן האָבן געטראָפֿן דעם פּויערים־קלאַס בלויז איינמאָל, אָנגראָ, פֿונעם רעגירונגס־צענטער, די געבראַכטע געזעצן און מאָס־מיטלען האָבן אָבער געבראַכט דערצו, אַז די שטענדיקע טעמע פֿאַר שמועסן אין יעדן הויז איז געוואָרן די פֿראַגע וועגן אָנפֿאַל און ווידערשטאַנד. זיי האָבן אײַנגעפֿלאַנצט די רעוואָלוציע אין יעדווידער דאָרף, זיי האָבן לאָקאַליזירט און פֿאַר־פּויערישט די רעוואָלוציע.

פֿון דער אַנדערער זײַט, באַווײַזן דען נישט באָנאַפּאַרטס פּראָיעקטן און דאָס, וואָס זיי זײַנען אָנגענומען געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג— באַווײַזן זיי דען נישט, אַז צווישן די בײדע מאַכטן האָט געהערשט די פֿולע אײַנשטימיקייט דאָרט, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן דערשטיקן די אַנאַרכיע, ד. ה. אונטערדריקן די אַלע קלאַסן, וועלכע שטייען אויף קעגן דער דיקטאַטור פֿון דער בורזשואַזיע! גלײַך באָנאַפּאַרטס שאַרפֿן פֿאָרטראַג וועגן זײַן דעמיסיע פֿון באַראָ'ס מיניסטעריום קומט דער פֿאָרטראַג פֿון קאַרליע, אָט דער שמוציקער און נידעריקער קאַריקאַטור אויף פֿושע'ן, אין וועלכן סולוק באָנאַפּאַרט, פּונקט אַזאַ פֿלאַכע קאַריקאַטור אויף נאַפּאָלעאָנען, פֿאַרזיכערט די פֿאַרזאַמלונג אין זײַן איבערגעגעבנקייט צו דער אָרדנונגס־זאַך.

דער געזעץ וועגן פֿאָלקס־בילדונג האָט אַרויסבאַוויזן דעם בונד צווישן די יונגע קאַטאָליקן און די אַלטע וואָלטעריאַנער. די הערשאַפֿט פֿון דער פֿאַראייניקטער בורזשואַזיע האָט געקאָנט זײַן בלויז אַ פֿאַראייניקטע הערשאַפֿט פֿון דער יעזויטישער רעסטאַווראַציע און פֿרײַדענקערישער יולי־מאָנאַרכיע. דאָס פֿאָלק איז נישט געווען מער קײַן געצײַג בײַ איין בורזשואַזער פֿראַקציע אין איר קאַמף קעגן דער צווייטער, דאָס פֿאָלק האָט זיך קעגנגעשטעלט אָפֿן וועג צו זייער געמיינזאַמער הערשאַפֿט, — דעריבער האָט מען געדאַרפֿט אָפּנעמען דאָס געווער, מיט וועלכן זיי בײדע האָבן אים באַטיילט אין דער צײַט פֿון זייער קריג צווישן זיך. קײַן זאַך האָט אַזוי נישט אויפֿגערעגט דעם פּאַריזשער קרע־מער, ווי אָט דאָס צינישע שפּילן זיך מיטן יעזויטיזם, אַפֿילו נישט דאָס אָפּוואַרפֿן די concordats à l'amiable.

פֿאַר דער צײַט זײַנען די צוזאַמענשטויסן צווישן די פֿאַרשיידענע פֿראַק־ציעס פֿון דער אָרדנונגס־פּאַרטײ, פּונקט ווי צווישן דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמ־לונג און באָנאַפּאַרטן, געגאַנגען זייער גאַנג. עס איז ניט געפֿעלן געוואָרן דער פֿאַרזאַמלונג, וואָס באָנאַפּאַרט האָט גלײַך נאָך זײַן coup d'état[1], נאָך דעם,

---

1) מלוכה־אַטענטאַט.

ווי ער האט באַשטימט אַ באָנאפארטיסטיש מיניסטעריום, האט ער גלייך גערופן צו זיך די נייע פּרעפעקטן — די אינוואַלידן פון דער מאָנאַרכיע — און סטראַשנדיק, אַז ער וועט זיי אָפּזאָגן פון די שטעלעס, האט ער געפאָדערט, אַז זיי זאָלן פירן אַן אַגיטאַציע פאַר דעם, אַז מע זאָל אים אַ צווייטן מאָל אויסקלייבן פאַר אַ פּרעזידענט, האַגאַם אַזאַ אַגיטאַציע איז דורך דער קאָנסטיטוציע פאַרבאָטן געווען; עס איז איר נישט געפעלן געוואָרן, וואס קאַרליע האט צום אלעמערשטן פאַרמאַכט אַ לעגיטימיסטישן קלוב; עס איז נישט געפעלן געוואָרן וואס באָנאַפּאַרט האט געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג «Le Napoléon», וועלכע האט אַנטפּלעקט פאַרן פּובליקום די סוידעס פונם פּרעזידענטס שטרעבונגען, בעשאַס, ווען זיינע מיניסטאָרן האָבן עס אָפּגעלייקנט פון דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג; עס איז נישט געפעלן געוואָרן דער פאַרזאַמלונג, וואס באָנאַפּאַרט האט אַף צעלאָכעס איר, נישט קוקנדיק אַף אַלע אירע וואָטומען, נישט אָפּגעזאָגט זיינע מיניסטאָרן; עס איז נישט געפעלן געוואָרן דער פּרואוו צוצוציען צו זיך די סימפּאַטיעס פון די אונטער-אָפיצערן דורך אַן הויסאָפע פון פיר סו צו זייער טאָג-געהאַלט און די סימפּאַטיעס פון דעם פּראָלעטאַריאַט דורך דעם פּלאַגיאַט פון די „פּאַריזשער סוידעס“ פון יעוועגני סיו פון דעם בעקאוועדיקן קרעדיט-באַנק. עס איז, ענדליך, נישט געפעלן געוואָרן דער ציניש פאָרשלאַג פון באָנאַפּאַרטס מיניסטאָרן צו פאַרשיקן אין אַלזשיר די גאַנץ געבליבענע יוני'ער אינסורגענטן.

די דאָזיקע פאַרשיקונג האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט מאַכן די פאַרזאַמלונג נישט פאָפּולער en gros (אַנגראָ), אין דער צייט, ווען פאַר זיך האט דער פּרעזידענט איבערגעלאָזן די פאָפּוליאַריטעט en détail (לאַכאָדים) אַ דאַנק איינצעלנע באַגנעדיקונגס-אַקטן.

טיער האט דעמאָלס אַ זאָג געטאָן זיינע בייז-דראָהענדיקע ווערטער וועגן „coup ‚d'état“ און די גרויסגעבערישע פאַרזאַמלונג „coups de tête“, וועגן „coup ‚d'état“ און די גרויסגעבערישע פאַרזאַמלונג האט זיך נויקעם געוועזן אָן באָנאַפּאַרטן דערמיט, וואס זי האט אָפּגעוואָרפן יעדווידער געזעץ-פּראָיעקט, וועלכן ער האט אריינגעטראָגן אין זיינע אייגענע אינטערעסן, האט מיט טומלדיקן פאַרדאַכט אונטערגעזוכט יעדווידער פּראָיעקט וועלכן ער האט אריינגעטראָגן אין די אַלגעמיינע אינטערעסן, — צי אונטער דער פאָרם פון פאַרשטאַרקן די אויספיר-מאַכט העלפט ער נישט מיט צו פאַרשטאַרקן באָנאַפּאַרטס פּערזענלעכע מאַכט. מיט איין וואָרט, זי האט זיך אָן אים נויקעם געוועזן דורך אַ פאַרראַט פון פאַראַכטונג.

די לעגיטימיסטישע פּאַרטיי פון איר זייט איז בייז געוועזן דערויף, וואס די מער פריהיקערע אָרלעאַניסטן האבן ווידער פאַרכאַפּט אין זייערע הענט קימאַט אַלע מלוכע-שטעלעס, זיי האט פאַרשאַפט אַגמאַס-נעפּעש דער וווּקס פון דער דעצענטראַליזירונג. די קאָנטער-רעוואָליוציע אַליין האט דורכגעפירט אַ צענטראַליזירונג, ד. ה. זי האט צוגעגרייט דעם מעכאַניזם פון דער רעוואָליוציע. איינפירנדיק אַ צוואַנגס-קורס פאַר די באַנק-בילעטן, האט זי צענטראַליזירט אַפילע דאס גאָלד און זילבער פון פראַנקרייך אינם

פאריזשער באנק, און האט אף אזא אופן באשאפן אגרייטע קריגס־קאסע פאר דער רעוואָליוציע.

די אָרלעאניסטן. ענדליך, האבן געליטן דערפון, וואס זײַט בא זײַט מיט זייער אומגעזעצליך געבוירענעם פרינציפּ איז ווידער ארויפגעשוואומען אין דער הויך דער פּרינציפּ פון לעגיטימיזם, וואס די לעגיטימיסטן האבן זיי באליידיקט אף טריט און שריט, פונקט ווי יערער אדעלמאן באליידיקט זײַן פרוי פון בורזשואזער אָפּשטאמונג.

מיר האבן טריט נאָך טריט נאָכגעפאָרשט, ווי די פויערים, קליין־בירגער, ביכלאל די מיטעלע שיכטן פון דער געזעלשאפט, האבן זיך געשטעלט אף דער זײַט פון פּראָלעטאריאט, ווי דער זאכן־גאנג אליין האט זיי געשטויסן צו אן אָפּענעם סיכסוך מיט דער אָפיציעלער רעפובליק, וועלכע איז זיך מיט זיי באגאנגען, ווי מיט סאָנים. די אויפרעגונג קעגן דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע, די באדערפעניש אין דער איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט, די פארהיטונג פון די דעמאקראטיש־רעפובליקאנישע אײַנריכטונגען, אלס געצײַג פאר דער דאזיקער איבערבויאונג, די גרופּירונג ארום דעם פּראָלעטאריאט, אלס באשליסנדיקן רעוואלוציאָנערן קויאך — אָט דאס זײַנען די אלגעמיינע שטריכן, וועלכע כאראקטעריזירן די אזוי גערופענע פארטיי פון דער סאציאל־דעמאָקראטיע, די פארטיי פון דער רויטער רעפובליק. די דאָזיקע פארטיי פון דער אנארכיע, ווי עס האבן איר א נאָמען געגעבן אירע קעגנערס, איז פונקט ווי די אָרדנונגס־פארטיי א קאָאַליציע פון פארשיידענע אינטערעסן. פון דער סאמע קלענסטער רעפאָרם פון דער אלטער געזעלשאפטליכער אומאָרדנונג ביז צו דער איבערקערעניש פון דער אלטער געזעלשאפטליכער אָרדנו ג, פון בורזשואזן ליבעראליזם ביז צו רעוואָליוציאָנערן טעראָריזם, — אזוי ווײַט גייען זיך פונאנדער די עקסטרעמיטעטן, וועלכע בילדן דעם אויסגאנגס־ און ענדע־פונקט פון דער „אנארכיען“־פארטיי.

אָפּשאפן די שוץ־אָפּצאָלן — דאס איז סאָציאליזם! — ווײַל דאס איז אן אטענטאט אף דער מאָנאָפּאָליע פון דער אינדוסטריעלער פּראקציע אין דער אָרדנונגס־פארטיי. ברענגען אין אָרדנונג די מלוכע־ווירטשאפט — דאס איז סאָציאליזם! — ווײַל עס באריר ט די מאָנאָפּאָליע פון דער פינאנסיעלער פראקציע פון דער אָרדנונגס־פארטיי. פרײַער ארײַנפיר פון אויסלענדישן ברויט און פלייש — דאס איז סאָציאליזם! — ווײַל עס שטערט די מאָנאָפּאָליע פון דער דריטער פראקציע פון דער אָרדנונגס־פארטיי, די גרויסע ערדבאזיצער. די פאָדערונגען פון די פריטרעדערס, דער פאָרגעשריטענער פארטיי פון דער איינגלישער בורזשואזיע[1]) ווײַזן זיך אין פראנקרײַך ארויס אלס סאָציאליזם. וואָלטעריאניזם איז סאָציאליזם! — ווײַל ער פאלט אָן אף דער פערטער פראקציע פון דער אָרדנונגס־פארטיי, אף דער קאטוילישער פראקציע. פרײַהייט פון פרעסע, פרײַהייט פון פאראיינען, אלגעמיינע פאָלקס־בילדונג — דאס

1) אָנהייגנגער פון פרייען האנדל. זע זייטל 99.

איז סאָציאַליזם, סאָציאַליזם! דאס זיינען דאָך אלץ אטענטאטן אף דער אלגעמיינער מאָנאָפּאָליע פון דער אָרדנונגס-פארטיי.

דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האט שנעל געטאָן זיין זאך: די פריינט פון דער רעפאָרם פון אלע שאטירונגען, די סאמע באשיידנסטע פאָרשטייערס פון די מיטעלע קלאסן זיינען געצוואונגען געווען זיך צו גרופּירן ארום דער פאן פון דער עקסטרעמסטער, צעשטערונגס-פארטיי, ארום דער רויטער פאָן.

ווי פארשיידן אָבער עס איז נישט געווען דער סאָציאַליזם פון די הויפּט-באשטאנדס-טיילן פון דער „אנארכיען-פארטיי", אָפּהייניגיק פון די עקאָנאָמישע באדינגונגען און פון די דערפון אָפּשטאמענדיקע רעוואָלוציאָנערע באדערפענישן פון דעם אדער יענעם קלאס אדער פראקציע, — אין איין פונקט איז ער געבליבן איין און דער זעלביקער: ער האט זיך דערקלערט פאר דעם מיטל פון דער באפרייאונג פונם פראָלעטאריאט און האט דעקלארירט די דאָזיקע באפרייאונג פאר זיין ציל. באוואוסטזיניקע און פאָראויס געמיינטע גענארעריי בא איינע, זעלבסטגענארעריי בא די אנדערע, וועלכע זיינען איבערצייגט, אז די וועלט, איבערגעבויט לויט זייערע באדערפעגישן, איז די בעסטע פון אלע וועלטן, אז די פארווירקליכט אלע רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען און באזייטיקט אלע רעוואָלוציאָנערע קאָנפליקטן.

אונטער די מער אדער ווייניקער איינהייטליכע, אלגעמיינע סאָציאַליסטישע פראזען פון דער „אנארכיען-פארטיי" ליגט באהאלטן, ערשטענס, דער סאָציאַליזם פון די ציייטונגען „National", „Presse" און „Siècle", וואס שטרעבט מער אָדער ווייניקער קאָנסעקווענט אראָפּצוווארפן די הערשאפט פון דער פינאנס-אריסטאָקראטיע און באפרייען די אינדוסטריע און דעם האנדל פון די אלטע וועגן. דאס איז דער סאָציאַליזם פון אינדוסטריע, האנדל און ערד-ארבעט. דערקלערן לאָזט זיך עס דערמיט, וואס די פירערס פון דער אָרדנונגס-פארטיי אף די געביטן פון אינדוסטריע, האנדל און ערד-ארבעט זיינען מאקריוו די אלגעמיינע אינטערעסן פון דעם דאָזיקן דריילינג פאר די אינטערעסן פון זייערע פּריוואטע מאָנאָפּאָליעס, אף וויפל די און יענע הערן אויף צונויפצופאלן.

פון דעם דאזיקן בורזשואזן סאציאליזם, וועלכער ציט צו, פארשטייט זיך, ווי יעדע פארקריפּלטע פארם פון סאציאליזם, אונטער איר פאָן א געוויסע טייל ארבעטער, אונטערשיידעט זיך דער אייגנטליכער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם, דער סאציאליזם par excellence. די קאפּיטאליסטן באַנעמען דעם דאזיקן קלאס הויפּטזעכליך אלס קרעדיטארן, דערייבער פאָדערט ער קרעדיט-איינריכטונגען, די קאפּיטאליסטן דריקן אים מיט זייער קאנקורענץ, פאדערט ער אסאציאציעס, וועלכע זאלן געשטיצט ווערן דורך דער מלוכע; זיי באזיגן אים דורך דער קאָנצענטראציע, פאדערט ער פּראָגרעסיווע שטייערן, באגרענצונגען פאר יערושעס, פאר אויספירן גרויסע ארבעט דורך דער מלוכע אליין און ענליכע מאסמיטלען, וועלכע פארהאלטן איבערגוואלט דעם וואוקס פונם קאפּיטאליזם. העיויס ווי ער כאָלעמט וועגן דער פרידליכער פארווירקליכונג פון זיין סאָציאַליזם—עס וועט עפשער נויטיק זיין אף עטלעכע טעג א נייע פעוורא-

לער רעוואלוציע — שטעלט ער זיך נאטירליך פאר דעם קומענדיקן היסטארישן פראצעס אין אזא פארם: די סאציאלע טעארעטיקער טראכטן צו איינציקווייס אדער גרופנווייס פארשיידענע סיסטעמען, און די געזעלשאפט באנוצט זיי אין לעבן. אף אזא אופן ווערן די דאזיקע סאציאליסטן עקלעקטיקער אדער אנהייגערס פון באשטימטע סאציאליסטישע סיסטעמען, אנהייגערס פונם דאקטרינערישן סאציאליזם, וואס איז געווען דער טעארעטישער אויסדרוק פונם פראלעטאריאט נאר אזוי לאנג, קאלזמאן דער פראלעטאריאט איז נישט דערוואקסן ביז צו זיינער אן אייגענער פרייער היסטארישער באוועגונג.

די דאזיקע אוטאפיע, דער דאזיקער דאקטרינערישער סאציאליזם ווארפט אונטער די גאנצע היסטארישע באוועגונג איינעם פון אירע פאקטארן, פארבייט דעם גאנצן געזעלשאפטליכן פראצעס, וועלכער שאפט די געשיכטע, אף די אויסטראכטונגען פון אן איינצעלנעם פעדאנט, און דער איקער, ער באזייטיקט אין זיין פאנטאזיע דעם רעוואלוציאנערן קלאסן-קאמף מיט זיינע נויטווענדיקע דערשיינונגען מיט דער הילף פון קליינע קונץ-שטיק אדער גרויסע סאנטימענטן. אין טאך גענומען אידעאליזירט ער בלויז די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפט, איז אירער אן אילוזארישער טייל און באמיט זיך צו פארווירקליכן זיין אידעאל אף דערווידער דער ווירקליכקייט פון דער זעלביקער געזעלשאפט. דער קאמף צווישן די פארשיידענע פירערס פונם דאקטרינערישן סאציאליזם באווייזט, אז יעדע פון זיינע אזוי גערופענע סיסטעמען איז א פרעטענציעזער אונטערשטרייכן פון איינעם פון די איבערגאנגס-מאמענטן פון דער סאציאלער איבערקערעניש אין קעגנזאץ צו דעם אנדערן. דעם דאזיקן סאציאליזם טרעט דער פראלעטאריאט אפ דער קליין-בורזשואזיע, און אליין גייט ער אלץ מער איבער אינם לאגער פונם רעוואליוציאנערן סאציאליזם, פונם קאמוניזם, פאר וועלכן די בורזשואזיע אליין האט אויסגעפונען דעם נאמען פון בלאנקיזם. דער רעוואליוציאנערער סאציאליזם, דאס איז — די אומאויפהערלעכקייט פון דער רעוואליוציע, די קלאסן-דיקטאטור פונם פראלעטאריאט, וועלכע איז נויטיק, אלס איבערגאנגס-שטופע צו דער אפשאפונג פון אלערליי קלאסן-אונטערשיידן, צו דער אפשאפונג פון די פראדוקציאנס-פארהעלטענישן, אף וועלכע די דאזיקע אונטערשיידן באזירן זיך, צו דער אפשאפונג פון אלע געזעלשאפטליכע באציהונגען, וואס זיינען צוגעפאסט צו די דאזיקע פראדוקציאנס-פארהעלטענישן, צו דער איבערקערעניש פון אלע אידייען, וועלכע פליסן ארויס פון די דאזיקע געזעלשאפטליכע באציהונגען.

די ראמען פון אונדזער באשרייבונג דערלויבן אונדז נישט גענויער זיך אפצושטעלן אף דער זאך.

מיר זעען: פונקט ווי אין דער ארדנונגס-פארטיי האט אומפארמיידליך זיך געשטעלט בעראש די פינאנסיעלע אריסטאקראטיע, אזוי איז אין דער „אנארכיען"-פארטיי די הויפט-ראלע אויסגעפאלן אפן פראלעטאריאט. אין דער צייט, ווען דער רעוואליוציאנערער בונד פון פארשיידענע קלאסן האט זיך גרופירט ארום פראלעטאריאט, אין דער צייט, ווען די דעפארטאמענטן זיינען געווארן אלץ ווייניקער זיכער, און די נאציאנאל-פאר-

זאַמלונג גופא האָט אַלץ ברויגעזער געמורמלט קעגן אַלע טויעס פונם פראַנ-צויזישן סולוק—זיינען אָנגעקומען די שוין לאנג אפגעלייגטע און פארשפעטיקטע צוגאָב-וואַ"ן אפן אָרט פון די ארויסגעשטויסענע מאנטאניארן פון 13-טן יוני.

די רעגירונג, פארהאסט פון אירע סאָנים, באַליידיקט און דערנידעריקט אף יעדן טריט דורך אירע קלוימערשטע פריינט, האט געזעען ב"ויז איין מיטל אף אַרויסצוגיין פון אָט דער עקלדיקער, אומגליקליכער לאַגע—א ן א ו י פ ש ט אַ נ ד. אן אויפשטאנד אין פאריזש וואָלט איר געגעבן א מאָטיוו אף צו דערקלערן באַלאַגערונגס-צושטאַנד אין פאריזש און אין די דעפּארטאַמענטן און דורכפירן די וואַלן צו איר גונסטן. פון דער אנדערער זייט וואָלטן די פריינט פון דער אָרדנונג געמוזט מאַכן האַנאָכעס דער רעגירונג, וואס האט אפגעהאלטן אַ ניצאָכן איבער דער אַנאַרכיע, אנדערש וואָלטן זיי דאָך אַליין געווען אין דער רא"יע פון אַנאַרכ"סטן.

די רעגירונג האָט זיך א נעם געטאָן צו דער ארבעט. אין אָנהויב פעוו-ראַל פון 1850 יאָר פראָוואָצירט זי דאס פאלק, אויסהאקנדיק די פרייהייטס-בוימער. אומזיסט! אויב די פרייהייטס-בוימער האבן פארלאָרן זייער שטיקל ערד אפן פראנצויזישן באדן, האט די רעגירונג אליין פארלאָרן דעם קאָפּ און צע-שראָקענערהייד אפגעטראטן פאר אירע אייגענע פראָוואָקאַציעס. די נאציאָנאַלע פארזאמלונג האט דעם דאָזיקן אומגעלומפערטן פּרואוו פון באַנאפארטן זיך אַרויסצודרייען פון דער שווערער לאַגע באַגעגנט מיט אייז-קאַלטן אומצוטרוי. פונקט אזוי נישט געלונגען איז געווען דער געדאנק אראָפּצונעמען פונם יולי-זייל די אימאָרטעלן-קרענץ. דאס האט אין איין טייל פון דער ארמיי ארויס-גערופן רעוואָלוציאנערע דעמאָנסטראַציעס און האט געגעבן דער נאַציאָנאלער פארזאמלונג א סיבע פאר א מער אָדער ווייניקער באהאלטענעם וואָטום פון אומצוטרוי צום מיניסטעריום. אומזיסט האט די רעגירונגס-פרעסע געדראָט מיט דער אָפּשאַפונג פון אלגעמיינעם וואַל-רעכט און מיט אַ קאָזאקן-אנפאל; אומ-זיסט האט אָפּו"ל אין דער גוזעצגעבערישער פארזאמלונג א וואָרף געטאן א דירעקטן ארויסרוף די מיטגלידער פון דער לינקער טייל,—אומזיסט האט ער זיי גערופן אפן גאס און האט דערקלערט, אז די רעגירונג האָט זיך צוגעגרייט זיי צו באגעגענען, ווי עס געהער צו זיין. אָפּו"ל האט זיך ניט דערשלאָגן צו קיין זאַך, אכוץ אַ רוף צו ארדנונג מיצאַד דעם פּרעזידענט, און די אָרדנונגס-פארטיי האט מיט שטילער נעקאָמע דער"אָזן איינעם פון די לינקע דעפּוטאטן אויסצולאכן באַנאפארטס אוזורפאציאָנס-כאַלוימעס. אומזיסט, ענדליך, האָט די רעגירונג פאָרויסגעזאָגט א רעוואָליוציע אפן 24-טן פעווראל. א דאנק דעם דאָ-זיקן פארויסזאגן, האט דאס פאלק איגנארירט דעם 24-טן פעוראַל.

דער פּראָלעטאַריאַט האט זיך נישט געלאזט פארנארן צו קיין ב ו נ ט, ער האט בעדייע געהאט צו מאכן א ר ע ו ו א ל י ו צ י ע.

די פּראוואקאציע פון דער רעגירונג האט בלויז פארשטארקט די אלגע-מיינע אומצופרידנקייט מיט דער עקזיסטירנדיקער א"דנונג. דער וואל-קאמיטעט האט אונטערן דרוק פון די ארבעטער ארויסגעשטעלט פאלגנדיקע דריי קאנדי-דאטן פאר פאריזש: ד ע פ ל אָ ט, ו י ד א ל און ק אַ ר נ אָ. דעפלאָט איז פארשיקט

געווארן אין יוני און איז אמניסטירט געווארן א דאנק איינער פון נאפאלעאנס שפיצלאך, וואס האבן געלאזט שאפן זיין פאפוליאריטעט; ער איז געווען בלאנקי'ס א פריינט און האט אנטייל גענומען אינם ארויסטריט פון 15-טן מאי. ווידאל איז באוואוסט געווען אלס קאמוניסטישער שרייבער, אלס מעכאבער פונם בוך: „וועגן דער פארטיילונג פון די רייכטימער"; ער איז געווען לואי-בלאנ'ס סעקרעטאר אין דער לוקסעמבורגער קאמיסיע. קארנא, א זון פונם קאנווענט-מיטגליד, וואס האט ארגאניזירט דעם ניצאכן, דער וויניקער פון אלעמען קאמפראמעטירטער מיטגליד פון דער פארטיי פון „נאציאנאל", דער בילדונגס-מיניסטער אין דער צייטווייליקער רעגירונג און אין דער אויספיר-קאמיסיע, איז א דאנק זין דעמאקראטישן געזעץ-פראיעקט וועגן פאלקסבילדונג, געווען א לעבעדיקער פראטעסט קעגן דעם שול-געזעץ פון די יעזואיטן. די דאזיקע דריי קאנדידאטן רעפרעזענטירן די דריי פאראייניקטע קלאסן: בעראש— א יוני-אינסורגענט, א פארשטייער פונם רעוואליוציאנערן פראלעטאריאט; זייט בא זייט מיט אים—א דאקטרינער—א סאציאליסט, א פארשטייער פון זער סאציאליסטישער קליין-בורזשואזיע, און ענדליך, דער דריטער קאנדידאט—א פארשטייער פון דער רעפובליקאנישער בורזשואזיע, וועמענס דעמאקראטישע פארמולן עס האבן אינם צוזאמענשטויס מיט דער ארדנונגס-פארטיי באקומען א סאציאליסטישן זינען און האבן שוין לאנג פארלארן זייער אייגנטליכן זינען. דאס איז געווען אן אלגעמיינע קאאליציע קעגן דער בורזשואזיע און קעגן דער רעגירונג, פונקט ווי אין פעברואר. אבער דאס מאל איז דער פראלעטאריאט געשטאנען בעראש פונם רעוואליוציאנערן בונד.

נישט קוקנדיק אף אלע אנשטרענגונגען פון די קעגנערס, האבן געזיגט די סאציאליסטישע קאנדידאטן. די ארמיי גופא האט געשטימט פארן יוני-אינסורגענט און קעגן איר אייגענעם מיניסטער לאאיט. די ארדנונג-פארטיי איז געווען ווי פון א דונער געטראפן. די דעפארטאמענטן-וואלן האבן זי נישט געטרייסט: זיי האבן געגעבן א מערהייט די מאנטאניארן.

די וואלן פון 10-טן מארט 1850 יאר! זיי האבן קאסירט דעם יוני פון 1848 יאר: די שולדיקע אינם פארשיקן און אינם שלאגן די יוני'ער אינסורגענטן האבן זיך אומגעקערט, ארומגערינגלט פון די פארשיקטע מיט זייערע פרינציפן אף די ליפן. די וואלן פון 10 מארט האבן קאסירט דעם 13-טן יוני פון 1849 יאר: די מאנטאניארן, וועלכע די נאציאנאלע פארזאמלונג האט פארטריבן, האבן זיך אומגעקערט אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג, אבער אומגעקערט האבן זיי זיך שוין נישט ווי קאמאנדירן פון דער רעוואלוציע, נאר ווי אירע פאראויסגייענדיקע פויקערס.

די וואלן פון 10-טן מארט האבן קאסירט דעם 10-טן דעקאבער. נאפאלעאן איז דורכגעפאלן צוזאמען מיט זיין מיניסטער לאאיט. די פארלאמענטארישע געשיכטע פון פראנקרייך ווייס נאר פון איין אנאלאגיע מיט דעם דאזיקן דורכפאל: דאס איז דער דורכפאל פון ד'אססי, קארל דעם 10-טנס מיניסטער, אין 1830 יאר.

די וואלן פון 10־טן מארט 1850 יאר האבן ענדליך קא־סירט די וואלן פון 13־טן מאי. וועלכע האבן געגעבן די מערהייט דער אָרדנונגס-פארטיי. די וואלן פון 10־טן מארט זיינען געווען א פּראָטעסט קעגן דער מערהייט פון 13-טן מאי. דער 10-טער מארט—דאס איז געווען א רעוואלוציע.—אונטער די וואל-צעטלען ליגן באהאלטן די שטיינער פונם גאסן-ברוק.

„די אפשטימונג פון 10־מארט דערקלערט אונדז א מילכאמע”, האט אויסגערופן סעגיור ד'אגעססאָ, איינער פון די פּראגרעסיווסטע מיטגלידער פון דער אָרדנונגס-פארטיי.

פונם 10־טן מארט 1850 יאר אן טרעט די קאנסטיטוציאנעלע רעפּובּ־ליק אריין אין א נייער פאזע, אין דער פאזע פון איר צעפאלונג. די פארשיידענע פראקציעס פון דער מערהייט דערלאנגען ווידער איינע דער אנדערער די הענט, זיי ווערן ווידער שקלאפן מיט באנאפּארטן, זיי ראטעווען ווידער די אָרדנונג, באנאפּארט איז ווידער זייער נייטראלע פּערזענ־ליכקייט. אויב זיי דערמאנען זיך וועגן זייער ראיאליזם, איז נאר זשרפאר, ווייל זיי האבן זיך מעיאעש געווען אין דער מעגליכקייט פון א בורזשואזער רעפּובּליק; אויב ער דערמאנט זיך, אז ער זיצט אפן פּרעזידענטן־שטול, איז נאר דערפאר, ווייל ער איז זיך מעיאעש צו בלייבן א פּרעזידענט.

אפן אויסוואל פונם יוני־אינסורגענט דעפּאַטן ענטפערט באנאפּארט, קויט דער קאמאנדע פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג, מיט דער באשטימונג אפן פאסטן פון אינערן־מיניסטער באראָשן, דעמזעלבן באראָשן, וועלכער איז געווען דער באשולדיקער פון בלאנקי און בארבעס, לעדריו־ראללען און גינאר. אפן אויסוואל פון קארנאָ'ן ענטפערט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג מיטן אננעמען דעם געזעץ וועגן פאלקסבילדונג, אפן אויסוואל פון ווידאל'ן—מיט רעפּרעסיעס קעגן דער סאציאליסטישער פּרעסע. מיט די טראמפּייטן־קלאנגען פון איר אייגענער פּרעסע פּרואווט זיך די אָרדנונגס־פארטיי פארשטיקן איר שרעק. „דער שווערד איז הייליק”, רופט אויס איינער פון אירע ארגאנען: „די פארטיידיקער פון דער אָרדנונג דארפן ארויסטרעטן אין אן אַטאקע קעגן דער פארטיי פון די רויטע”. א צווייטער ארגאן דערקלערט: „צווישן דעם סאציאליזם אין דער געזעלשאפט גייט א קאמף אף לעבן און טויט, אן אומאויפהערליכער, אן אומבאראכמאנעסדיקער קאמף; אין דעם דאזיקן פאר־צווייפלטן שטרייט מוז איינער פון זיי אומקומען”. „אויב די געזעלשאפט וועט נישט פארניכטן דעם סאציאליזם, וועט דער סאציאליזם פארניכטן די געזעל־שאפט”—שרייט א דריטער האן פון דער אָרדנונג. „שטעלט אויף באריקאדן פון אָרדנונג, באריקאדן פון עמונע, באריקאדן פון פאמיליע! מע דארף מאכן אַ סאָף מיט די 127.000 פּאריזשער וויילערס! אַ בארטאָלאָמעאוס-נאכט פאר די סאָציאליסטן!”. און אין אויגנבליק גלויבט טאָקע די אָרדנונגס־פּאַרטיי אין איר ניצאָכן.

ווילדער פון אַלץ זיינען אירע אָרגאנען אָנגעפאַלן אָף די „פּאַריזשער קרעמערלאַך”. די קרעמערס פון פּאַריזש האָבן אויסגעקליבן אַ יוני'ער

אינסורגענט פאר זייערן א פאָרשטייער! דאָס באַטײַט: א צווייטער יוני 1848 י. איז אוממעגליך; דאס באַטײַט: א צווייטער 13-טער יוני 1849 יאָר איז אוממעגליך; דאָס באַטײַט: די מאָראלישע ווירקונג פונם קאפיטאל איז צעבראָכן, דער בורזשואזער פארלאמענט שטעלט מיט זיך פאָר די בורזשואזיע און נאָר די בורזשואזיע! דאָס באַטײַט—דאָס גרויסע אייגנטום איז אומגעקומען, ווײַל איר וואסאל, דאָס קליין-אייגנטום, זוכט א רעטונג פאר זיך אינם לאגער פון די אומבארמעגליכע.

די אָרדנונגס-פארטיי באנוצט זיך, פארשטייט זיך, מיט איר אומפארמײַדליכן אלגעמײנעם מיטל. זי פאָדערט רעפּרעסיעס. „רעפּרעסיעס! נאָך און נאָך רעפּרעסיעס!" אָבער דער רעפּרעסיאָנס-קויאך אירער איז אין צען מאָל קלענער געוואָרן, אין דער צײַט, ווען דער ווידערשטאנד איז אין צען מאָל גרעסער געוואָרן. עס קאָן נאָך גאָר טרעפן, עס זאָל אויסקומען זיך צו באנוצן מיט רעפּרעסיעס בענויגייע צו דעם הויפּט-געצײַג פון רעפּרעסיעס, צו דער ארמיי. און די אָרדנונגס-פארטיי זאָגט איר לעצט וואָרט: „מע דארף צעברעכן דעם אײַזערנעם רינג פון דער לעגאלקײַט, וואָס שטיקט אונדז. א קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק איז אוממעגליך, מיר מוזן קעמפן מיט אונדזער עמעסן געווער. פון פעווראל 1848 יאָר האָבן מיר געקעמפט מיט דער רעוואָלוציע מיט איר אייגן געווער און אף איר אייגענעם באָדן, מיר האָבן אָנגענומען אירע אײַנריכטונגען; די קאנסטיטוציע—דאָס איז א פעסטונג, וועלכע פארטיידיקט די באלאגערנדע, אָבער נישט די באלאגערטע! אינם בויך פונם טראָיאנישן פערד האָבן מיר זיך ארײַנגעגאנוועט אינם הייליקן איליאָן, אבער—נישט ווי אונדזערע אורעלטערן די גריכן[1], זײַנען מיר געבליבן די נאראנים, מיר זײַנען אליין ארײַנגעפאלן אין געפענגניש.

אין גרונט פון דער קאנסטיטוציע ליגט דאס אלגעמיינע וואל-רעכט. אפשאפן דאס אלגעמיינע וואל-רעכט—אט דאס איז דאס לעצטע ווארט פון דער ארדנונגס-פארטיי, דאס לעצטע ווארט פון דער בורזשואזער דיקטאטור.

דאס אלגעמיינע וואל-רעכט האט זיך ארויסגעזאגט פאר דער דאזיקער דיקטאטור דעם 24-טן מאי 1848 יאר, דעם 20-טן דעקאבר 1848 יאָר, דעם 13-טן מאי 1849 יאר, דעם 8-טן יולי 1849 יאר. עס האט זיך אליין ארויסגעזאגט קעגן זיך דעם 10-טן מארט 1850 יאר. די הערשאפט פון דער בורזשואזיע אלס רעזולטאט פון אלגעמיינעם וואל רעכט, אלס קאטעגארישער אקט פונם אליינהערשנדיקן ווילן פון פאלק—אט דאס איז דער זינען פון דער בורזשואזער קאנסטיטוציע. וואס פאר א זינען האט אבער די קאנסטיטוציע פון דעם מאמענט, ווען דער אינהאלט פון דעם דאזיקן וואל-רעכט, אט דעם הערשנדיקן ווילן פון פאלק, דערפירט שוין נישט צו דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע? איז דען נישט די דירעקטע פליכט פון דער בורזשואזיע צו רעגולירן דאס וואל-רעכט, אזוי, אז עס זאל שטרעבן צו דער איינציקער הערשאפט, וואס

[1] ווערטער-שפיל: grecs—באטייט גריכן, ווי אויך שולערן.

האט א זינען, צו איר הערשאפט? דאס אלגעמיינע וואל-רעכט שאפט יעדעס מאל אפ די עקזיסטירנדיקע מלוכע-מאכט און בויט זי יעדעס מאל אויפסניי אויף פון זיך; אף אזא אויפן, פארניכטעט עס יעטווידער שטאנדהאפטיקייט, שטעלט יעדעס מאל אין קאן אלע עקזיסטירנדיקע מאכטן, רייסט ארונטער דעם אויטאריטעט, דראט צו פארוואנדלען אין אן אויטאריטעט די אנארכיע גופע,—ווער קאן דען נאך צווייפלען דערין נאכן 10-טן מארט פון 1850 יאר?

אפווארפנדיק דאס אלגעמיינע וואל-רעכט, אין וועלכן זי האט זיך דראפירט ביז אהער, פון וועלכן זי האט געשעפט איר אלמעכטיקייט, איז זיך די בורזשואזיע אפן מוידע: אונדזער דיקטאטור האט ביז איצט עקזיסטירט לויטן ווילן פון פאלק, פון איצט אן וועט זי פארפעסטיקט ווערן קעגן דעם ווילן פון פאלק". און גאנץ קאנסעקווענט זוכט זי א שטיצע פאר זיך נישט אין פראנקרייך, נאר אויסער איר, אין אויסלאנד, אין א פרעמדער אינוואזיע (אנפאל).

צוזאמען מיט דעם אנפאל, האט זי, דער צווייטער קאבלענץ, וואס האט געגרינדעט זיין רעזידענץ אין פראנקרייך גופע, ארויסגערופן קעגן זיך די נאציאנאלע ליידנשאפטן. אנפאלנדיק אפן אלגעמיינעם וואל-רעכט גיט זי אן אלגעמיינעם מאטיוו פאר א נייער רעוואליוציע, און די רעוואליוציע דארף גראד האבן אזא מאטיוו. יעטווידער איינצלנער מאטיוו וואלט צעטיילט די פראקציעס פונם רעוואליוציאנערן בונד, וואלט ארויסבאוויזן זייערע באזונדערע סטירעס. דער אלגעמיינער מאטיוו אבער פאטויבט די האלב-רעוואלוציאנערע קלאסן, ער דערלויבט זיי זיך צו גענארן בענוגייע צו דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דער קומענדיקער רעוואליוציע, בענוגייע צו די ווירקליכע פאלגן פון זייערע אייגענע מאיסים. יעדע רעוואליוציע נויטיקט זיך אין א באנקעטן-פראגע*) דאס אלגעמיינע וואל-רעכט—דאס איז א באנקעטן-פראגע פון דער נייער רעוואליוציע.

אבער אפזאגנדיק זיך פון דער איינציק-מעגליכער פארם פון זייער פאראייניקטער מאכט, פון דער מאמע מעכטיקסטער און פעסטסטער פארם פון זייער קלאסן-הערשאפט, פון דער קאנסטיטוציאנעלער רעפובליק, און ווארפנדיק זיך צוריק צו א נידעריקערער, נישט פולער, פארהעלטניסמעסיק שוואכער מאנארכיסטישער פארם,—האבן די בורזשואזע פראקציעס זיך אליין פארווארטיילט אף א מאפאלע. זיי דערמאנען אן דעם זאקן וועלכער האט, ווענדיק אומקערן זיך זיין יוגנט-פרישקייט, צוזאמענגעקליבן זיינע קינדערשע קליידער און געפרואווט זיי ארויפציען אף זיינע אלטע גלידער. זייער רעפובליק האט געהאט בלויז דעם פארדינסט, וואס זי האט אויפגעהאדעוועט די נייע רעוואליוציע.

דער דעוויז פון 10-טן מארט 1850 יאר איז געוועזן:

Aprés moi le déluge, נאך מיר מעג זיין אפילע א מאבול.

*) אנגעוואונקען אף די באנקעטן פון דער פאראייניקטער אפאזיציע, וועלכע האבן געדינט פאר א מאטיוו פון דער פעווראלער רעוואליוציע.

IV

# די אפשאפונג פונם אלגעמיינעם וואל־רעכט אין 1850 יאר.

(פונם דאפלטן 6—5 נומער)·

(דער העמשאך פון די פריערדיקע דריי קאפיטלען איז געדרוקט געווען אין דער „איבערזיכט" פונם לעצטן דאפלטן נומער 6—5 פון דער „נייער ריינישער ציימונג". מארקס באשרייבט דארט דעם גרויסן האנדלס־קריזיס, וואס האט אויסגעבראכן אין 1847 יאר אין איינגלאנד, דערקלערט זיין ווירקונג אפן קאנטינענט דורך דער פארשארפונג פון די דארטיקע פאליטישע קאמפליקאציעס אין דער פעווראלער און מארט־רעוואלוציעס פון 1848 יאר און דערווייזט, ווי די אויפבליהונג פונם האנדל און פון דער אינדוסטריע, וואס האט זיך אנגעהויבן פון 1848 יאר און האט זיך נאך מער פארשטארקט אין 1849 יאר, האט פאראליזירט די רעוואלוציאנערע ענערגיע און האט מעגליך געמאכט דעם ניצאכן פון דער רעאקציע. ספעציעל וועגן פראנקרייך זאגט זיך דערנאך פאלגענדיקס):

די זעלביקע סימפטאמען ווייזן זיך ארויס אין פראנקרייך פון 1849 יאר אן און באזונדערס פונם אנהויב פון 1850 יאר. די פארישער פאבריקן זיינען פארווארפן מיט ארבעט, די בוימוואלענע פאבריקן פון רואן און מיולהאאוזען קאנען זיך אויך נישט באקלאגן אף קיין שטילשטאנד אין די געשעפטן, האגאם, פונקט ווי אין איינגלאנד, האבן אויך דא שלעכט געווירקט די הויכע פרייזן אף רויווארג. דעם אויפשוואונג פון דער אינדוסטריע אין פראנקרייך האט נאך דערביי מיטגעהאלפן די גרויסע צאל־רעפארם אין שפאניען און די פארקלענערונג פון די איינפיר־צאלן אף פארשיידענע לוקסוס־זאכן אין מעקסיקע; דער ארויספיר פון די פראנצויזישע סכוירעס אין אט די ביידע לענדער איז באדייטנד פארגרעסערט געווארן. דער וואוקס פון די קאפיטאלן האט געבראכט צו א גאנצער ריי ספעקוליאציעס, וואס דעם גרונט דערצו האט געגעבן די בריים אויסגעשטעלטע עקספלאטאציע פון די קאליפארניער גאלד־גריבער. עס זיינען אויפגעקומען א סאך געזעלשאפטן, וועלכע האבן מיט זייערע ביליקע אקציעס און סאציאליסטיש באפארבטע פראספעקטן פארנארט דעם קליינבירגערלעכן און ארבעטערישן טייסטער, און אין דער עמעסן זיינען זיי אלע ביז איינעם בשטאנען אין דער אומפארשעמטער גענארעריי, וועלכע מען קאן געפונען נאר בא פראנצויזן אדער בא כינעזער. איינע פון די דאזיקע געזעלשאפטן האט זיך אפילע געפונען אונטער דער דירעקטער שוץ פון דער רעגירונג. די איינפיר־צאלן האבן אין פראנקרייך פאר די ערשטע צען כאדאשים פון 1848 יאר געגעבן 63 מיליאן פראנק, פאר די זעלביקע כאדאשים פונם 1849 יאר —

95 מיליאָן פראַנק און אין 1850 יאָר — 93 מיליאָן פראַנק. אַגעוו, אין סענטיאַבר האָבן זיי זיך ווידער אויפגעהויבן מער ווי אַף אַ מיליאָן פראַנק אין פאַרגלײַך מיט דעם זעלביקן כוידעש אין 1849 יאָר. פונקט אַזוי זײַנען אויפגעוואַקסן די ציפערן פון ארויספיר אין 1849 יאָר און באַזונדערס אין 1850 יאָר.

דער קלאָרסטער באַווײַז פאַר דער נײַ אָנגעקומענער אינדוסטריעלער אויפבליהונג איז דער געזעץ פונם 6-טן סענטיאַבר 1850 יאָר, וועלכער האָט אויפסנײַ אײַנגעפירט, אַז דער באַנק זאָל צאָלן מיט מזומן געלט. דעם 15-טן מאַרט פון 1848 יאָר איז דעם באַנק, ווי באַקאַנט, דערלויבט געוואָרן אויפצוהערן אויסצאָלן אין מזומן געלט. באַנק-בילעטן, אײַנגעשלאָסן אויך די פּראָווינציעלע בײַנק, איז דאַן געווען אין אומזאַץ אַף אַ סומע פון 373 מיליאָן פראַנק (14.920.000 פונט שטערלינג); דעם 2-טן סענטיאַבר 1849 יאָר — אַף אַ סומע פון 482 מיל. פראַנק אדער 19.280.000 פונט שטערל., אַ צווואוקס פון 4.360.000 פונט שטערל., און דעם 2-טן סענטיאַבר פון 1850 יאָר — אַף אַ סומע פון 496 מיליאָן פראַנק, אדער 19.848.000 פונט שטערלינג, אַ צווואוקס אַן ערך פון 5 מיליאָן פונט. דערבײַ זײַנען די באַנק-בילעטן נישט געפאַלען אין זייער ווערט; פאַרקערט, דער פאַרשטאַרקטער אומזאַץ זייערער איז געגאַנגען אײַנצײַטיק מיט דער אָנזאַמלונג פון גאָלד און זילבער אין די קעלערן פון באַנק, אַזוי, אַז אין זומער פון 1850 יאָר איז דער מזומענער רעזערוו זײַנער באַשטאַנען אַן ערך אין 14 מיליאָן פ., אַן אומערהערטע סומע אין פראַנקרײַך. דער אומשטאַנד, וואָס דער באַנק איז אימשטאַנד געווען צו פאַרשטאַרקן זײַן צירקוליאַציע, אַלזאָ, הייסט עס, זײַן אַקטיוון קאַפּיטאַל, אַף 123 מיליאָן פראַנק אדער אַף 5 מיליאָן פונט שטערלינג, באַשטעטיקט אַמבעסטן אונדזערע ווערטער אין איינעם פון די פריערדיקע העפטן פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, אַז די רעוואָליוציע האָט נישט נאָר נישט אַראָפּגעוואָרפן די פינאַנסיעלע אַריסטאָקראַטיע, נאָר גיכער האָט זי אַפילע זי נאָך פאַרשטאַרקט. דער דאָזיקער רעזולטאַט ווערט נאָך קלאָרער, אויב מען זאָל אַכטונג געבן אַף דער באַנק-געזעצגעבונג פון די לעצטע יאָרן אין פראַנקרײַך. דעם 10-טן יוני פון 1847 יאָר איז דער באַנק באַפולמעכטיקט געוואָרן ארויסצולאָזן בילעטן צו 200 פראַנק, די קלענסטע בילעטן ביז דאַן זײַנען געווען צו 500 פראַנק. דער דעקרעט פון 15 מאַרט פון 1848 יאָר האָט דערקלערט די בילעטן פון פראַנצויזישן באַנק פאַר געזעצליך געלט און האָט באַפרײַט דעם באַנק פון דער פליכט אויסצוטוישן זיי אַף מזומן געלט. אײַנצײַטיק דערמיט האָט דער באַנק באַקומען דאָס רעכט ארויסצולאָזן בילעטן צו 100 פראַנק. דורכן דעקרעט פון 27-טן אַפּריל זײַנען די דעפּאַרטאַמענטן-בײַנק פאַראייניקט געוואָרן מיטן פראַנצויזישן באַנק אין איין גאַנצעס; אַ צווייטער דעקרעט, פון 2-טן מאַי פון 1849 יאָר, האָט געהעכערט די עמיסיאָנס-רעכט פונם באַנק ביז 442 מיליאָן פראַנק. דער דעקרעט פון 22-טן דעקאַבר 1849 יאָר האָט געהעכערט די מאַקסימאַלע ציפער פון דער עמיסיע ביז 525 מיליאָן פראַנק. ענדליך, דער געזעץ פון 6-טן סענטיאַבר 1850 יאָר האָט ווידער אײַנגעפירט דעם אויסטויש פון באַנק-בילעטן אַף געלט. אָט די אַלע פאַקטן: דער אומאויפהערלעכער וואוקס פון געלט-אומזאַץ, די קאָנצענטרירונג פונם גאַנצן פראַנצויזישן קרעדיט אין די הענט

פונם באנק און פונם גאנצן פראנצויזישן גאלד און זילבער אין זײַנע קעלערס— האבן געבראכט פרודאנען צו דעם אויספיר, אז עס איז געקומען די צײַט פארן באנק ארויסצעווארפן זײַן אלטע שלאנגען-פעל און פארוואנדלט ווערן אין א „פאלקס באנק“ לויט זײַן פרודאנישן רעצעפט. אין דער עמעסן האט פרודאן אפילע נישט געדארפט וויסן די געשיכטע פונם איינגלישן באנק פאר די יארן 1797—1819, ער האט זיך געדארפט בלויז אומקוקן אף יענער זײַט קאנאל, קדײ זיך צו איבערצײַגן, אז אט דער, פאר אים אומדערהערטער, פאקט אין דער געשיכטע פון דער בורזשואזער געזעלשאפט איז אין טאך ארײַן די נארמאלסטע בורזשואזע געשעעניש: אין פראנקרײַך האט זי איבערראשט בלויז צוליב איר נײַקײַט. עס איז קלאר, אז די קלוימערשטע רעוואליוציאנערע טעארעטיקער, וועלכע זײַנען געווען די טאן-געבערס אין פאריזש נאך דער צײַטווײַליקער רעגירונג, זײַנען געווען פונקט אזוינע אמהאראצים בענוגע צו דעם טאך פון די מיטלען, וואס זי האט אנגענומען, ווי די צײַטווײַליקע רעגירונג אליין. נישט קוקנדיק אף דער אינדוסטריעלער און האנדלס-אויפבליהונג, וואס האט זיך ערשט אנגעהויבן אין פראנקרײַך, האט די מאסע פון דער באפעלקערונג, די 25 מיליאן פויערים, געליטן אונטערן יאך פון דער עקאנאמישער יערידע. די גוטע געראַ-טענישן פון די לעצטע יארן האבן אראפגעווארפן די ברויט-פרײַזן נאך מער, ווי אין איינגלאנד, און די לאגע פון די פארשולדיקטע, ביז אפס לעצטע דורך די פראצענטניקעס אויסגעזאפטע און דורך דער רעגירונג באנומענע, פויערים איז געווען ווײַט נישט קײַן גלענצנדיקע. אבער, ווי די געשיכטע פון די לעצטע דרײַ יאר האט באוויזן, איז דער דאזיקער קלאס פון דער באפעלקערונג אבסא-לוט נישט פייִיק צו קײַן שום רעוואליוציאנערער איניציאטיוו.

ווי דער פעריאד פון קריזיס, אזוי אויך דער פעריאד פון אויפבליהונג, קומט אן אפן קאנטינענט שפעטער, ווי אין איינגלאנד. דעם אנהויב מאכט שטענדיק איינגלאנד: זי איז דער דעמיאורג פונם בורזשואזן קאסמאס. די פאר-שיידענע פאזן פון דעם ציקל, וועלכן עס גייט יעדעס מאל אויפסנײַ דורך די בורזשואזע געזעלשאפט, הויבן זיך אפן קאנטינענט אן אין זייער צווייטער אדער דריטער פארם. דער קאנטינענט פירט ארויס קײַן איינגלאנד אן אן ערך מערער, ווי אין א וואסער נישט איז אנדערן לאנד. דער דאזיקער ארויספיר היינגט, פארשטייט זיך, אפ פון די באדינגונגען פונם איינגלישן האנדל, באזונ-דערס אף די טראנסאטלאנטישע מערק. פון דער אנדערער זײַט, פירט איינגלאנד ארויס אף די טראנסאטלאנטישע מערק מער, ווי דער גאנצער קאנטינענט צוזאמען גענומען, אזוי אז די סומע פונם קאנטינענטאלן ארויספיר אין די דאזיקע לענדער איז ווידער פעסט אפהיינגיק פון איינגלאנדס ארויספיר. דערי-בער—האגאם די קריזיסן ברעכן אויס אין דער פארם פון א רעוואליוציע פריער פון אלץ אפן קאנטינענט,—שטאמט דער אנהויב זייערער דאך פון איינגלאנד. אף די עק-טיילן פונם בורזשואזן קערפער קומט נאטירלעך גיכער פאר דער איבערגוואלטיקער קריזיס, ווי אין זײַן הארצן, וואו עס קאן לײַכטער קומען די גלײַכגעוויכט. און פארקערט: לויט דעם, מיט וואס פאר א קראפט עס האט זיך אפגעשפיגלט די קאנטינענטאלע רעוואליוציע אף איינגלאנד,

קענען מיר אורטיילן, צי שטעלט זי אונטער אַ געפאַר די עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזער אָרדנונג גופא אָדער זי באַרירט בלויז אירע פּאָליטישע פאָרמען.

אינם פעריאָד פון אינדוסטריעלער אויפבליהונג, ווען די פּראָדוקציאָנס־קויכעס פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט אַנטוויקלען זיך ברייט און רייך, אַף וויפל דאָס דערלאָזן ביכלאל די באַדינגונגען פון דער בורזשואַזער אָרדנונג, קאָן קיין שום רייד נישט זיין וועגן אַ רעוואָלוציע אינם ווירקליכן זינען פון דעם וואָרט. זי איז מעגליך בלויז אין אַזוינע פעריאָדן, ווען די דאָזיקע ביידע פאַקטאָרן — די נייסטע פּראָדוקציאָנס־קויכעס און די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען קומען איינע מיט די אנדערע אין אַ ווידערשפרוך. די זידלערייען, מיט וועלכע עס קאָמפּראָמעטירן זיך איצט די פאָרשטייערס פון די פארשיידענע פראקציעס אין דער אָרדנונגס־פּאַרטיי אויפן קאָנטינענט, וועלן נישט געבן קיין סיבע פאר קיין נייע רעוואָלוציעס: פאַרקערט, זיי קאָנען דינען אלס סימפטאָם דערויף, אז אלע פארהעלטנישן באַזירן זיך בא איצטיקן מאָמענט אף זייער א פעסטן און — דאס ווייסט די רעאקציע נישט — אף א פולקאם בורזשואזן באדן. אָן אים וועלן זיך צעשלאגן אלע רעאקציאנערע פרואוון צו פארהאלטן די אנטוויקלונג פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט פונקט אזוי, ווי די גאנצע מאראלישע אויפרעגונג און אלע באַגייסטערטע פראקלאמאציעס פון די דעמאָקראטן. א נייע רעוואלוציע איז מעגליך ערשט נאָך א נייעם קריזיס. דערפאר איז זי אבער פונקט אזוי אומפארמיידליך, ווי דער לעצטער.

לאמיר זיך איצט ווענדן צו פראנקרייך.

צווינגענדיק דורכצופירן נייע וואלן דעם 28־טן אפריל, האט דאס פאלק אליין זיך אפגעזאָגט פונם ניצאכן, וואס ער האט געהאט אפגעהאלטן אף די וואלן דעם 10־טן מארט, פאראייניקט מיט דער קליין־בורזשואזיע. ווידאַל איז אויסגעקליבן געווארן אין פאריזש און אפן נידערן ריין. דער פאריזשער קאמיטעט, אין וועלכן עס איז שטארק פארטראטן געווען די בארג־פארטיי און די קליין־בורזשואזיע, האט אים צוגערעדט אנצונעמען דעם נידער־ריינישן מאנדאט. דער ניצאָכן פון 10־טן מארט האט פארלארן זיין באשליסנדיקע באדייטונג; דער ענדגילטיקער באשלוס איז ווידער אפגעלייגט געווארן, די אנשטריינגונג איז ביים פאלק אפגעשוואכט געווארן, ער האט אנגעהויבן צוגעוואוינט צו ווערן צו לעגאלע ניצכוינעס אנשטאט רעוואלוציאנערע. די קאנדידאטור פון יעוזשעני סיו, דעם סענטימענטאל־קליינבירגערלעכן סאציאל־פאנטאזיאָר, האט אינגאנצן פארניכטעט דעם רעוואלוציאנערן זינען פונם 10־טן מארט, די רעאביליטירונג פונם יוני־אויפשטאנד; דער פראלעטאריאט האט זי אין בעסטן פאל געקאנט אננעמען אלס א שפאס, אף פריי צו מאכן די גריזעטנס. אנטקעגן דער דאזיקער אנשטענדיקער קאנדידאטור האט די ארדנונגס־פארטיי, וואס איז דרייסטער געווארן דורך נישט אנטשלאסענער אויפפירונג פון אירע קעגנערס, ארויסגעשטעלט א קאנדידאט, וועלכער האט געדארפט אין זיך פארקערפערן דעם יוני'ער ניצאכן. דער דאזיקער קאמישער קאנדידאט איז געווען דער ספארטאנער פאמיליען־פאטער לעקלערק, וועמנס העלדישע קיי־זאַיען די פרעסע

האט פונדעסטוועגן אראפגעווייסן שטיקלאכוויז—ער האט אף די וואלן באקומען אַ גלענצענדיקן דורכפאל, דער נייער ניצאכן אַף די וואלן פון 28=טן אפריל האט אויפסניי שטאלץ געמאכט די מאנטאניארן און די קליין=בורזשואזיע. די מאנטאניארן האבן שוין טריאומפירט, אז זיי וועלן קאנען דערגרייכן צו זייער ציל אף א ריין לעגאלן וועג, נישט ארויסרופנדיק קיין נייע רעוואלוציע און נישט באנוצנדיק זיך מיט דער גרונט-היקף פונם פראלעטאריאט; זיי זיינען זיכער געווען, אז בא די נייע וואלן אין יאר 1852 וועלן זיי מיט דער הילף פונם אלגעמיינעם וואל-רעכט ארויפזעצן זייער לעדריו=ראָללען׳ען אפן פרעזידענטן-שטול און וועלן באקומען א גאראנטירטע מערהייט אין דער פארזאמלונג. די ארדנונגס=פארטיי האט זיך פאר דער צייט געטאן אירס. די נייע וואלן, סיו׳ס קאנדידאטור, די שטימונג פון די מאנטאניארן און פון דער קליין=בורזשואזיע האבן זי איבערצייגט, אז מיט אזוינע קאנגרעס מעג מען זיך אלץ דערלויבן, אז זיי וועלן האלטן פארטראגן און נישט נעמען זיך פארן געווער. אףביידע וואל-ניצכוינעס האט זי געענטפערט מיט א וואל-געזעץ, וועלכער האט אפגעשאפט דאס אלגעמיינע וואל=רעכט.

די רעגירונג איז געווען אַף אזויפיל פארזיכטיק, אז זי האט נישט גענומען דעם דאזיקן געזעץ-פראיעקט אף איר אייגענער אכראיעס. זי איז קלוימערשט געגאנגען אף א האנאכע דער מערהייט און האט די אויסארבעטונג פונם דאזיקן פראיעקט איבערגעגעבן די אנפירערס פון דער מערהייט, אירע זיבעצן בורגגראפן. אף אזא אופן האט נישט די רעגירונג פארגעלייגט דער נאציאנאלער פארזאמלונג, נאר די מערהייט האט זיך אליין פארגעלייגט צו פארניכטן דאס אלגעמיינע וואל=רעכט.

דעם 8=טן מאי איז דער פראיעקט אריינגעטראגן געווארן אין דעפוטאטן-הויז. די גאנצע סאָציאל=דעמאָקראטישע פרעסע האט, ווי איין מענטש, גענומען איינריידן דאס פאלק, אז עס זאל זיך האלטן מיט ווערדע, אפהיטן די calme (מאיעסטעטישע רוהיקייט), בלייבן פאסיוו אין פארטרויען זיינע majestueux פארטרעטערס. אין יעדן ארטיקל פון די דאזיקע צייטונגען האט מען געקאָנט ארויסלייענען די אנערקענונג, אז א רעוואלוציע וועט פריער פון אלץ פארניכטן אט די אזוי גערופענע רעוואלוציאנערע פרעסע און אז עס רעדט זיך אייגנטליך וועגן איר זעלבסט פארהיטונג. די קלוימערשט-רעוואלוציאנערע פרעסע האט ארויסגעזאָגט איר סאָד. זי האט אונטערגעשריבן איר אייגענעם טויט-אורטייל.

דעם 21=טן מאי האבן די מאָנטאָניארן אוועקגעשטעלט אף פריערדיקער באטראכטונג די פראגע וועגן באזייטיקן דעם דאזיקן געזעץ-פראיעקט אן שום דעבאטן, פארלייגנדיק גלייך אפצעווארפן דעם גאנצן פראיעקט, ווייל ער איז אויוועך אף דער קאנסטיטוציע. די ארדנונגס=פארטיי האט געענטפערט, אז די אינסטיטוציע וועט געשטערט ווערן אין דעם פאל, ווען דאס וועט נויטיק זיין, דערווייל אבער איז דאס איבעריק, ווייל די קאָנסטיטוציע קאָן אויסגעטייטשט ווערן אף די פארשיידנסטע אויפאנים, און בלויז די מערהייט איז קאָמפעטענט צו באשליסן, וועלכע אויסטייטשונג עס איז די ריכטיקע. די ווילד-צעלאזענע אנפאלן פון טיערן און מאנטאלאמבערן האט די בארג-פארטיי באגעגנט מיט אן אָנשטענדיקער און קולטורעלער רוהיקייט. זי האט זיך סוימעך געווען אפן

באַזיס פון רעכט; האט איר די אָרדנונגס-פּאַרטיי אָנגעוויזן אויף דעם באַזיס, אויף וועלכן עס וואקסט אויס דאָס רעכט, אַפן בורזשואזן אייגנטום. די בארג-פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן צו בעטן ראכמים: איר ווילט טאַקע אין דער עמעסן אום וואס פאר א פּרייַז עס זאל נישט זיין אַרויסרופן א רעוואָלוציע? האט די ארדנונגס-פּאַרטיי געענטפערט: מיר וועלן זי אויסוואַרטן.

דעם 22-טן מאי איז געמאַכט געוואָרן א סאָף מיט דער לעכאַטכילעדי-קער באַטראַכטונג: אַ מערהייט פון 462 שטימען קעגן 227 האט באַשלאָסן אנצוהויבן צו באַטראַכטן דעם געזעץ-פּראָיעקט.

די זעלביקע מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי פייערליך און אַזוי גרינטליך דערוויזן, אז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און יעדער איינציקער דעפּוטאַט באַזונדער זאָגן זיך אָפּ פון זייער מאַנדאַט, ווי נאר זיי גיבן די דעמיסיע דעם פאָלק, וואָס האָט זיי די פולמאַכטן געגעבן, זיינען זיך געבליבן רוהיק זיצן אויף זייערע ערטער, און האָבן זיך באַמיט צו צווינגען דאָס לאַנד, אז עס זאָל אנהויבן ווירקן אנשטאָט זיי, ווירקן מיט דער הילף פון פּעטיציעס, אליין האבן זיי א פינגער אָן אַ פינגער נישט א קלאַפּ געטאָן, ווען עס איז דעם 31-טן מאַי אויף א גלענצנדיקן אויפן דורכגעגאַנגען דער נייער וואל-געזעץ. זיי האבן זיך געפּרוּווט בעקאָמע נעמען דורך אַ פּראָטעסט, אין וועלכן זיי האבן ארייַנגעטראגן אין פּראָטאָקאָל אז זיי האבן קיין שאיכעס נישט צו דעם גוואַלטאַקט איבער דער קאָנסטיטוציע, אבער אפילו דעם דאזיקן פּראָטעסט האָבן זיי נישט געמאָלדן אָפן, נאָר בעסאָד ארייַנגערוקט דעם פּרעזידענט אין קעשענע אריין.

די 150.000-דיקע אַרמיי אין פּאַריזש, דאָס אומאויפהערליכע אָפּלייגן דעם ענטגילטיקן באַשלוס, די פּאַכדאָנישע אייצעס פון דער פּרעסע, די קליינמוטיקייט פון דער בארג-פּאַרטיי און פון די ניי-אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן, די אָלימפּישע רוהיקייט פון דער קליין-בורזשואזיע און, דער איקער, דער האַנדלס- און אינדוסטריעלער אויפשוואונג האָבן געשטערט יעטווידן רעוואָלוציאָנערן פּרוּוו מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט.

דאָס אַלגעמיינע וואל-רעכט האָט אויסגעפּילט זיין שליכעס. די פאָלקס-מאַסע איז דורכגעגאַנגען זיין בילדונגס-שול. אין אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע דינט עס נאָר פאר אַזאַ שול, נישט מער. איצט האָט עס שוין געדאַרפט באַזייטיקט ווערן: דורך אַ רעוואָלוציע, אָדער דורך אַ רעאַקציע.

נאָך מער ענערגיע האָט אַרויסבאַוויזן די בארג-פּאַרטיי באַם פּאָלגנדיקן אינצידענט: דער קריגס-מיניסטער ד'האָפּול האָט פון דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אָנגערופן די פעברואַלער רעוואָלוציע: אומגליקס-קאַטאַסטראָפע. די רעדנערס פון דער בארג-פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך, ווי טאָמיד, אויסגעצייכנט מיטן ראַשיקן אויסדרוק פון זייער מאָראַלישער אויפרעגונג, זיינען דורכן פּרעזידענט דיופּען נישט דערלאָזן געוואָרן צום וואָרט. זשיראַרדען האָט פאָרגעלייגט דער בארג-פּאַרטיי, זי זאָל גלייך, אין גאַנצן באַשטאַנד, אַרויסגיין פון זאַל. דער רעזולטאַט: די בארג-פּאַרטיי איז זיך פאַרבליבן אויף איר אָרט, און זשיראַרדען, אַלס אומווירדיקער, איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אירע רייען.

דער נייער וואַל-געזעץ האָט זיך נאָך געניטיקט נאָך אין איין צוגאָב, אין אַ נייעם פרעסע-געזעץ. דער לעצטער האָט נישט געלאָזן אָף זיך לאַנג וואַרטן. דער געזעץ-פּראָיעקט פון דער רעגירונג, פאַרערגערט אין פיל פונקטן דורך די אויסבעסערונגען פון דער אָרדנונגס-פּאַרטיי, האָט גרעסער געמאַכט די מאשקאָנעס, פעסטגעשטעלט אַ באַזונדערן שטעמפּל-אָפּצאָל פון פעליעטאָן-ראָמאַנען (אַן ענטפער אָפן אויסוואַל פון יעוגעני סיו), האָט באַשטייערט אַלע ווערק, וועלכע דערשיינען אין וועכנטליכע אָדער כוידעשליכע אויסגאַבן ביז אַ געוויסער צאָל בויגנס און האָט, ענדליך, פעסטגעשטעלט, אַז אָף יעדן ציַיטונגס-אַרטיקל מוז זיין דעם מעכאַבערס אונטערשריפט. די באַשטימונגען וועגן דעם מאַשקן האָבן דערהאַרגעט די אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע פרעסע; דאָס פאָלק האט געקוקט אָף איר אונטערגאַנג, ווי אָף אַן אפּצאָל פאַר דער אפּשאַפונג פונם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. די ווירקונג פונם נייעם געזעץ האט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דער דאָזיקער טייל פון דער פרעסע, און די מעכאַברים פונם געזעץ האָבן עס גאָרנישט געהאַט אָפילע בעדייע. קאָלזמאַן די ציַיטונגס-פרעסע איז געווען אַנאָנים, איז זי געווען אַן אָרגאַן פאַר דער ברייטסטער, נאָמענלאָזער געזעלשאַפטליכער מיינונג; זי איז געווען די דריטע מאַכט אין דער מלוכע. דאָס האט זיך געענדערט, ווען אַלע אַרטיקלען האָבן אנגעהויבן אונטערגעשריבן ווערן דורך די מעכאַברים: די ציַיטונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַמלונג פון ליטעראַרישע ווערק פון מער אָדער ווייניקער באַקאַנטע פערזאָנען. יעדער אַרטיקל האט זיך אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער מאַדרייגע פון אַ ציַיטונגס-אַנאָנס. ביז אַהער האָבן די ציַיטונגען געהאַט אַ ווערט ווי פאַפּירגעלט פון געזעלשאַפטלעכער מיינונג, איצט זיַינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מער אָדער ווייניקער צווייפלהאַפטע סאָלאָ-וועקסלען, וואָס זייער גוטסקייט און גאַנגבאַרקייט איז אָפּהייגיק געווען נישט נאָר פונם וועקסל-געבערס קרעדיט, נאָר אויך פונם קרעדיט פונם אינדאָסענט. די פרעסע פון דער ארדנונגס-פאַרטיי האט אַגיטירט נישט נאָר פאַרן אָפּשאַפן דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט, נאָר אויך פאַר די עקסטרעמסטע מיטלען קעגן דער „שעדליכער" פרעסע. דאָך איז אָפילע אַט די „אנשטענדיקע" פרעסע מיט איר ביַיזווייליקער אַנאָנימקייט נישט געווען לויטן געשמאַק פון דער ארדנונגס-פאַרטיי, באַזונדערס פון אייניקע אירע פּראָווינציעלע פאַרשטייערס. זיי האָבן געוואָלט האָבן צו טאָן נאָר מיט באַצאָלטע שריַיבערס, און וויסן זייער פולן נאָמען, זייער דירע און זייערע סימאָנים. אומזיסט האט זיך די „אנשטענדיקע" פרעסע באַקלאָגט אָף דער שוואַרצער אומדאַנקבאַרקייט, מיט וועלכער מע צאָלט איר פאַר איר דינסט. דער געזעץ איז דורכגעגאַנגען, די פאָדערונג פון אונטערשריפטן איז געווען דער ערגסטער קלאַפּ גראָד פאַר איר. די נעמען פון די רעפּובליקאַנישע פּובליציסטן זיַינען געווען גענוג באַקאַנט; אָבער די אנשטענדיקע פירמען: „Journal des Dèbats" „Assemblèe Nationale", „Constitutionel" א. א. וו. א. א. וו. מיט זייער באַרימטער מלוכע-קלוגשאַפט האָבן פאַרגעשטעלט זייער אַ קלאָגעדיק בילד, ווען די דאָזיקע גאַנצע געהיימניספולע קאָמפּאַניע איז פּלוצלונג אַנטפּלעקט געוואָרן און עס האט זיך אַרויסגעוויזן,

אז דאס זיינען אלטע פארקויפטע, אויסגעריבענע גאסן-שרייבערס, ווי לעמאשל גראַניע=דע=קאססאניאק, וואס זיינען צוגעוואוינט פאר מזומן געלט צו פארטיידיקן אלץ, וואס איר ווילט, אדער אַלטע שמאַטעס, ווי קאפעפיג, וואס רופן זיך אליין מלוכע-מענטשן, אדער קאקעטירנדיקע וויצלינגער, ווי דער ה' לעמוען פון די „Débats“.

באם באטראכטן דעם געזעץ וועגן דער פרעסע האט די בארג=פארטיי שוין באוויזן זיך אראפצולאזן אף אזא נידעריקער מאראלישער מאדרייגע, אז זי איז בלויז אימשטאנד געווען צו אפלאדירן די טיראדן פון דער אלטער באַרימטקייט פון דער יולי-מאנארכיע, דעם ה' וויקטאר הוגא.

צוזאמען מיטן געזעץ וועגן די וואלן און מיטן געזעץ וועגן דער פרעסע גייט די רעוואלוציאנערע און דעמאקראטישע פארטיי אַראפ פון דער אפיציעלער סצענע. א קורצע צייט נאכן סאף פון דער סעסיע, פארן אפפארן אהיים, האבן ביידע פראקציעס פון דער בארג=פארטיי—די סאציאליסטישע דעמאקראטן און די דעמאקראטישע סאציאליסטן—ארויסגעלאזן צוויי מאניפעסטן, צוויי testimonia paupertatis (דאלעס-צייגנישן), אין וועלכע זיי האבן דערוויזן, אז אויב קויאך און ערפאלג זיינען קיינמאל נישט געווען אף זייער זייט, זיינען זיי אבער דערפאר שטענדיק געשטאנען פאר דאס אייביקע רעכט און פאר אלע איבעריקע אייביקע עמעסן.

לאמיר זיך איצט ווענדן צו דער ארדנונגס=פארטיי. די „נייע ריינישע צייטונג“ האט אין 3=טן נומער, ז. 16, געשריבן: „זייט באם זייט מיט די רעסטאווראציאנס-שטרעבונגען פון די פאראייניקטע ארלעאניסטן און לעגיטימיסטן איז באנאפארט דער פארשטייער פון דער רעפובליק, וועלכע סאנקציאנירט זיין פאקטישע מאכט, און פון דער אנדערער זייט, מאכן די רעסטאווראציאנס-שטרעבונגען פון באנאפארטן אליין די ארדנונגס-פארטיי פאר אן אנהייגערן פון דער רעפובליק, וועלכע סאנקציאנירט זייער געמיינזאמע הערשאפט; די ארלעאניסטן—אף צעלאכעס די לעגיטימיסטן, די לעגיטימיסטן—אף צעלאכעס די ארלעאניסטן—זיינען די פארשטייערס פונם status quo—פון דער רעפובליק. יעדע פון די פראקציעס פון דער ארדנונגס-פארטיי פארמאגט in petto איר אייגענעם קעניג און איר אייגענע רעסטאווראציע, און אין דער זעלביקער צייט מוז יעדע אין קאמף מיט די אוזורפאציאנס- און רעוואלוציאָנערע שטרעבונגען פון אירע קעגנערס אונטערשטרייכן די אַלגעמיינע הערשאַפט פון דער בורזשואזיע, די מלוכע-פאָרם, אין וועלכער אלע זייערע באזונדערע פאָדערונגען ווערן אָפגעהיט אין א נייטראלן צושטאנד—די רעפובליק... טיער האָט גאָרנישט כוישעד געווען, וואָס פאר אן עמעס עס ליגט באהאלטן אין זיינע ווערטער: „מיר, ראָיאליסטן, זיינען די זיכערסטע שטיצע פאר דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפובליק“.

די דאָזיקע קאָמעדיע פון républicains malgré eux—רעפובליקאנער קעגן אייגענעם ווילן, פון סאָנים פונם status quo אין דער ראָליע פון זיינע היטערס; די שטענדיקע צוזאמענשטויסן צווישן באָנאפארטן מיט דער נאציאָנאלער פארזאמלונג; די סאקאָנע פונאנדערגעפאלן צו ווערן אף אירע באַ=

שטאנד-טיילן, וואָס האָט זיך יעדעס מאָל אויפגעהויבן פאר דער אָרדנונגס-פארטיי, און יעדעס מאָל די נייע צונויפגיסונג פון אירע פראקציעס; די פרואוון פון יעדער פון זיי צו פארוואנדלען דעם ניצאָכן איבערן אלגעמיינעם סוינע איז א מאפּאָלע פון אירע צייטווייליקע פארבינדעטע; די קעגנזייטיקע קינע, בייזער זיקאָרן און העצע, די אָן אויפהער אנטבלויזטע שווערדן, און אלס רעזולטאט פון אלץ—שטענדיק א baiser Lamourette[1])—אָט די גאנצע איינפאכע פעלערן-קאָמעדיע איז אין א באזונדערס קלאסישער פאָרם פונאנדער-געשפּילט געוואָרן אין מעשאך פון די לעצטע זעקס כאדאָשים.

די ארדנונגס-פארטיי האט געמיינט, אז דורך איר וואַל-געזעץ האט זי באַזיגט באָנאַפּארטן. איבערגעבנדיק אין דער קאָמיסיע פון זיבעצן די רעדאקציע פון איר געזעץ-פּראָיעקט און די אַכראַיעס פאר אים, האט זיך דען באָנאַפּארטס רעגירונג דערמיט אליין נישט אפּגעזאָגט פון דער מאַכט? באָנאַפּארטס הויפּט-שטיצע קעגן דער פאַרזאַמלונג איז דאָך באשטאַנען דערין, וואס ער איז געווען אויסגעקליבן פון זעקס מיליאָן.—באָנאַפּארט פון זיין זייט האט געקוקט אפן וואַל-געזעץ, ווי אף א האַנאָכע דער פאַרזאמלונג, דורך וועלכער ער קויפט די הארמאָניע צווישן דער געזעצגעבערישער און דער אויספירנדער מאכט. אַלס באַלוינונג דערפאר האט דער דאָזיקער נידעריקער אוואַנטיוריסט געפאָדערט, אז זיין געהאַלט זאָל אים פארגרעסערט ווערן אף דריי מיליאָן. די נאציאָנאלע פארזאמלונג האט זיך נישט געקאנט פונאַנדערגיין מיט דער אויספיר-מאכט אין דעם מאָמענט, ווען זי האט אפּגעשטויסן די גוואַלטיקע מערהייט פונם פראַנ-צויזישן פאָלק. אזוי האט אויסגערעכנט נאפּאָלעאָן. די פארזאַמלונג איז געווען אויפגערעגט. לויט אַלע סימאָנים האט זי זיך געהאט אנטשלאָסן אף די סאַמע עקסטרעמסטע מיטלען. די קאמיסיע האט אפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון דער רעגירונג, די באָנאַפּאַרטיסטישע פרעסע האט פון איר זייט אנגענומען אַ דראָ-הענדיקע פּאָזע, האָט אנגעוויזן אפן בארויבטן פאָלק, באַ וועלכן מע האט צוגע-נומען זיין וואַל-רעכט. עס איז פאָרגעקומען א גרויסע צאָל טומלדיקע פרואוון זיך צוזאַמענצוריידן; סאָף קאָל סאָף האט די פאַרזאַמלונג אין דער ווירקליכקייט נאָכגעגעבן, אָבער זי האָט זיך נויקעם געוועזן אין פרינציפּ. אנשטאָט אף שטענ-דיק צו פאַרגרעסערן דאס געהאַלט אף דריי מיליאָן א יאר, האָט זי באַשלאָסן ארויסצוגעבן באָנאַפּארטן נאָר אָן איינמאָליקע שטיצע פון 2.160.000 פראַנק. אבער אויך די דאָזיקע האנאָכע האָט זי געמאַכט ערשט דאַן, ווען פאר איר האט זיך ארויסגעזאָגט שאַנגארניע, דער גענעראל פון דער אָרדנונגס-פארטיי און באָנאַפּארטס זעלבסט בארופענער באשיצער. אף אַזאַ אויפן, האָט מען די דאָזיקע צוויי מיליאָן אייגנטליך וואָטירט נישט באָנאַפּארטן, נאָר שאַנגאַרניען.

די דאָזיקע מיט קאָעס צוגעוואָרפענע נעדאָווע האָט באָנאפּארט אנגע-נומען גאָר אינם גייסט פון א באַאַל-טויווע. די באָנאפּאַרטיסטישע פרעסע

1) לאמורעטס קוש. בעשאס דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע האט אין דער נאציא-נאלער פארזאמלונג דער דעפּוטאט לאמורעט איינמאל נאָך א שטורמישן צוזאמענשטויס צווישן די פּארטייען איינגעארדנט א סענטימענטאלע סצענע פון אלגעמיינעם שאלעם-ווערן.

האָט צוריק באַנײַט אירע אומדערוואַרטעטע אָנפאַלן אויף זער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, און האָט אינגיכן אָנגעהויבן אָפּן אָנפאַלן אויף איר. די פאָדערונג פון כּסימעס פאַר די מיטאַרבעטערס פון צײַטונגען איז פריער פון אַלץ געווען געווענדעט קעגן די צווייטראַנגיקע צײַטונגען, די פאָרשטייערנס פון באָנאַפּאַרטס פּערזענלעכע אינטערעסן; און אָט, ווען עס איז בײַם באַטראַכטן דעם געזעץ וועגן דער פּרעסע אַרײַנגעטראָגן געוואָרן די אויסבעסערונג וועגן אונטערשריפטן, איז דער הויפּט-באָנאַפּאַרטיסטישער אָרגאַן, דער «Pouvoir» מיט נישט אײַנגעהאַלטענעם ווילדן קאַס אָנגעפאַלן אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די מיניסטאָרן איז אויסגעקומען זיך אָפּצוזאָגן פון דער דאָזיקער צײַטונג; דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פונם «Pouvoir» איז גערופן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און איז צוגעמישפּעט געוואָרן צו אַ געלט-שטראָף פון 5.000 פראַנק. אויפן אַנדערן טאָג האָט דער «Pouvoir» אָפּגעדרוקט נאָך אַ פרעכערן אַרטיקל קעגן דער פאַרזאַמלונג, און די רעגירונג האָט אויס נקאָמע פאַרפירט פּראָצעסן קעגן אייניקע לעגיטימיסטישע צײַטונגען פאַר איווער זײַן אויף דער קאָנסטיטוציע.

ענדלעך, איז אויפן טאָג-סדר אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַן איבעררײַס אין די זיצונגען פונעם דעפּוטאַטן-הויז. באָנאַפּאַרט האָט נויטיק געהאַט דעם דאָזיקן איבעררײַס, כּדי אַ רוען טאָן אָן שטערונגען מיצד דער פאַרזאַמלונג. די אָרדנונגס-פּאַרטיי האָט אים געדאַרפט האָבן טיילווײַז צוליב אירע פראַקציאָנערע אינטריגעס, טיילווײַז צוליב פּערזענלעכע צילן פון איינצעלנע דעפּוטאַטן, און ביידן — באָנאַפּאַרטן און דער אָרדנונגס-פּאַרטיי — איז די הפסקה נויטיק געווען אויף צו פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן, די רעאַקציאָנערע ניצכוינעס אין דער פּראָווינץ. און ווירקלעך, די פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעלייגט אירע זיצונגען פונם 11-טן אויגוסט ביזן 11-טן נאָיאַבר. אָבער אַזוי ווי באָנאַפּאַרט האָט קלאָל נישט געמאַכט קיין סוד דערפון אַז די אויפזיכט פון דער פאַרזאַמלונג איז אים צו שווער, האָט זי אַפילע איר צוטרוי-וואָטום צוגעגעבן דעם כאַראַקטער פון אומצוטרוי צום פּרעזידענט. קיין איין באָנאַפּאַרטיסט איז נישט צוגעלאָזט געוואָרן אין דער שטענדיקער קאָמיסיע פון 28 מיטגלידער, וואָס האָט געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך פון די רעפּובליקאַנישע גוטע מידעס אין דער צײַט פון די קאַניקולן. אַנשטאָט די באָנאַפּאַרטיסטן זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן אַפילע אייניקע רעפּובליקאַנער פון «Siècle» און «National»; דערמיט האָט די מערהײַט געגעבן צו וויסן דעם פּרעזידענט וועגן איר צוגעבונדנקייט צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק.

אַ קורצע צײַט פאַר דער הפסקה אין די זיצונגען פונם דעפּוטאַטן-הויז, און באַזונדערס גלײַך נאָך איר, האָט זיך געדוכט, אַז ביידע גרויסע פראַקציעס פון דער אָרדנונגס-פּאַרטיי, די אָרלעאַניסטן און לעגיטימיסטן, זײַנען גרייט שאָלעם צו ווערן צווישן זיך אויפן גרונט פון צונויפגיסן ביידע קעניגלעכע פאַמיליעס, אונטער וועמענס פאָנען זיי האָבן געקעמפּט. די צײַטונגען זײַנען פול געווען מיט די שאָלעם-פּראָיעקטן, וואָס זײַנען באַטראַכט געוואָרן בײַם בעט פון קראַנקן לואי-פיליפּ אין סאַנקט-לעאָנאַרדע; אָבער לואי-פיליפּס פּלוצלינגער טויט האָט פאַרפּײַנפאַכט די לאַגע. לואי-פיליפּ איז געווען אַן אוזורפּאַטאָר. הענריק דער

5-טער גאַיז דורך אים באַרויבט געוואָרן און דער גראַף פּאַריזשסקי איז צוגעגעבן געוואָרן מיט די קראַפט פון דער ... דעם 5-טנס קינדערלאָזיקייט זײַן געזעצליכער יורש. איצט איז פאַרשוואונדן יעטווידער מאָטיוו אף צונויפגיסן ביידע דינאַסטיעס. אבער גראָד האָבן ביידע פראַקציעס פון דער בורזשואזיע ענדליך פאַרשטאַנען, אז זיי צעטיילט נישט די סענטימענטאַלע צוגעבונדקייט צו דער אָדער יענער קעניגליכער פאַמיליע, נאָר פאַרקערט, אז זייערע פאַרשיידנאַרטיקע קלאַסן-אינטערעסן האָבן צעטיילט די ביידע דינאַסטיעס. די לעגיטימיסטן, וואָס זײַנען אַוועק זיך בוקן פאַר הענריק דעם 5-טן אין וויסבאַדן—פּונקט ווי זייערע אָרלעאַניסטישע קאָנקורענטן אין סאַנקט-לעאָנאַרד—האָבן, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערוואוסט פון לואי-פיליפּס טויט, גלײַך אויסגעבילדעט א מיניסטעריום in partibus infidelium, וואָס אין אים זײַנען מערנסטיילס אַרײַן מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון די אכט און צוואַנציק רעפּובליקאַנישע מאַשגיכים; און בעשאַס א געוויסן קאָנפליקט אין דער פּאַרטיי איז דאָס דאָזיקע מיניסטעריום גלײַך אַרויסגעטראָטן מיט דער אָפנהערציקסטער פּראָקלאַמאַציע אינעם נאָמען פון רעכט מיט גאָטס גענאָד. די אָרלעאַניסטן האָבן טריאומפירט איבער דעם סקאַנדאַל, וואָס דער מאַניפעסט האָט אַרויסגערופן אין דער פּרעסע און האָבן גאָרנישט באַהאַלטן זייער אָפענע סינע קעגן די לעגיטימיסטן.

בעשאַס די קאַניקולן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָבן געעפנט זייערע זיצונגען די פאָרשטייערשאַפטס-פאַרזאַמלונגען פון די דעפּאַרטאַמענטן. די מערהייט זייערע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר א מער אָדער ווייניקער אײַנגעשränkter ... טריגאַנישן איבערקוקן די קאָנסטיטוציע, ד. ה. זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר א מאָנאַרכיסטישע רעסטאַווראַציע פון אַן אומבאַשטימטן כאַראַקטער, פאַרן „באַשליסן די פראַגע", מוידע זײַענדיק צוזאַמען מיט דעם, אַז זיי זײַנען צופיל נישט קאָמפּעטענט און צופיל פאַכדאַניש אף צו געפינען דעם דאָזיקן באַשלוס. די באָנאַפּאַרטיסטישע פראַקציע האָט זיך צוגעהײַלט אויסצוטײַטשן דאָס דאָזיקע איבערקוקן די קאָנסטיטוציע אינעם זינען פון פאַרלענגערן נאַפּאָלעאָנס פולמאַכטן.

דער הערשנדיקער קלאַס האָט בעשום אויפן ניט געקענט דערלאָזן קיין געזעצליכן קאָנסטיטוציאָנעלן סאָף,—די דימיסיע פון באָנאַפּאַרטן אין מאי פון 1852 יאָר, באַלדיקע וואַלן פון א נײַעם פּרעזידענט דורך אַלע וויילערס פון לאַנד, און איבערקוקן די קאָנסטיטוציע דורך א רעוויזיאָנס-אַנשטאַלט אין משך פון די ערשטע כאַדאָשים פון דער נײַער פּרעזידענטשאַפט. דער טאָג פון די נײַע פּרעזידענטן-וואַלן וואָלט געווען א טאָג פון צוזאַמענשטויס צווישן אַלע פײַנטליכע פּאַרטייען: די לעגיטימיסטן, אָרלעאַניסטן, בורזשואזע רעפּובליקאַנער, רעוואָלוציאָנערן. אַלס רעזולטאַט וואָלטן זיי זיך אומפאַרמײַדליך געמוזט באַנוצן מיט דער קראַפט פון געווער. ווען אפילו דער אָרדנונגס-פּאַרטיי זאָל זיך געווען אײַנגעגעבן צו געפינען א נייטראַלן קאַנדידאַט, וועלכער זאָל שטיין אויסער ביידע דינאַסטישע פאַמיליעס, וואָלט קעגן איר אַרויסגעטראָטן ווידער דער זעלביקער באָנאַפּאַרט. אין זײַן קאַמף קעגן פאָלק איז די אָרדנונגס-פּאַרטיי געצוואונגען געווען טאָמיד צו פאַרשטאַרקן די קראַפט פון דער אויספיר-מאַכט. און די פאַרשטאַרקונג פון דער אויספיר-מאַכט האָט פאַרשטאַרקט איר פאַרשטייער—באָנאַפּאַרטן. דעריבער איז יעטווידער טריט, וואָס די אָרדנונגס-פּאַרטיי נעמט

אונטער אף צו פארשטארקן איר אלגעמיינע מאכט, פארשטארקט ער נאפאלעאנס קאמף-מיטלען אין זיינע דינאסטישע פרעטענזיעס, פארגרעסערט זיינע שאנסן — אינם באשליסנדיקן מאמענט מיט קויאך צו שטערן דעם קאנסטיטוציאנעלן סאף. דעמאלסט וועט זיך באנאפארט אין זיין קאמף מיט דער ארדנונגס-פארטיי פונקט אזוי נישט אפשטעלן פארן איבערער זיין אף איינעם פון די יעסוירעס פון דער קאנסטיטוציע, ווי די ארדנונגס-פארטיי האט אין איר קאמף מיטן פאלק זיך נישט אפגעשטעלט פארן איבערער זיין אפן צווייטן יעסאד פון דער קאנסטיטוציע, אפשאפנדיק דאס אלגעמיינע וואל-רעכט. מע האט זיך געקאנט מעשאער זיין, אז אף צעלאכעס דער פארזאמלונג וועט ער אפעלירן אפילע צום אלגעמיינעם וואל-רעכט. מיט איין ווארט, א קאנסטיטוציאנעלער סאף וועט געשטעלט אין קאן דעם גאנצן פאליטישן status quo, און איבער דעם דאזיקן status quo האט זיך דעם בורזשוא געכאלעמט כאאס, אנארכיע און בירגער-קריג. אים כאלעמט זיך, אז גלייך מיט דער ערוואכונג פונם מאי פון 1852 יאר ווערן געשטעלט אין קאן אלע זיינע קניעס און מעכירעס, זיינע וועקסלען, זיינע כאסענעס, נאטאריאלע אקטן, היפאטעקן, ערד-רענטע, דירע-געלט, רעוואך און אלע זיינע קאנטראקטן און קוואלן פון האכנאסע — און אונטער אזא ריזיקע זיך אונטערווארפן קאן ער נישט. אונטער דער צעשטערונג פונם פאליטישן status quo ליגט באהאלטן א סאקאנע פאר דער גאנצער בורזשואזער געזעלשאפט, איר אלגעמיינער קראך. דער איינציק מעגליכער סאף פאר דער בורזשואזיע איז אפלייגן דעם סאף. זי קאן ראטעווען די קאנסטיטוציאנעלע רעפובליק נאר דורך איבערער זיין אף דער קאנסטיטוציע. אט דאס איז געווען דאס לעצטע ווארט פון דער פרעסע פון דער ארדנונגס-פארטיי נאך אלע אירע טיפזיניקע און לאנגווייליקע דעבאטן וועגן „סאף“, וואס זי האט געפירט נאך זעם, ווי עס האט זיך געעפנט די סעסיע פון די גענעראלע ראטן. די מעכטיקע ארדנונגס-פארטיי איז אף אזא אויפן, צו איר כארפע, געצוואונגען געווען ערנסט זיך רעכענען מיט דער לעכערלעכער, ארדינערער און דורך איר, פארהאסטער פערזענליכקייט פונם פסעוודא-באנאפארט.

דער דאזיקער שמוציקער פארשוין האט פון זיין זייט זיך טויע געווען מעקויאך די עמעסע סיבעס פון דעם, וואס אף אים איז אויסגעפאלן די ראליע פון א נויטיקן מענטשן. אין דער צייט, ווען זיין פארטיי איז געווען גענוג ווייט-זעעוודיק אף צו פארשטיין, אז באנאפארטס וואקסנדיקע באדייטונג הייגנט אפ פון די אומשטענדן, האט ער אליין געגלויבט, אז ער האט דערמיט צו פארדאנקען בלויז דער באצויבערנדיקער ווירקונג פון זיין נאמען און זיינע אומערמידליכע באמיהונגען צו פאראדירן נאפאלעאנען. זיינע אונטערנעמונגס-פייִקייטן זיינען געוואקסן פון טאג צו טאג. אפן אוילע-רעגל זיין פון די לעגיטימיסטן און אָרלעאניסטן קיין וויסבאדען און סאנקט-לעאנארד האט ער געענטפערט מיט זיינע אגיטאציאנס-רייזעס איבער פראנקרייך. די באנאפארטיסטן האבן פונדעסטוועגן נישט געלייגט קיין שום האפענונגען אף דער מאגישער ווירקונג פון זיין פערזאן און האבן אים אומעטום נאכגעשיקט קלאקערס, מיטגלידער פון דער געזעלשאפט פון 10-טן דעקאבער, אן ארגאניזאציע פון פאריזשער שלעפערס,

אָנפּאַקנדיק מיט ווי די אײַזנבאַן־צוגן און פּאָסט־דיליזשאַנסן. זיי האָבן אַרײַנגעלייגט זייער מאַריאָנעטן אין מויל אַרײַן אַזוינע ריידעס, אין וועלכע עס איז, אָפּהיינגיק פון דעם אויפנאָם, וואָס דער פּרעזידענט האָט באַקומען אין דער אָדער יענער שטאָט, פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַלס דעוויז פונם פּרעזידענט, אַמאָל רעפּובליקאַנישע אַניוועס און אַמאָל אומפאַרענדערלעכע פעסטקייט. נישט געקוקט אָבער אַף די אַלע מאַנעוורען, האָבן די דאָזיקע רײַזעס קלאָר נישט דערמאָנט קיין טריאומפאַלן גאַנג.

זײַענדיק אַנגענעם פאַרזיכערט, אַז אים גיט זיך אײַן אַף אַזאַ אָרט צו באַגײַסטערן פון זײַן טויווע וועגן דאָס פאָלק, נעמט זיך באָנאַפּאַרט פאַר אַן אַגיטאַציע צווישן דער אַרמיי. אַף די פעלדער סאַטאָרי בײַם ווערסאַל אָרדנט ער אײַן גרויסע מיליטערישע פאַראַדן, אַף וועלכע ער באַמיט זיך אונטערצוקויפן די סאָלדאַטן מיט קנאָבל־וואורשט, שאַמפּאַניער און ציגאַרן. אין דער צײַט, ווען דער עמעסער נאַפּאָלעאָן האָט געקאָנט אויפמונטערן זײַנע אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן אין די ליידן פון זײַנע עראָבערונגס־מילכאָמעס מיטן פײַער פון פּאַטריאַרכאַלער האַרציקייט, האָט זיך דער פּסעוודאָ־נאַפּאָלעאָן געפרייט אַף זײַן פּאָפּוליאַריטעט, ווען דאָס מיליטער האָט אים געדאַנקט מיט געשרייען: Vive Napoléon! — Vive le saucisson! ד. ה. זאָל לעבן די וואורשט, זאָל לעבן דער פּאַיאַץ! [1])

די דאָזיקע פאַראַדן האָבן געבראַכט צו אַן אויפרײַס פונם אַלטן פאַרבאַהאַלטענעם סיכסוך צווישן נאַפּאָלעאָנען מיט זײַן קריגס־מיניסטער ד'אָפּול, פון איין זײַט, און שאַנגאַרניע — פון דער צווייטער. אין דער פּערזאָן פון שאַנגאַרניע האָט די אָרדנונגס־פּאַרטיי געפינען דעם פאַר איר נויטיקן, ווירקלעך „נייטראַלן מענטשן", בײַ וועלכן עס האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זײַן וועגן דינאַסטישע טוויעס. זי האָט אים געהאַט בעדייע צו מאַכן פאַר נאַפּאָלעאָנס נאָכפאָלגער. דערצו נאָך איז שאַנגאַרניע, אַ דאַנק זײַנע העלדנטאַטן פון 29־טן יאַנוואַר און 13־טן יוני 1849 יאָר געוואָרן דער גרויסער מיליטער־פירער פון דער אָרדנונגס־פּאַרטיי, אַ נײַער אַלעקסאַנדער, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פונם פּאַכדאָנישן בורזשואַ, צעהאַקט דעם גאָרדיען־קנופּ פון דער רעוואָליוציע. אין דער עמעסן אָבער פּונקט אַזאַ גאָרנישט, ווי נאַפּאָלעאָן, איז ער גאָר אומפאַרדינט באַרימט געוואָרן, ווי אַ גרויסע פיגור.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אים איבערגעגעבן די אויפזיכט איבערן פּרעזידענט. ער אַליין האָט זיך אויסגעשײַנט, לעמאָשל, אין די דעבאַטן וועגן געהאַלט פאַרן פּרעזידענט, אין דער ראָליע פון באָנאַפּאַרטס אַ גרויסמוטיקן פּראָטעקטאָר, און האָט זיך אַלץ גאַיוועדיקער געהאַלטן מיט נאַפּאָלעאָנען און מיט זײַנע מיניסטאָרן. ווען מע האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן נײַעם וואַל־געזעץ ערוואַרט אַן אויפשטאַנד, האָט ער פאַרווערט זײַנע אָפיצערן אָנצונעמען וועלכע נישט איז באַפעלן פונם קריגס־מיניסטער אָדער פונם פּרעזידענט.

[1]) בוכשטעבלעך באַטײַט דער אויסרוף אין פראַנצויזיש: זאָל לעבן נאַפּאָלעאָן, זאָל לעבן די וואורשט! אין דײַטשן איז עס אַ ווערטער־שפּיל: וואורשט און האַנסוואורשט (Hanswurst — באַטײַט אַ פּאַיאַץ).

די פרעסע פון איר זייט האָט מיטגעהאָלפן צו דערהויבן די פערזענליכקייט פונם גענעראַל שאַנגאַרניע. נישט האָבנדיק קיין עקסטראָרדינערע פערזענליכקייטן, האָט די אָרדנונגס-פּאַרטיי געמוזט אויסקלייבן פאַר זיך אַ העלד און איינטיילן אים די קראַפט, וואָס איר גאַנצער קלאַס האָט נישט פאַרמאָגט. אזוי איז אַנטשטאַנען די לעגענדע וועגן שאַנגאַרניע, „די אייזערנע וואַנט פון דער געזעלשאַפט". די רייצנדיקע שאַרלאַטאַנעריי, די געהיימניספולע גאַד׳עס, מיט וועלכער שאַנגאַרניע האָט באַערט צו טראָגן אַף זיינע אַקסלען די גאַנצע וועלט, בילדעט אַ העכסט לעכערלעכן קאָנטראַסט מיט די געשעענישן אַפן סאַטאָריער פּאַראַד, און נאָך אים. די דאָזיקע געשעענישן האָבן פעסט דערוויזן, אַז עס איז גענוג איין שטריך מיטן פעדער פון באָנאַפּאַרטן, אַט דער אומענדליך קליינער פיגור, אַף אַראָפּצופירן די פאַנטאַסטישע באַשעפעניש פון דער בורזשואַזער שרעק, דעם גרויסן שאַנגאַרניע, ביז צו דער מאַדרייגע פון אַ געוויינטליכער מיטלמעסיקייט און פאַרוואַנדלען אים, דעם העלד — דעם רעטער פון דער געזעלשאַפט, אין אַ געוויינליכן דימיסיאָנירטן גענעראַל.

באָנאַפּאַרט האָט זיך נאָך אַביסל פריער נוקם געווען אָן שאַנגאַרניע׳ן שטויסנדיק זיין קריגס-מיניסטער אַף אַ דיסציפּלינאַרן צוזאַמענשטויס מיטן אומבאַקוועמען פּראָטעקטאָר. דער לעצטער פּאַראַד אַפן סאַטאָריער פעלד האָט געצוואונגען דערצו, אַז די אַלטע פיינטשאַפט זאָל זיך אָפן אַרויסגיסן. שאַנגאַרניע׳ס רעפּובליקאַנישע אויפפירונג האָט נישט געוואוסט פון קיין שום גרעניצן, ווען די פּאָלקן פון קאַוואַלעריע האָבן דעפילירט פאַר באָנאַפּאַרטן מיט אויסרופן Vive l'empereur — (זאָל לעבן דער קייסער!). קדיי אויסצומיידן אומאַנגענעמע דעבאַטן וועגן דעם אַף דער פאָרשטייענדיקער סעסיע פונם דעפּוטאַטן-הויז האָט באָנאַפּאַרט דערווייטערט דעם קריגס-מיניסטער ד׳אָפּול, באַשטימענדיק אים פאַר אַ גובערנאַטאָר פון אַלזשיר. אַף זיין אָרט האָט ער באַשטימט אַ גאַנץ זיכערן, אַלטן גענעראַל פון די אימפּעריע-צייטן, וואָס האָט מיט זיין גראָבקייט נישט אָפּגעטראָטן שאַנגאַרניע׳ן. אָבער ד׳אָפּול׳ס דימיסיע איז נישט געווען קיין האַנאָכ פאַר שאַנגאַרניע׳ן; קדיי קיינער זאָל קיין טעות נישט האָבן אַף דעם כעשבן, האָט באָנאַפּאַרט איינצייטיק אַריבערגעפירט דעם גענעראַל ניימאַיער, די רעכטע האַנט פונם רעטער פון דער געזעלשאַפט, פון פּאַריזש קיין נאַנט. ניימאַיער איז שולדיק געווען דערין, וואָס אַפן לעצטן פּאַראַד האָט דאָס פוס-מיליטער דעפילירט פאַר נאַפּאָלעאָנס נאָכפאָלגער אין אייז-קאַלטער שווייגעניש. שאַנגאַרניע, קעגן וועמען דער דאָזיקער קלאַפּ איז געווען געווענדעט, האָט פּראָטעסטירט און געסטראַשעט.

אומזיסט! נאָך צוויי-וואָכיקע אונטערהאַנדלונגען האָט זיך אין „מאָניטער" באַוויזן דער דעקרעט וועגן אַריבערפירן ניימאַיער׳ן אין נאַנט, און דעם אָרדנונגס-העלד איז נישט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי אונטערוואַרפן זיך דער דיסציפּלין און אָנגעבן אין דימיסיע.

דער קאַמף צווישן באָנאַפּאַרטן מיט שאַנגאַרניע׳ן איז אַ העמשעך פון זיין קאַמף מיט דער אָרדנונגס-פּאַרטיי. דעריבער עפנט זיך די נייע סעסיע פון

דער נאציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם 11-טן נאָיאַבר בא שווערע סימאָנים. דאָס איז אָבער זו שטורעם אין א גלאָז וואַסער. אין אלגעמיין וועט זיך איבער-כאַזערן די אלטע שפּיל.

די מערהייט פון דער אָרדנונגס-פאַרטיי וועט, נישט קוקנדיק אף די פּראָטעסטן פון אירע דאַקטרינערן, געצוואונגען זיין צו פאַרלייגערן דעם פּרעזידענטס פולמאַכטן, פון זיין זייט וועט נאַפּאָלעאָן, נישט קוקנדיק אף אלע זיינע פּריערדיקע פּראָטעסטען, — איינגעשטילט דורכן מאַנגל אין געלט, געצוואונגען זיין זיך צו באַפרידיקן מיט דעם דאָזיקן מאַנדאַט פון די הענט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אף אזא אויפן ווערט דער סאָף אָפּגעלייגט, די status quo פאַרבלייבט גאַנץ, איין פראַקציע פון דער אָרדנונגס-פאַרטיי קאָמפּראָמעטירט און שוואַכט אָפּ, מאַכט אוממעגליך די אַנדערע, אלע וואַקסן, און סאָף קאָל סאָף שעפּן זיך אויס די רעפּרעסיעס קעגן דעם אלגעמיינעם סוינע, דער מאַסע פון פאָלק, ביז וואַנען די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן אליין וועלן ענדליך ווידער נישט דערגרייכן צו אזא אַנטוויקלונגס-מדריגע, ווען א נייער אויפרייס וועט פאַרניכטן אלע קעמפנדיקע פּאַרטייען מיט זייער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק.

אלס טרייסט פאַר די בורזשואַ מוז מען פונדעסטוועגן צוגעבן, אז דער קאַמף צווישן באָנאַפּאַרטן און דער אָרדנונגס-פאַרטיי שטעלט אין רעזולטאַט בעדאַלעס אף דער בערזע אסאך קליינע קאַפּיטאַליסטן און פירט איבער זייערע קאַפּיטאַלן אין די קעשענעס פון די בערזן-וועלף

Тип. Госиздата. Зак. № 78. 3000 экз.